STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05542

# DER TSHEK UN DI EYBIKAYT

Hanan J. Ayalti

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Rabbi Marim Charry*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער טשעק

און די

# אייביקייט

# DER CHECK UN DI EYBIKEYT

## (Pay Check and Eternity)

By HANAN J. AYALTI

Copyright, 1950
by Hanan J. Ayalti
New-York N. Y.

Published by
Farlag B. REZNIKOVICH
Montevideo
Uruguay
PRINTED IN URUGUAY

ח. איאלטי

# דער טשעק און די איביקייט

נאָוועלן

פארלאג: ב. רעזניקאָוויטש
מאָנטעווידעאָ — אורוגוויי
1950

## פון זעלבן מחבר:

- **במחילות** (העברייאיש)
  שטיבל-פאַרלאַג, תל-אַביב, 1934.

- **טאַטע און זון**
  פאַרלאַג „צענטראַל", מאָנטעווידעאָ, 1943.
  פּרעמירט פון לואיס לאַמעד פאָנד, ניו־יאָרק, 1943.

- **דער האָטעל וואָס עקזיסטירט ניט**
  פאַרלאַג ב. רעזניקאָוויטש, מאָנטעווידעאָ, 1944.

- **יידישע שפּריכווערטער**
  (יידיש און ענגליש)
  שאָקען-פאַרלאַג, ניו-יאָרק, 1949.

פון דער ערשטער אויפלאַגע זיינען געדרוקט געוואָרן דרייצן הונדערט עקזעמפּלאַרן, דערפון הונדערט נומערירטע פון איינס ביז הונדערט.

# אינהאַלט:

זייט


| | |
|---|---|
| שכינתא בגלותא — — — — — — — — — — — — | 11 |
| אַ באַנקעט אין מעקסיקאָ־סיטי — — — — — — — | 31 |
| דער טשעק און די „אייביקע קוואַלן" — — — — — — — | 53 |
| משיחיס אייזל — — — — — — — — — — — | 93 |
| דער מעמאָראַנדום פון די ל"ו — — — — — — | 113 |
| די אַנטדעקונג פון טראַטאַגוואַי — — — — — — | 129 |
| צו אַ ברעג — — — — — — — — — — — — | 145 |
| פון ווייטן וועסטן דאָס לאַנד — — — — | 163 |
| שווער צו ווערן אַ גוי — — — — — — — — | 187 |
| דער באָבעס „בעסטסעלער" — — — — — — | 205 |

# שכינתא בגלותא

# שכינתא בגלותא

ביי אונדז אינדערהיים, אז מען פלעגט וועלן אָפּמשל׳ען, אז עס גייט עמיצן גוט, פלעגט מען זאָגן: „עס לעבט זיך אים ווי גאָט אין פראַנקרייך..." און איך זאָג אייך, אז אויף אַלע שונאי ציון געזאָגט געוואָרן, ס׳אַרא פּנים די אמונה האָט באַקומען אין דער דאָזיקער מדינה!...

אזוי האָט אָנגעהויבן זיין שמועס ר׳ יששכר, „דער פּאָדריאַטשיק פון קדישים", — ווי מען רופט אים אויפן פּאַריזער יידישן „פּלעצל" — בעת מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געטראָפן אויף אַ באַנק פון אַ סקווער, טאַקע אין דער דאָזיקער געגנט.

ער האָט אונטערגעהויבן זיין שוואַרצע, דיקע קאַפּאָטע, וואָס ער האָט געטראָגן סיי ווינטער סיי זומער, האָט צוזאַמענגעצויגן די איינגעפאַלענע באַקן און קראַצנדיק מיט צוויי פינגער אין שיטערן, געלן בערדל, ווי זיין שטייגער, ווען ער פאַרטראַכט זיך אין עפּעס אַ חקירה, האָט ער צוגעגעבן:

— און אויב איר ווילט, איז פּונקט פאַרקערט — היפּכא מס-

תבראָ!... איר קענט זיך אַראָפּנעמען גראָד אַ פּאַרקערטן מוסר השכל פון דער געשיכטע, וואָס איך גיי אייך דאָ דערציילן: ס׳הייסט דער רבונו של עולם איז אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק, „כבודו מלא עולם", אַז אפילו אין פּאַריז, אין די מ"ט שערי טומאה, רחמנא ליצלן, קענט איר געפינען אַ פונק פון הייליקייט, אַ ניצוץ... עס שרייט אַרויס פון די טיפענישן... ממעמקים...

זינט אַ שיין עטלעכע יאָר פלעג איך זיך טרעפן מיט ר׳ יששכרן; אַז דו זיצסט אָפּ עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד איבער דיקע ביכער אין אַן אָנגעפּאַקטער ביבליאָטעק, אַז דו לאָזסט זיך אַריין אין שעה׳ן לאַנגע דיסקוסיעס וועגן מאַרקסיזם און פּאַציפיזם און ענלעכע ענינים אין אָנגערויכערטע קאַפייען פון „לאַטיינישן קוואַרטאַל", כאַפּט דיך פּלוצלונג אָן אַ גלוסטעניש צו הערן אַ יידיש וואָרט. פלעג איך דאַן גיין אויפזוכן ר׳ יששכר׳ן.

און כאָטש קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען — בסך הכל איז ער זיינער צייט געווען אַן אויבער-שמש פון אַ קלויז אין סאָקאָ-לע, וואָס אין פּוילן — האָט ער זיך דאָך געהאַט געריבן צווישן יידן למדנים, האָט געהערט דרייסיק יאָר אַ שיעור אין משניות, האָט אַריינגעקוקט אויף דער אייגענער האַנט אין אַן „עין יעקב" און נע-מענדיק אַ שמעק טאַבאַק ביי אַ פיינעם בעל-הבית, פלעגט ער פאַר איין וועג אונטערכאַפּן אַ גוט וואָרט, אַ פּשט׳ל, אַ המצאה׳לע.

— ווי קומט אַ סאָקאָלער אויבער-שמש קיין פּאַריז? — גאַנץ איינפאַך: דער ברודער פון דער כלה פון זיין יינגערן זון איז דאָ גע-בליבן שטעקן אויפן וועג קיין אַרגענטינע. האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיין שוועסטער און זי האָט אַרויסגעפאָדערט איר חתן און יענער האָט מיטגעבראַכט זיין טאַטן — ר׳ יששכר׳ן, הייסט עס — וועלכער איז

געווען אַן אַלמן זינט צען יאָר און ניט געוואָלט בלייבן עלנט ווי
אַ שטיין...

אָבער וויפל איז דער שיעור צו זיצן און עסן ביי אַ שנור, בפרט
אַז אין דער ענגער דירה זיינען אונטערגעקומען עטלעכע קליינוואַרג
און דער יקרות האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. האָט זיך ר׳ יששכר
גענומען אַרומקוקן נאָך איינער פון זיינע אַמאָליקע פּרנסות.

וואָרעם אין סאַקאַלע איז ער געווען ניט נאָר אויבער־שמש —
ער האָט דאָרט דערפילט כלעריליי אַנדערע פונקציעס פון אַ כלי קודש:
האָט צוגעהאָלפן ביי קברנות, איז געווען אַן אויפזעער איבערן אייז־
קעלער פון „לינת חולים״, האָט געוועקט צו „סליחות״ און געמאַכט
אין חודש אלול הזכרות אויפן בית־עולם.

— אָבער וואָס קען מען שוין אין פּאַריז פאַרדינען פון יידיש־
קייט? — אמת, אין די ענגע געסלעך פון „פּלעצל״ לעבן, קיין עין הרע
ניט, אַ היפּש ביסל „אונדזערע״ יידן, פאַראַן כשר׳ע יאַטקעס, עטלעכע
שולן און, להבדיל, אַ שוויץ־באָד... און ערב פּסח קומען אַהערצו
אַפילו פראַנצויזישע יידן מיט אייגענע אויטאָמאָבילן איינקויפן
מצות... אָבער אַ גאַנץ יאָר איז דער עולם פאַרזונקען אין עולם־הזה:
אין דאַזיקן כרך מיט די קינאָס און טעאַטערן, און עלעקטערע און
פּאָליטיק ווערט דאָס ביסל יידישקייט במל בששים!

איז טאַקע ר׳ יששכרס מעמד ניט געווען גאָר קיין געהויבענער:
ער האָט עטלעכע מאָל געזאָגט תהילים פאַר אַ חולה, האָט צוגעהאַנדלט
מיט ציצית און מחזורים און פאַרדינט גאַרניט מיט נישט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז ער גייט אין גאַס און עס בלייבט שטיין
לעבן אים אַן אויטאָמאָביל און עס גייט פון אים אַרויס אַ פיינער
יונגערמאַן, שיין געקליידעט, מיט ברילן אויף דער נאָז, און ווענדעט
זיך צו אים האַלב דייטשמעריש און האַלב אויף פראַנצויזיש:

— איר זיינט דאָך א ייד?

— אוודאי! — ענטפערט ר׳ יששכר, א ביסל איבערגעשראָקן.

— איז קענט איר אפשר ארויסקומען צו מיר מיט א „מנין״, זאָגן קדיש?... איך האָב יאָרצייט נאָך מיין טאטן...

ר׳ יששכר האָט זיך געוואָלט מיישב זיין, א קלער טאָן. אָבער די עלעגאַנטע מלבושים מיטן גלאַנציקן אויטאָ און מיטן קדיש אינמיטן האָבן אים אזוי צע׳חוש׳ט, אז ער האָט גלייך אויף אָרט געענטפערט:

— אוודאי ט׳מען ארויסקומען... א קלייניקייט, אזא מצווה!...

און איידער ער האָט באַוויזן זיך ארומצוקוקן, האָט יענער אים אריינגעשטעקט אין האַנט א וויזיט-קארטע מיט אן אדרעס, מיטן גע-נויעם טאָג און שעה, און והילד איננו! ער איז נעלם געוואָרן...

מיטן צונויפקלאַפּן דעם ערשטן מנין איז עס צוגעגאַנגען שווער-לעך: וואָרעם דער בעל-דבר האָט ניט געלאָזט קיין האַנט-געלט און ר׳ יששכר האָט ניט פארמאָגט קיין קאפּיטאַל אויף הוצאות הדרך. אויך האָבן אים כלערליי מענטשן אין שול שווער געמאַכט דאָס הארץ: אז א ליץ האָט מיט אים געטריבן קאַטאָוועס, אז די גאַנצע מעשה האָט זיך אים גע׳חלומ׳ט און ענלעכע השערות. אָבער ר׳ יששכר האָט געהאַט בטחון. און אז זיי זיינען אָנגעקומען אין דער וויימער, רחבותדיקער גאַס, וואָס איז געווען באַזוימט מיט ביימער פוןביידע זייטן, און זיינען שטיין געבליבן פאַר א הויכן, שיינעם בנין, האָט דער „קאָנסיערזש״, דערזעענדיק אין פריען פארטאָג אזא מין עולם, זיי בשום אופן ניט געוואָלט אריינלאָזן אין געפלאַסטערטן קאָרידאָר, וואָס ער האָט גראָד געהאַלטן אין וואַשן מיט וואַסער און זייף. א נס וואָס דער פיינער יונגערמאַן איז דערשינען אין זעלבן אויגנ-בליק. ער האָט משמעות פאַרגעפילט די סכנה און זיך אראָפּגעלאָזט

מיט דער ווינדע גלייך אין קאָרידאָר אַראָפּ. דער „קאָנסיערזש" האָט זיך פאַר אים פאַרנויגט, געזאָגט אַ שיינעם גוט מאָרגן און ישׂשׂכרס עולם האָט זיך געלאָזט פירן פון יונגערמאַן; זיי האָבן זיך ניט גע־קענט אָפּוואונדערן פון די גלאַנצנדיקע ווענט מיט די שפּיגלען און „אַלבאַסטערס" און פון די טייערע לייוונטן, וואָס זיינען געלעגן אויס־געשפּרייט אויף די טרעפּ. און אין דער דירה גופא האָט מען זיי גע־פירט איבער צימערן און קאָרידאָרן, און סאַלאָנען ביז אין איינעם אַ חדר, וואו מען האָט זיי געבעטן זיצן אויף ווייכע שטולן. דער פיינער יונגערמאַן האָט ארויסגעזוכט פון שראַנק אַן אַלט סידור'ל און עס פאַרזיכטיק געהאַלטן איןביידע הענט:

— אַ ירושה פון זיין זיידן — האָט ער זיי דערציילט — ער האָט געוווינט אין שטראַסבורג, זיין זיידע.

און דער דאָזיקער „מעסיע" טאַקע האָט אים פאַרשאַפט די ער־שטע קונדן. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מזל ברכה.

* *

*

אַזוי אַרום איז ר' ישׂשׂכר געוואָרן אַן אונטערנעמער פון „קדי־שים". און קיין גרויסע קאָנקורענץ איז ניטאָ: וואָרעם אַ גאַנצער „מנין" מיט איין קלאַפּ וואַלגערט זיך ניט אין די גאַסן. און די „פראַנ־צויזירטע" יידן האַלטן פון אים אַן עולם ומלואו, ווי נאָר ער וואָלט מסוגל געווען צו מאַכן די אמת'ע הזכרה און זאָגן דעם ריכטיקן „קדיש"...

און פאַראַן נאָך אַ סך צווישן זיי, וואָס האָבן אין זיך אַ פּונק ייִדישקייט: וואָרעם דאָרט, אין די גוי'אישע גאַסן זיינען זיי דאָך עפּעס ניט אַהין און ניט אַהער, זיינען פּונקט ווי אַלע פראַנצויזן און

דאַך אַנדערש... און אַ גוי, להבדיל, צלמ׳ט זיך דאַך אויך... ווילט זיך זיי דערמאָנען, אַז זיי זיינען ניט געבוירן געוואָרן פון אַ שטיין.

און אַ חוץ דעם: אַליין מעגסטו מאַקע זיין, וואָס דו ווילסט, קענסט עסן טריפות, מחלל שבת זיין און גאָלן די מאָרדע — אָבער וואָס האָסטו צו פאַרשווארצן דעם טאַטנס פּנים אויף יענער וועלט?

און ר׳ יששכר האָט אַלץ „אַראַנזשירט" פיין און מאָדערן, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ כרך ווי פּאַריז: ער האָט איינגעאָרדנט אַ ספּעציעל לוח׳ל וואו יעדער קדיש-זאָגער פון זיין מנין האָט אַ באַזונדער בלעטל מיט זיין געטויעם חשבון. און די בעלי-בתים האָבן אויך יעדער איי-נער זיין בלעטל: דער אַדרעס, דער טאָג פון יאָרצייט און דער אמת׳ער, יידישער נאָמען סיי פון נפטר און סיי פון זיין זון.

וואָרעם גיי זאָג אַריין אינמיטן דער הזכרה: „את נשמת רב פראַנסואַ ברב עדואַר בעבור שבנו זשאַן פּאָל נדב לצדקה..." אָדער גאָר האשה הצנועה (סכנות נפשות!) מרת מאַדאַם... מאַדאַם, ווי?... און די פראַנצויזירטע יידן האָבן אַלע אַזעלכע נעמען און פרעג זיי בחרים, ווי זיי הייסן אויף לשון-קודש! אָבער ר׳ יששכר האָט זיך אויסגעטויגט אין קהל׳שע ענינים און זיך שנעל אַן עצה געגעבן: פון מאַדאַם רענע-קלאָד האָט ער איבערגעמאַכט האשה רבקה בת ר׳ קלמן, און זשאַן פּאָל פראַנסואַ האָט ער פאַרטייטשט: ר׳ יעקב פייוול בר׳ פּנחס. און אַזוי האָט ער עס פאַרצייכנט אין זיין לוח׳ל, כדי מען זאָל אם ירצה השם איבעראַיאָר ניט דאַרפן ווידער אַמאָל זיך ברעכן דעם קאָפּ...

און אין מנין גופא הערשט דיסציפּלין און אָרדענונג. מפני דרכי העולם האָט מען זיך אפילו עטוואָס צוגעשאָרן די בערד און פאַר יעדן „קדיש" מוזן די קאַפּאָטעס אַרומגעפּוצט ווערן. ער האָט אַן אַ שיעור בעלנים, וואָס וואָלטן געוואָלט אַריינטרעטן אין זיין חברה, אָבער ניט אַזוי לייכט איז מען זוכה דערצו: מען מוז פריער זיין

א קאנדידאט, א ממלא מקום, ווען עמיצער ווערט חס ושלום קראנק. און אז איינער שטארבט, נאך הונדערט מיט צוואנציק יאר, נעמט מען אריין א נייעם אין דער חברה.

און דער בעל הבית איז ער, ר׳ יששכר: ער האלט דאס לוחל און ער פירט דעם משא ומתן מיט די בעלי־הקדיש. און אפילו עטלעכע ווערטער פראנצויזיש האט ער זיך אויסגעלערנט, ווי עס שטייט גע־שריבן: ודע מה שתשיב...

און א סברא, אז אין די צייטן פון לעאן בלום, ווען גאנץ פאריז האט זיך א נעם געטאן שטרייקן און באזעצן די פאבריקן, האט זיין עולם אויך אנגעהויבן מורמלען אונטער די וואנצעס. ווארעם ס׳האבן געשטרייקט אפילו שוסטער און שניידער, זשוק און זשאבע! האט זיי ר׳ יששכר פארזאמלט אויף א מין מיטינג און צו זיי גערעדט בזה הלשון:

— א הוספה איז א הוספה, אבער וואס איז שייך צו זאגן שטרייקן ביי א קדיש?... דער מת קען דען ווארטן, רחמנא ליצלן?

און דערנאך האט זיך פאריז בארואיקט. ווארעם שטרייקן פאר־גייען און קדיש בלייבט. און אז עס קומט אונטער א טאג פון א יאר־צייט, פארזאמלען זיך זיינע מענטשן אויפן דאג פון ריוואלי־גאס און דער גאס פון קעניג מ. און מען לאזט זיך אין וועג אריין.

* *

*

אויף יענעם דאג פון ריוואלי-גאס און דער גאס פון קעניג מ. געפינט זיך א קליין קאפע-הויז — פארנט א לענגלעך צימער מיט א פארבאנק פאר שטייענדיקע געסט און הינטן — א קליינער זאל מיט רויטע טישלעך, געפלאכטענע שטולן און ווייכע אנלענען לענגוים די

ווענט פאַר קליענטן, וואָס ווילן אַ ביסל פאַרברענגען ביי אַ גלעזל קאַווע. פאַרטאָג, ווען אין די רוישיקע קוואַרטאַלן פון שטאָט, אויפן מאָנמאַרטר און מאָנפּאַרנאַס, ווערן געשלאָסן די נאַכט-לאָקאַלן, עפנט זיך דאָס שענקל אויפן ראָג פון ריוואָלי-גאַס. דער בעל-הבית מאַכט ליכט נאָר אין פאָדערשטן צימער. עס כאַפּט זיך אַריין אַ שאָפער, וואָס פירט אַ קאַמיאָן גרינסן אין די נאָענטע „האַלעס", און טרינקט אויס אַ גלעזל משקה אויף איין פוס, ביים פאָרבאַנק; עס פאַלט אַריין אַן אַרבעטער, וואָס ווינט אויפן „פּלעצל" און מוז פאָרן ווייט צו דער אַרבעט; און דער עיקר קומען דאָרט אין די פרימאָרגן־שעה'ן אַריין די „פרויענצימערן", וואָס פאַרדינען זייער פרנסה אין די נעכט.

ס'איז דאָרט אַ מין טרעף-פּונקט פון אַ גאַנצער קאָמפּאַניע זייע־רער. זיי קומען פון די אַרומיקע געסלעך: פון דער גאַס פון „הייליקן מאַרטען", וואו זיי שטייען אַ גאַנצע נאַכט ביי די טירן פון שמוציקע האָטעלכלעך און ווינקען צו פאַרבייגייער; פון די „האַלעס", וואו דאָס לעבן איז וואַך אַ גאַנצע נאַכט; פון נאָענטן ראָג פון בולוואַר סעוואַס־טאָפּאָל, וואו זיי האָבן זייער בערזע און פון סאַמען „פּלעצל", וואו מען הערט איינע פון זיי רופן אויף יידיש.

זיי קומען אַריין אויסגעמאַטערטע פון ניט געשלאָפענע נעכט, מיט בלאַסע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן. נאַכלעסיק פּראַווען זיי צו אין די ווענט-שפּיגלען די צעקראַכענע פאַרב און שמינקע פון די פּנימ'ער, זעצן זיך אויס אין אַ לאַנגער שורה לענגויס דעם פאָרבאַנק פון פאָדערשטן זאַל, שמועסן וועגן היימישע ענינים — באַלעבאַטיש־קייט, משפחה, מאכלים — דערקוויקן זיך ביי אַ גלעזל וואַרימער קאַווע און ציילן די פאַרדינסטן פון דער נאַכט, וואָס זיי ציען אַרויס פון די זאָקן.

* *

*

ר׳ יששכר׳ס מענטשן פארזאמלען זיך אין יענעם ראָג, ווייל אהינצו פירן די געסלעך פון „פלעצל״, ווייל ס׳איז דאָרט היימלעכער מחמת דעם באַלויכטענעם קאפע־הויז און ווייל פון דאָרט זעט מען, צי די נאָענטע מעטראָ־סטאַציע איז שוין אָפן. וואָרעם ביז יענע גאַסן, וואו עס וואוינען די פראַנצויזישע יידן מוז מען אָפטמאָל פאָרן א שטיק צייט און טיילמאָל מוז מען נאָך לויפן א מהלך וועג צופוס. און עס טרעפט אפילו, אז מען דאַרף ארויספאָרן אין א ווילע הינטער דער שטאָט. און די בעלי־בתים ווילן מען זאָל קומען זייער פרי צוליב „למה יאמרו הגויים״ — צו וואָס זאָלן די שכנים זען אזא עולם יידן מיט בערד אריינגיין אין דער וווינונג?

זומער פארזאמלט מען זיך אין גאַס און מען וואַרט גערולדיק אויפן ערשטן צוג פון אונטערגרונט. אָבער ווינטער, בפרט ווען עס רעגנט, איז סכנות נפשות צו וואַרטן אין דרויסן, גייט מען דאַן אריין אינעווייניק, אין הינטערשטן זאַל, וואו מען צינדט ניט אָן קיין ליכט. (זיי זיינען דאָרט גאַרניט טועם — ר׳ יששכר איז מושווה געוואָרן מיטן שענקער אן אַלגעמיינעם פרייז פאַרן גאַנצן סעזאָן).

בעתן ערשטן צוזאַמענטרעף האָבן די „פּרויענצימערן״ אויספּרוּ־בירט זייער מזל ביי ר׳ יששכר׳ס עולם. וואָרעם „זיי״ האָבן זיך זייער איינגענעם געזיכטס־פונקט אויף מענטשן... און דער׳עיקר׳שט האָבן זיי זיך א נעם געטאָן צו ר׳ אהרונ׳ען.

— וואָס עפּעס דווקא צו ר׳ אהרונ׳ען?

— ווייל ערשטנס איז ער דער יינגסטער פון דער חברה, קוים עפּעס מער פון א בן חמישים; והשנית האָט ער פונקט דעמאָלט אָנ־געטאָן עפּעס א מאָדנעם סורדוט, וואָס זיין זון, א סוחר פון אַלטוואַרג, האָט אויסגעפונען אין א פּאַק מלבושים, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אויף א ליציטאַציע. א גאַנץ שיינער סורדוט איז עס נאָך געווען, פון

שוואַרצן, גלאַנצענדיקן סאַמעט; און ר׳ אהרון האָט אין אים אויסגע-
זען ווי אַ פּאָעט פון פאַריקן יאָרהונדערט.

האָט זיך איינע פון די „פּרויענצימערן" צוגעזעצט האַרט נעבן
אים, אים שפּילעוודיק אַ גלעט געטאָן איבערן באָרד און זיך געח׳נד׳לט
מיט אַ זיסער שטימעלע:

— קום, דו גייסט מיט מיר, מיין טייער קעפּל-קרויט?

זי איז ניט אויסן געווען אים צו באַליידיקן — אויף זייער לשון
רעדט מען אַזוי. און ר׳ אהרון האָט זי סיי ווי ניט פאַרשטאַנען. ער איז
געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט און האָט טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.
נאָר פון אַ ווינקל פון די אויגן האָט ער באַוויזן זי אָנצוקוקן: זי איז
געווען אָנגעפאַרבט, האָט געטראָגן אַ שוואַרצן פוטער און האָט אויס-
געזען ווי, אַ שטייגער, די גוי׳אישע אַפּטייקערשע פון דער היים... ווי
די אַפּטייקערשע אָדער ווי איינע פון די יונגע פּריצ׳טעלעך, וואָס פלעגן
זונטיק אַראָפּקומען אויף בריטשקעלעך פון די אַרומיקע הויפן אין
שטעטל אַריין.

האָט דעריבער ר׳ אהרון זיך ניט געטרויט זי אָפּצושטופּן. און
פון דער אַנדער זייט איז געווען געפערלעך צו בלייבן זיצן. איז כדי
ניט אַריינצופאַלן אין הרהורי-עבירה, האָט ער אָנגעהויבן אַריינטראַכ-
טען אין די שווערע שטראָפן, וואָס די זינדיקע מוזן אָפּקומען אויף יע-
נער וועלט: ווי מען שפּרינגט פון אַ קאָכעדיקן קעסל וואַסער אין
אַ באַרג שניי און אויף צוריק, ווי מען ווערט מגולגל אין אַ זשאַבע — —

אָפּגעשטויסן דורך דער טיפער גלייכגילטיקייט, וואָס אַזוינס האָט
זי זיך ניט געריכט אָנצוטרעפן ביי אַ באַיאָרנטן הער, האָט דאָס מיידל
זיך אויפגעהויבן און איז אַריבער אין פאָדערשטן צימער. ר׳ אהרון
האָט נאָך אַ ווײַלע געאָטעמט דעם שאַרפן ריח פון פּערפיום, וואָס זי
האָט געלאָזן הינטער זיך, און דאַן האָט ער געעפנט די אויגן. אָבער

באַלד איז אַריין אַ צווייטע און זיך ווידער דערגענטערט צו אים, פּונקט ווי דער שטן אַליין וואָלט אים דאָ געוואָלט ברענגען צו אַ נסיון, זיך פאַרשטעלנדיק אונטער פאַרשיידענע פּנים׳ער.

אָבער געזיגט האָט ר׳ אהרון מיט זיינע מוסר-געדאַנקען און ניט דער בעל-דבר, מיט זיינע זיסע ריידעלעך.

און אויף צומאָרגנס האָט מען ר׳ יששכר׳ס מנין געלאָזט צורו. די מיידלעך האָבן אַפילו ניט איבערגעטראָטן דעם שוועל, בפרט אַז דער שענקער האָט זיי דערקלערט מיט כל׳ערליי משלים דעם שכל פון דער זאַך. זיי האָבן נאָר נייגעריק מיט האַלב־אַמוזירטע און האַלב פרומע בליקן אַריינגעקוקט דורך דער גלעזערנער טיר צו די זקנים, וואָס זיינען געזעסן אין אַ ווינקל, און זיך שמינקענדיק די ליפּן מיט „רויט”, האָט איינע געזאָגט צו דער צווייטער:

— אַ פּרנסה, ווי אַלע אַנדערע, נ׳עס פּאַ? (ניט אמת?).

די איבעריקע האָבן מיטפילנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און דער בעל-הבית האָט סאָרטירט די פלעשער אויף דער פּאָליצע, און גע׳פסק׳נט, ווי תמיד אין אַזאַ פאַל:

— שאַקען דעפּאַן סאַן ביפטעק! (איעדער פאַרטיידיקט זיין ביסן פלייש!).

* *
*

ס׳איז אַריבער אַ גאַנצער ווינטער און קיינער פון די קליענטן, וואָס האָבן געטרונקען ביים פאַרבאַנק, האָט אין דער פריער שעה ניט פאַרשמעקט אין הינטערשטן זאַל, וואו יששכר מיט זיינע מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט. ביז איינמאָל, אין היינטיקן פרילינג האָט עס פּאַסירט — און דאָ הויבט זיך אָן די געשיכטע, וואָס ר׳ יששכר איז אויסן גע-

ח. איאַלטי

ווען מיר צו דערציילן — עפּנט זיך די טיר און אויפן שוועל באַווייזט זיך אַ געשטאַלט פון אַ פרוי. כאָטש קיין ליכט האָט אין צימער גופא ניט געברענט און נאָר אַ מאַטע שיין האָט זיך אַריינגעזיפּט דורך דעם דיקן גלאָז פון די טיר-שויבן, האָט מען דאָך געקענט אונטער־שיידן די שטריכן פון דעם אומגעבעטענעם גאַסט. זי איז געווען ניט הויך, גאַנץ שלאַנק, אַ שוואַרצינקע, מיט לאַנגע ווימפּערן איבער האַלב־געשלאָסענע אויגן. און געהאַט האָט זי אין זיך עפּעס אייגנאַרטיקעס, היימישעס, גאָר אַנדערש ווי די איבעריקע:

„ווען ניט אירע דיק־אָנגעפּאַרבטע ליפּן, וואָלט זי אויסגעזען ווי אַ כלה-מיידל"... — האָט אַ טראַכט געטאָן ר' אהרון און אַ ציטער איז אים דורכגעלאָפן.

אָבער דאָס מאָל האָט זיך דאָס מיידל דווקא דערנענטערט צו ר' שמחה'ן, וועלכער איז געווען דער עלטסטער פון דער חברה און געהאַט אַ לאַנגע, גרויע באָרד, וואָס ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפּקירצן. זי איז שטיין געבליבן פאַר אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און האָט שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן אויף יידיש:

— איר זיינט דאָך יידן?

— מ... מ... — האָט דער אַלטער אַ ברום געטאָן אין זיין באָרד אַריין און אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אין דער אַנדער זייט — אוודאי זיינען מיר ייד', וואָס דען זיינען מיר? — האָט ער אָפּגעזיפצט.

— מיר דאַכט זיך... — האָט דאָס מיידל גערעדט אומדרייסט און זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט אינמיטן — מיר דאַכט זיך... וואָס פאַר אַ חודש האָבן מיר היינט אויף דער וועלט?

— מיר זיינען שוין באַלד אינמיטן אדר — האָט עמיצער אַ רעד־געטאָן פון אַ ווינקל.

## שכינתא בגלותא

— ברוך השם דריי טעג פאר פורים — האט עמיצער אנדערש אונטערגעזיפצט.

— אוי ווי איז מיר!... אוי ווינד איז מיר!!... — האט די אומ־באקאנטע אצינד באקומען לשון און אונטערגעזונגען מיט א היימישן ניגון — ווי דאס הארץ וואלט מיר געזאגט — איך האב דאך היינט יארצייט... יארצייט נאך מיין אלטן, עליו השלום...

און א שטראם טרערן האט א פלייץ געטאן פון אירע אויגן.

ראשעל — אזוי האט זי געהייסן צווישן אירע חברטאָרינס — האט זיך געפילט שטארק איינזאם אין פאריז. אמת ביי דער ארבעט האט זי געהאט דערפאלג — איר נאאיווער חן האט צוגעזאגט און גע־לאקט. אבער בלייבנדיק אליין אין איר צימערל, איז איר אפט געווען טרויעריק אויפן הארצן: „איינע אליין... ניט קיין פריינט און ניט קיין גואל... ניט קיין שבת און ניט קיין יום־טוב" — פלעגט זי זיך אליין באקלאגן מיט די ווערטער, מיט וועלכע די מאמע האט זיך באוויינט, ווען זי איז איינמאל, פאר א סך יארן צוריק, געקומען צופארן אויף א קורצן באזוך אהיים.

די אנדערע חבר'טעס אירע האבן געהאט משפחה אין די דער־פער אדער אפילו אין שטאט. און א שטיקל אמונה האבן זיי אויך גע־האט. איטלעכע האט געטראגן א צלמ'ל אדער א מעדאלאנטשיק מיט א „הייליקן בילד" אויפן האלדז. און דערצו האבן זיי געהאט אן איי־גענע „שאפעל", א קליינע קירכע, אויפן מאנמארטר, וואס האט גע־הערט נאר צו זיי, די פארשטויסענע פון דער געזעלשאפט. די „היי־ליקע", וואס איז דארט געשטאנען ביים אלטאר, איז געווען זייער אפי־טרופוס: איז איינער געגאנגען שלעכט — דער געליבטער האט צוגענו־מען ביזן לעצטן גראשן און נאך דערצו געשלאגן, ווייל דער פארדינסט איז אים פארגעקומען צו קליין — איז מען געגאנגען צו דער „היילי־

קער", אָנגעצונדן ליכט פאַרן בילד און אויסגעגאָסן דאָס ביטערע הארץ. אז מען איז ארויסגעגאנגען אן אויסגעהיילטע פון שפיטאָל, האָט מען אויך ניט פאַרגעסן אָן דער באַשיצערין. און געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אַהינגעגאַנגען יעדע וואָך זיך מתוודה צו זיין אויף זייערע זינד.

ראַשעל איז דאָרט קיינמאָל ניט געגאַנגען, הגם די חבר'טעס האָבען איר אָפט צוגערעדט און פאַרזיכערט, אַז זייער באַשיצערין מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישן אמונות. זי פלעגט זיך אויסווייַנען בעת'ן לייענען די בריוו, וואָס די מאַמע האָט איר געשריבן, אין וועלכע זי האָט איר אַ סך מאָל באַדאַנקט פאַרן געלט, וואָס רחל'ע האָט יעדן חודש געשיקט אין דער אָרימער היים.

דערפאַר האָט איר אַזוי פאַרקלעמט ביים הארצן, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט היינט יאָרצייט נאָכן טאַטן. פּלוצלונג איז איר קלאָר געוואָרן, אַז ער איז איר היינט געקומען צו חלום: זי האָט פאַרבראַכט אַ שלאָפלאָזע נאַכט אין אַן ענגן טויער, אַרומגערינגלט פון אַ פאַרעגנטן דרויסן, און ווען זי איז שפּעטער אויף איין אויגנבליק אַנטדרימלט געוואָרן אין אַ פרעמדן האָטעל-בעטל, האָט זי דערזען זיינע טרויעריקע אויגן, פול מיט געבעט. דאָס צערטלען פון אַ נאָך-ניט פולשטענדיק געזעטיקטן מאַן האָט פאַרטריבן זיין געשטאַלט.

דערהערנדיק דאָס כליפּען פון דער פאַרשטויסענער איז דער עולם וויכער געוואָרן. דער אַלטער ר' שמחה האָט זי אַפילו באַטראַכט פון אונטער זיינע געדיכטע, צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַז אָך און אַז וויי!... אַ יידישע טאָכטער!...

און ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט מיט וויפל דאגות און זאָרגן

ס׳איז אים אָנגעקומען דאָס אויסגעבן פון זיינע דריי טעכטער, די בוגרות.

— גאָט איז אַ בארמהערציקער!... — האָט ער אַ זיפץ געטאָן.

דערהערט אַזעלכע טרייסט-ווערטער, איז רחל׳ען לייכטער גע־וואָרן אויפן הארצן:

— מען קען דאָך מאכן אַ „הזכרה״ — האָט זי געקוקט אויפן עולם מיט אַ בעטנדיקן בליק, ווי פון זיי וואָלט אָפּהענגיק געווען די ישועה — מען קען דאָך זאָגן אַ „קדיש״...

די זקנים האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט פרעגנדיקע בליקן. ראשעל האָט באַטראַכט זייערע אָפּגעטראָגענע מלבושים און אירע אויגן האָבן אויפגעבליצט:

— איך וועל באַצאָלן! כ׳פאַרלאַנג ניט, חס ושלום, אומזיסט... וואָס מע׳ט זאָגן, וועל איך באַצאָלן!

און זי האָט זיך איינגעבויגן, האָט אַ שאר געטאָן דאָס קליידל איבער אַ קני, זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט און אויסדרייענדיק זיך מיט דער פלייצע צום עולם, האָט זי מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַרויסגע־שלעפּט עטלעכע באַנקנאָטן פון זאָק.

— ניין, ניין — האָט דער אַלטער ר׳ שמחה געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט גערעדט ניט אַזוי צו איר ווי צו די אַנדערע — ס׳איז דאָך בפירוש „אתנן זונה״... אתנן זונה ומחיר כלב...

אָבער דאָ איז שוין ר׳ יששכר אַרוים פון די כלים: וואָס האָט זיך דער אַלטער צו מישן אין פרעמדע געשעפטן? די געלט־ענינים געהערן צו אים, צו ר׳ יששכרן... און אַז ער וועט וועלן, ט׳מען עס בכלל מאכן אומזיסט און שוין!

וואָרעם ר׳ יששכר איז געוווינט געווען צו מלמד זכות זיין אויף יעדן מענטשן און ער האָט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דער אומ־

גליקלעכער! און יענע „פּראָגרעסיווע” ייִדן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — זיינען זיי דען בעסער? זייער געלט איז דען כשר׳ער?... עסן זיי דען ניט קיין טריפות און שעמען זיי זיך ניט מיט דעם ייִדישן נאָמען?... ניין, קיינער איז דאָ ניט בעסער! און אַז ישראל בגלותא איז אויך שכינתא בגלותא... ווי דער חזן טוט זינגען: אנו מתירין להתפלל עם העבריינים...

אָבער כדי ניט אַריינצופאַלן אין יצר הרע פון געלט, האָט ער פּרובירט פּאָרלייגן:

— אפשר ט׳איר אַריינגיין אין אַ שול? בעטן דעם שמש...

— ווי קען איך וואַרטן, אַז איך שטאַרב שלאָפן — האָט דאָס מיידל דערזען, אַז זי האָט דאָ אַ צד אין טיש, — וואָסי, מיין גראָשן איז קיין גראָשן ניט? די גרעסטע מצווה וועט איר פאַרדינען — — —

גראַדע זיינען אָנגעקומען די לעצטע צוויי פון מנין און מען האָט זיך געקענט לאָזן אין וועג אַריין צום פיינעם בעל־הקדיש, וואָס הינטער דער שטאָט. אָבער ר׳ יששכר האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אפריער ט׳מען דאָ פּאַרטיק ווערן! יענע קענען איינמאָל צוואַוואַרטן. נישקשה, ר׳ יששכר וויל אויך פאַרדינען אַ מצווה!

בשעת מעשה האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז קיין געלט וועט ער ביים מיידל ניט נעמען. אַ גאַנץ לעבן פּטר׳ט מען אים אָפּ מיט ש״הי פ״הי, מיט די פּאָר גראָשן, און די מצוות פאַרדינען די אַנדערע, וועט ער דאָס מאָל אָפּנעמען דאָס זייניקע: אי העלפן אַן אָרימער יתומה אי טאָן אַ חסד של אמת מיטן נפטר — — —

און מען האָט זיך געוואַשן די הענט מיט וואַסער, וואָס רחל׳ע האָט געבראַכט צו טראָגן פון פאָרבאַנק; און מען האָט פאַרהאַנגען די גלעזערנע טיר מיט אַ מלבוש; און מען האָט אָפּגערוקט די פּירקאַנטיקע טישלעך אין אַ ווינקל, כדי זיי זאָלן ניט דערמאָנען אַז די זיי-

דיקע פֿאַרלעך, וואָס זיצן דאָרט אין די אָוונטן. און ר׳ יששכר האָט זיך גענומען מאַכן די אמת׳ע שיינע הזכרה. די נעמען האָט ער ניט באַדאַרפֿט איבערזעצן:

„את נשמת ר׳ חיים בער ברב מאיר בעבור שבתו... ווי?״ — האָט ער זיך געווענדעט צו ראַשעלן.

— רחל׳ע — האָט זי פֿאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

„בעבור שבתו האשה מרת רחל...״

און אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן שפּעטלעך, האָט מען זיך גלייך אַ נעם געטאָן צום קדיש.

נייגעריק הלמאי ראַשעל זוימט זיך אַזוי לאַנג און הלמאי זי איז האַסטיק אַריינגעלאָפֿן צום „פּאַטראָן״ בעטן אַ שיסל וואַסער, האָט איי־נע פֿון די מיידלעך זיך צוגע׳גנב׳עט אויף די שפּיץ פֿינגער צו דער טיר, זי ליכט אָפּגעשטופּט און אָפּשאַרנדיק עטוואָס דעם פֿאַרהאַנגע־נעם בגד, האָט זי אַריינגעקוקט אינעווייניק. אַ לאַנגע ווײַלע האָט זי זיך ניט גערירט, ווי זי וואָלט פֿאַרגליווערט געוואָרן אויף איר אָרט. באַלד איז אונטערגעקומען אַ צווייטע, אַ דריטע... זיי האָבן זיך צוזאַ־מענגעפּרעסט ביים שמאָלן אַריינגאַנג, און איינציקווייז זיך אַריינגע־שאַרט אין צימער.

אויפֿן שוועל זיינען זיי שטיין געבליבן פֿאַרבליפֿט. אין דער פֿרי־מאָרגנדיקער דעמערונג האָט דאָס צימער אויסגעזען ווי פֿאַרענדערט דורך אַ כישוף: די טישלעך און שטולן האָבן ציטערנדיק, ווי איבער־געשראָקענע שאָף, זיך געדריקט אין איין ווינקל; די ווייבע, אויסגע־בעטע אָנלענס לענגויס די ווענט האָבן זיך ווי אויסגעטאָן פֿון זייער שרייאיק־רויטער וואָכעדיקייט; צען אויסגעקרימטע רוקנס, געוויקל־טע אין שוואַרצן, האָבן זיך שטום און האַסטיק געשאָקלט, אָנגע־שפּאַרט אויף פֿאַריסענע, שפּיציקע אָרעמס. און אַ קלאָגנדיקע שטימע,

וואָס איז ווי דערגאַנגגען פון ערגעץ ווייט, האָט אין אַ געמיש פון גע־זאַנג און טרויער געצויגן לאַנגע, מיסטעריעזע זילבן.

אויפן אָפּגרונט פון זינד און געפאַלנקייט האָט מען אַ שאַרפן זין פאַר גלויבן און מיסטעריע. דורך די צוזאַמענגעפּרעסטע מיידלשע קער־פּערס איז אַדורכגעלאָפן אַ ציטער און זיי האָבן זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטאָן פאַר די צלמ'לעך און הייליקע מעדאַליאָנטשיקעס, וואָס זיינען זיי אַראָפּגעהאַנגען פון די העלדזער.

און שטייענדיק אַזוי, דורכגעדרונגען מיט יראת שמים, האָבן זיי פּאַמעלעך אויפגעכאַפּט און תופס געווען איין פאַרשטענדלעך וואָרט, וואָס האָט זיך אָפּט איבערגע'חזר'ט און וואָס די אומזעבאַרע מיילער האָבן נאָכגעזאָגט. און ווען דער קדיש איז געווען געענדיקט און די לעצטע „אמנם" האָבן זיך אויסגעוועפּט אין דער לופטן, האָבן די מיידלעך, דריקנדיק זייערע הייליקייטן צווישן פאַרקראַמפּטע פינגער נאָכגעזאָגט שטיל און פרום איינע נאָך דער אַנדערער:

— אמן!

— אָמן!

— אמן!...

פּאַריז 1940.

# א באנקעט אין מעקסיקא־סיטי

# אַ באַנקעט אין
# מעקסיקאָ - סיטי

פונקט אין מעקסיקאָ־סיטי נעמט אונדזער עראָפּלאַן און ווערט קאַליע. בעט מען אונדז במחילה אַרויסגיין און מען זאָגט אונדז אָן, אַז פּונקט אין פיר און צוואַנציק שעה אַרום וועט מען פליען ווייטער.

מילא, וואָס טו איך? איך טו גאָרניט, איך גיי אַרויס אין גאַס און זוך יידן און ניט סתם יידן נאָר טאַקע ליפּסקער און דווקא פון דער פּאַרטיי „שער און אייזן", וואָרעם אַליין שטאַם איך פון ליפּסק און כ'בין דאָרט געווען אַ פּאַרטיי־מיטגליד נאָך אין די צייטן פון „באָיאָוואָי אָטריאַד".

גיי איך מיר אַזוי אויף דער „אַוועגידאַ דע לאָס אינקאַס", קוק אַריין אין די וויסטאַוועס און קלער: יאָ אַ ייד, ניט קיין ייד? און מיטאַמאָל, ווער קומט מיר אַנטקעגן? ניט קיין אַנדערע ווי שיינדעלע „די קראַסאַוויצע".

— שיינדעלע! — דערלאַנג איך אַ געשריי, אָבער זי דערקאָנט מיך ניט און ווען זי דערקאַנט מיך שוין יאָ, פאַלט זי מיר אַרויף אויפן

האַלדז און הויבט אָן ריידן שפּאַנישע ווערטער ווי „סעניאָר" און „סעניאָרא", אַט אַזוי אפשר פופצן מינוט אויפן זייגער און ערשט דאַן כאַפּט זי זיך, אַז איך פאַרשטיי ניט קיין וואָרט און זי טוט מיך אַ פרעג אויף פּראָסט מאַמע לשון:

— וואָס טוט איר דאָ ביי אונדז אין מעקסיקאָ?

— איך פלי דאָ דורך — זאָג איך — איז קאַליע געוואָרן מיין עראָפּלאַן, מוז איך דאָ וואַרטן פיר און צוואַנציק שעה.

— מילא — זאָגט זי — ביי אונדז אין מעקסיקאָ אַז מען זאָגט פיר און צוואַנציק שעה איז עס אַמווייניקסטנס אַכט און פערציק, נאָר גאָרניט, אַלע פליען, טוען, לויפן, נאָר מיין חאַצקעלע, דער שלימזל, ווערט נאָך אַלץ פאַרשוואַרצט אין פאַבריק.

בשעת זי רעדט דערמאָן איך זיך, ווי שיינדעלע די קראַסאַוויצע האָט חתונה געהאַט מיט חאַצקעלע תם און ווי גאַנץ ליפּסק איז דע־מאָלט געגאַנגען אויף רעדלעך. אָבער וואָס און ווען קען איך זיך ניט דערמאָנען, וואָרעם שיינדעלע לאָזט מיך ניט:

— וואָס מיינען זיי זיך — זאָגט זי — דאָן חיימע דער פאַברי־קאַנט וועט זיין פרעזידענט אויף דעם חשבון, וואָס מיין חאַצקעלע איז אַ פּראָלעטאַריער?

— ווער? — פרעג איך — דאָן חיימע? חיימ׳קע דער קירזשנער?

— אוודאי — זאָגט זי, — טאַקע ער, חיימ׳קע דער קאַלבאַסניק, אַ רוח אין זיין טאַטנס זון. נאָר דאָ, ביי אונדז אין מעקסיקע, איז ער אַ פאַבריקאַנט פון מענער־היט און דער פרעזידענט פון אַלע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס: „שער און אייזן", אַרבעטער־שולן, פּראָגרע־סיווער קולטור־פאַרבאַנד און אַזוי ווייטער.

איצט דערמאָן איך זיך, אַז שיינדעלע די קראַסאַוויצע האָט געהאַט געשפּילט צוויי מיט אַ האַלב יאָר אַ ליבע מיט חיימ׳קע „קאַלבאַסניק",

ביז ער איז אין איין ליכטיקן פרימאָרגן אויפגעשטאַנען און איז אַנט-לאָפן קיין אַמעריקע. אָבער זאָגן זאָג איך גאָרניט, וואָרעם איך דער-מאָן זיך אויך, ווי שיינדעלע האָט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צו-ריק דערלאַנגט איינעם אַ באַלעבאָס אַזאַ פּלעם אין די ציין, אַז ער איז אַפּגעלעגן דריי וואָכן צו בעט. און איך קען זיך אַזאַ לוקסוס ניט דער-לויבן, וואָרעם אין אַכט און פערציק שעה אַרום דאַרף איך נעמען מיין עראָפּלאַן.

— אָבער איצטער איז אַ סוף! — זאָגט שיינדעלע — מיר גייען שטעלן אַן אולטימאַטום: מיין חאַציקעלע גייט ווערן אַ „קלאַפּער" און זאָלן זיי זוכן אַן אַנדער פּראָלעטאַריער אין דער פּאַרטיי.

בקיצור, פון די אַלע רייד ווערט מיר שוואַך אונטערן האַרצן, וואָ-רעם איך האָב נאָך ניט געפרישטיקט, און איך פרעג שיינדעלע׳ן וואו מען קריגט דאָ עפּעס אַ ליטווישן האָטעל און זי זאָגט, אַז זי וועט מיך צופירן, און זי פירט מיך טאַקע צופוס אפשר אַנדערטהאַלבן שעה אויפן זייגער, און די גאַנצע צייט רעדט זי וועגן מעקסיקאָ און ליפּסק און וועגן דער וועלט בכלל, אַזוי אַז ווען איך קום אָן שטאַרב איך שיר ניט פון הונגער און היים מיר דערלאַנגען אַ פּאָר מעפּלעך קאַווע מיט פרישע בולקעס מיט פּוטער מיט אַ פּיינקוכן און מיט וואָס איר ווילט הערן און זען, און דערנאָך גיי איך אַרויף אין מיין צימער און טאַקע גלייך אין באָד-צימער, וואָרעם אַז איר פליט דורך די הייסע לענדער ווערט איר פאַרשוויצט און ס׳איז גוט צו נעמען אַ וואַרימע וואַנע מיט אַ קאַלטן טוש, בפרט אַז איר האָט געפירט אַ צוויי-שעה׳דיקן שמועס מיט שיינדעלע דער קראַסאַוויצע, וואָס איר האָט זי שוין ניט געזען גאַנצע צוואַנציק יאָר.

* *
*

## ח. אַיאַלטי

שטיי איך מיר אַזוי אין דער וואַנע, איינגעזייפט פון קאָפּ ביז די פיס, מיטאַמאָל — דער טעלעפאָן קלינגט. ווער קען עס דאָ קלינגען צו מיר? ניט טויט ניט לעבעדיק לויף איך, כ'בעט אייך איבער, אַ נאַקעטער, און כאַפּ דאָס טרייבל; ערשט פון דער אַנדער זייט רעדט אַ פרויען-שטימע:

— איר דערקענט מיך? — פרעגט די שטימע.

— ווער זענט איר? — פרעג איך.

— ווי צו מיר — זאָגט זי — איר דערקענט מיך ניט? איך בין דאָך אסתר'קע די רבי'צין, פון ליפּסק.

דאָ ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן, וואָרים איר קענט זיך זיין אַן אפיקורס וויפל איר ווילט, וועט איר דאָך ניט שטיין און רעדן מיט אַ רבי'צן אין אַזאַ הילוך. „וואַרט אַ ווײַלע! איין מינוט!" שריי איך און לויף צוריק, וואַרף אַרויף אויף זיך וויפל האַנטוכער איך קען נאָר געפינען און אַזוי ווי ס'איז נאָך אַלץ וויייניק, וויקל איך זיך אויך איין אין אַ ליילעך פון בעט און שטייענדיק אַזוי, ווי אַ מת אין תכריכים, רחמנא ליצלן, הויב איך אָן מיין אינטערוויו: —

— העלאָ, רבי'צין! — זאָג איך — וואָס מאַכט איר עפּעס? וואָס מאַכט דער רב, רב יאָשע?

רב יאָשע — זאָגט זי — איז שוין אויף דער עלטער, נאָר גע־לויבט השם יתברך, ניט צו פאַרזינדיקן. מיר ווילן מאַקע, איר זאָלט גלייך קומען צו אונדז. און אויסער דעם וויל אונדזער דאַמען-קאָמי-סיאָן, איר זאָלט ביי אונדז האַלטן אַ קאָנפערענץ.

— וואָס עפּעס אַ קאָנפערענץ? מי אנכי?

— פאַרוואָס ניט? — זאָגט זי — אַז אַ ייד פליט דורך מעק-סיקאָ-סיטי און בלייבט שטיין אין אַ האָטעל, איז ער מסתמא

אַ שליח, אַ משולח, אַ קולטור־טוער צי סתם אַ שוואַרץ־יאָר, כ׳מיין דאָס און יענץ...

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך — אָבער אין אַכט און פערציק שעה אַרום פליט אָפּ מיין עראָפּלאַן.

— מילא — זאָגט זי — ביי אונדז אין מעקסיקאָ, אַז מען זאָגט אַכט און פערציק שעה איז עס לכל הפחות זעקס און ניינציק. בקיצור, קומט גלייך צופאָרן.

כאָטש פון דער נאַטור בין איך, אַזוי צו זאָגן, אַן אַטעאיסט, איז אָבער היינטיקע ציטן, איר ווייסט דאָך, סענטימענטן, יידיש־קייט... האָב איך זיך אין גרויס איילעניש אַרומגעשוואונקט, גענומען אַ טאַקסי און זיך געלאָזט צו רב יאָשע׳ן.

* *
*

איך קום, מען גיט שלום, מען זיצט אַ ווײַלע, דערלאַנג איך אַ פרעג:

— פונוואַנען ט׳איר געוווסט מיין טעלעפאָן?

— ס׳הייסט פונוואַנען? — וואונדערט זיך רב יאָשע — די רבי׳צן איז געגאַנגען צו דאָן גבריאל איינקויפן אַ קידושין-רינגל...

— אונדזער דאַמען-קאָמיסיע מאַכט גראָד חתונה אַן אָרימע יתומה, — פאַלט אים די רביצ׳ן אַריין אין די רייד.

— דאָן גבריאל? אוודאי גבריאל דער זייגער-מאַכער! — פאַל איך אַריין דער רבי׳צן אין די רייד.

— ווי דאָס האַרץ וואָלט אייך געזאָגט — זאָגט זי — ער האָט שוין ברוך השם אַ פיינעם יוועליר-געשעפט, נאָר ער מישט זיך נאָך אַלץ אין דער חברה „שער און אייזן".

## ח. אַיאַלטי

— נו, איין למדן מוזן זיי דאָך האָבן — איז רב יאָשע מלמד־זכות — בפרט אַז ער איז ביי זיי דער סעקרעטאַר.

— אָה, איצט פאַרשטיי איך! — זאָג איך — מסתמא איז ביי אים געווען שיינדעלע די קראַסאַוויצע. כ'האָב זי טאַקע היינט איינ־דערפרי געטראָפן, האָט זי מיר דערציילט...

און איך וויל דערציילן רב יאָשע'ן די גאַנצע מעשה. דערלאַנגט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און ער זאָגט:

— ווייס איך וואָס — זאָגט ער — אַן אַלטע מעשה. שוין פּאַ־סירט אַזוינס אין ליפּסק. אין כל חדש תחת השמש.

און כאָטש איך בין פון דער נאַטור, אַזוי צו זאָגן, אַן אַטעאיסט, האָב איך אַ שוואַכקייט צו אַ שיינעם פּסוק און בפרט אַז רב יאָשע איז שוין גרוי ווי אַ טויב און עס דאַסט זיך מיר, אַז ער האָט דעם פּסוק געהערט פון קהלת'ן פערזענלעך. און רב יאָשע זאָגט צו דער רבי'צן:

— גיי — זאָגט ער — רבי'צן, און מאַך אַ גלאָז טיי פאַרן גאַסט און איך וועל אים דערוויילע דערציילן די מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין ליפּסק מיט פערציק יאָר צוריק.

* *
*

איך בין דאַן ערשט אָנגעקומען אויפן כסא הרבנות, הייבט אָן רב יאָשע, איז אַ פּאָר טעג פאַר פּורים זאָג איך צו דער רבי'צן:

„רבי'צן", — זאָג איך — „מען דאַרף צוגרייטן די מתנות פאַר די אָרימעלייט".

זע איך, אַז זי קווענקלט זיך עפּעס און איך דערלאַנג איר אַ פרעג:

„פאַראַן עפּעס אַ סך אָרימעלייט אין שטאָט?"

„איך ווייס ניט" — זאָגט זי.

„וואָס הייסט דו ווייסט ניט?" — ווערט מיר די זאַך קשה, וואָרעם איך ווייס, אַז וואו נאָר אַן אָרימע כלה, אָדער אַ גוטבאַדערפ־טיקע קינפּעטאָרין איז זי די ערשטע.

„זיי זאָגן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין אָרימעלייט אין ליפּסק" — זאָגט זי.

„וואָס הייסט ניטאָ קיין אָרימעלייט?" — זאָג איך — „און צדקה? אַ קלייניקייט עפּעס: „צדקה תציל ממות"...

און איך האָב באַשלאָסן, זאָגט רב יאָשע, חוקר ודורש צו זיין דעם ענין. צומאָרגנס גלייך נאָכן דאַווגען פאַרפיר איך אַ שמועס מיט עטלעכע בעלי־בתים און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אמת קיין גרויסע גבירים זיינען טאַקע די ליפּסקער יידן ניט, אָבער קיין אָרי־מעלייט, אמת׳ע מקבלים, זיינען דאָרט ניט פאַראַן. עס כ׳רעפּט זיך!... דערווייל האָט דער עולם דערזען, אַז מיר ריידן עפּעס וועגן שטאָט זאַכן, האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אונדז אַ רעדל און איטלעכער האָט צוגעלייגט אַן אויער. און איך טענה צו זיי מיין טענה:

— און פּורים? — טענה איך, — ס׳הייסט אַז קיינער איז דאָ ניט מקיים די מצווה „ומתנות לאביונים?"

כאַפּט זיך אַרויס איינער אַ יונג בחור׳ל און ער מאַכט אַזוי:

— מה רעש, רבי? אַז עס זיינען ניטאָ קיין אָרימעלייט איז דאָך מה טוב, נאָך בעסער!

קוק איך אים אָן און איך זע גלייך, אַז ער איז פון די היינט־וועלטיקע און איך דערלאַנג אים אַ פרעג:

— וואָס הייסט מה טוב? — פרעג איך אים — עס שטייט דאָך בפירוש „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ", אה?

איז אָבער דער בחור׳ל, גבריאל, געוועזן אַ זייגערמאַכער, אַן

אינטעליגענט הייסט עס, און אַ משׂכּיל דערצו, האָט ער באַלד גע־פונען אַ תּירוץ:

— עס שטייט „מקרב הארץ״ — זאָגט ער — נו, איז איבערן לאַנד זיינען פאַראַן גענוג אָרימעלייט און זיי כאַפּן זיך אויך אַראָפּ צו אונדז און גייען דאָ איבער די הייזער...

— אָבער עס שטייט דאָך „עניי עירך קודמין״, די אָרימעלייט פון דיין שטאָט זיינען בילכער — פּרוביר איך אים צודריקן צו דער וואַנט.

בקיצור, מיר פּילפּול׳ן זיך אַזוי וועגן עניים, אביונים, קבצנים, דלפנים און סתם אָרימעלייט, ביז ער דערלאַנגט מיטאַמאָל אַ זאָג:

— ווייסט איר וואָס, רבי — זאָגט ער — הלמאי זאָלן מיר זיך אַמפּערן? ווען מען שיקט אַריין הערשקע דעם פישער ניט נאָר אויף פּורים, נאָר סתם אויף שבת און אַפילו אינמיטן דער וואָך, וואָלט מען פאַרדינט די גרעסטע מצווה. איי וואָס, טאָמער האָט זיך זיין ריבטשע פאַרזינדיקט? זאָל עס אַזוי ניט טרעפן ווי עס טרעפט.... און בפרט אַז זי איז אַ יתומה, אָן אַ מאַמען, און דער טאַטע איז אַ גאַנ־צע וואָך ניטאָ אין דער היים, ער פאָרט כאַפּן פיש אויף די טייכן.

האָב איך גענומען מיין טלית־זעקל אונטערן אָרעם, זאָגט רב יאָשע, און געזען באַשיינפּערלעך, אַז „מצווה גוררת מצווה״, וואָרעם דאָס האָט שוין געשמעקט ניט נאָר מיט שלח מנות, נאָר מיט הכ־נסת־כלה, אויסשטייער פאַר אַ יתומה און נאָך און נאָך.

כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, נעמט רב יאָשע אַ שמעק טאַבאַק, און איידער ער דערלאַנגט אַ נאָס, קומט אַריין די רבי׳צן פון קיך און זי פאַלט אים אַריין אין די רייד:

יענעם פּורים, זאָגט זי, איז ביי הערשקע דעם פישער געווען אַ סעודה כיד המלך. שטאָט האָט גענומען שיקן פון כל טוב: המן־

טאַשן, שטרודלעך, פּוסנאָגי אין זיסן און זויערן, פּופּיקלעך מיט גע־בראָטענע לעבערלעך און גאַנצע פערטלעך עוף. שפּעט אין אָוונט זיינען אַראָפּגעקומען אַ פּאָר חשוב'ע בעלי־בתים און מען האָט גע־שיקט רופן דעם חתן־בחור, דעם שמייסער, און אַזוי ווי ער איז לכבוד פורים געווען אונטער דער כוסה, איז ער טאַקע געקומען. תחילת האָט ער געלייקנט שטיין און ביין, לא דובים ולא יער, אָבער אַז ער האָט אַראָפּגעשלונגען נאָך אַ פּאָר גלעזלעך, איז ער אַרויס מיט לשון:

— אַ יתומה איז דאָך אַ מצווה — האָט ער גע'טענה'ט — אָבער וואָס ס'איז געווען, איז געווען. איז אויב שטאָט וועט אים שטעלן אַ פערד און וואָגן, ער זאָל מער ניט דאַרפן זיין קיין שמיי־סער ביי יענעם, וועט ער גיין אונטער דער חופה.

בקיצור המעשה, זאָגט די רבי'צן, דעם זעלבן אָוונט האָט מען געבראַכן טעלער, יענעם ערב פּסח האָט מען צוזאַמען מיט מעות חיטים געקליבן געלט אויף אַ פערד־און־וואָגן, שבת הגדול האָט מען געפּראַוועט די חתונה און איידער דער נייער פּורמאַן האָט באַוויזן צו פאַרדינען די ערשטע פּאָר גראָשן האָט שטאָט איינגעשיקט מצות און פאַרפּעלעך, און הינער־שמאַלץ, און אַ גאַנצע פּעסעלע באָרשט, אַז ס'האָט געקענט קלעקן ביז שבועות. און טאַקע מוצאי שבועות איז דאָס יונגע ווייבל געלעגן געוואָרן און געהאַט אַ בן זכר. מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן חאַצקעלע. שטאָט האָט געפּראַוועט דעם ברית, באַלעבאַסטעס האָבן איינגעשיקט געקאָכטע אַרבעס, שיר־המעלות'ן און הינערשע יאַכלעך, און אַלע האָבן געזען באַשיינפּער־לעך, אַז גאָט איז אַ טאַטע פון יתומות. געוואַלד, דער טיי קאָכט!...

און איידער די רבי'צן קומט אַריין צוריק מיטן טיי צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן. די רבי'צן לאָזט שטיין דעם טיי און לויפט צום

טעלעפאָן און באַלד דערלאַנגט זי מיר אַ וואונק, אַז דאָס וויל מען גאָר רײדן מיט מיר. איך נעם דאָס טרייבל און הער אַ באַסאָווע שטימע:

— אָלעי, שלום עליכם, קאָמאָ לע וואַ? דאָ רעדט דאָן חיימע, דער פּרעזידענט פון „שער און אייזן". איר דערקענט מיך? כ'האָב זיך קוים דערקלונגען צו אייך.

— וואָסי? — פרעג איך — אַזוי שווער צו טעלעפאָנירן אין מעקסיקאָ?

— ניין — זאָגט ער — אָבער זיי געהערן דאָך צו דער אַמערי־קאַנער קאָמפּאַני.

— וואָס הייסט אַמעריקאַנער קאָמפּאַני?

— אַז איר וועט קומען צו מיר, וועל איך אייך דערציילן. מיין שאָפער איז שוין אין וועג.. ער איז אַרויסגעפאָרן מיט מיין נייעם שעוורעלעט אייך נעמען.

און איידער איך באַוויז זיך אָפּצוזעגענען שטייט שוין אַ הויך־בער מעקסיקאַנער אין טיר, קוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר שוואַרצע, ברע־נענדיקע אויגן און ווייזט מיר מיט דער האַנט, איך זאָל מיטגיין. אָבער די רבי'צן קלאָגט, אַז ס'איז אַן עבירה אַ גלאָז זיסע טיי, און איך כאַפּ זיך טרינקען אויף שנעל און ברי זיך אָפּ די צונג ביים ער־שטן זופּ. און איידער וואָס ווען זיצן מיר שוין אין שעוורעלעט און שמועסן אויף שפּאַניש, ס'הייסט ריידן רעדט ער, דער שאָפער, וואָ־רעם ראשית... ראשית האָב איך זיך אָפּגעבריט די צונג, און צוויי־טנס קען איך קיין שפּאַניש ניט ריידן, איך פאַרשטיי נאָר, און פאַר־שטיין פאַרשטיי איך נאָר איין וואָרט: „סעניאָר". און דער אויטאָ טראָגט זיך דערווײלע ווי פייל אויס בויגן דורך גאַסן און געסלעך, און אָט זיינען מיר שוין אין אַ פאַרשטאָט, און ווי אין אַ חלום לויפן פאַרביי די אויגן ווילעס און גערטנער, און פאַלמען. און ווי אין אַ

חלום דערמאָן איך זיך אָן חאַצקעלע׳ן, וואָרעם מיר האָבן צוזאַמען געלערנט אין חדר.

ווען ער איז געקומען אין חדר האָבן די ייִנגלעך גענומען טייטלען אויף אים מיט די פינגער און אים גערופן מיט אַ נאָמען, וואָס זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען: „ממזר״. און חאַצקעלע האָט באַלד פיינט געקראָגן דעם חדר מיטן רבי׳ן מיטן לערנען. ער פלעגט אַנטלויפן אין שטאַל, וווּ ער האָט געהאַט אַ גוטן פריינט: דעם מאַטנס פערד, וואָס פלעגט אים אָנקוקן מיט גרויסע אויגן און האָט דאַנקבאַר געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען חאַצקעלע פלעגט אים געבן אַביסל היי. אָבער די מאַמע האָט ניט געוואָלט, ער זאָל אויסוואַקסן אַ שמייסער, און אַזוי ווי לערנען האָט ער סיי ווי ניט געוואָלט, האָט מען אים אָפּגעגעבן אויף אַ טערמין פון דריי יאָר צו אַ שטעפּער.

שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אין דער פּאַרטיי „שער און אייזן״. דאָ איז שוין חאַצקל׳ס מערכה פאַרבעסערט געוואָרן, וואָרעם ראשית איז ער געווען אַן אַרבעטער, וואָס דאָס איז אין דער פּאַרטיי געווען אַ יחוס, והשנית, האָט מען אין דער חברה שטאַרק געהאַלטן פון מאָדערנע אידייען און חאַצקעלע איז דערווייל געווען דער איינציקער אין ליפּסק, וואָס איז געבאָרן געוואָרן כמעט דורך פרייער ליבע.

און דערווייל בלייבט דער שאָפער שטיין ביי אַ שיינער ווילע און אין גאָרטן ביי דער טיר דערזע איך חיים׳קע דעם קירזשנער. ער פירט מיך אַריין אינעווייניק און גיט מיר כיבוד, און איך פרעג אים:

— וואָס פאַר אַן אַמעריקאַנער קאָמפּאַני?

— פאַראַן ביי אונדז צוויי טעלעפאָן־קאָמפּאַניס — זאָגט ער — אַן ענגלישע קאָמפּאַני און אַן אַמעריקאַנער קאָמפּאַני, און אַז איר

ח. איאַלטי

האָט אַ טעלעפאָן פון איין קאָמפּאַני, קענט איר ניט ריידן מיט אַ טעלעפאָן פון דער צווייטער קאָמפּאַני. און אַזוי ווי דער רב מיט זיינע מענטשן זיינען אַבאָנירט ביי די אַמעריקאַנער, האָבן זיך אונדזערע מענטשן אַבאָנירט ביי די ענגלענדער. אויסער דעם האָבן זיי דאָך אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, די ענגלענדער. און אוי, ווען מען דערמאָנט משיח׳ן! — דערלאַנגט ער מיטאַמאָל אַ געשריי, וואָרעם דער טעלעפאָן הויבט אָן צו קלינגען. ער נעמט דאָס טרייבל און איך הער ווי ער רעדט מיט עמיצן:

— וואָס? — זאָגט ער — ער וויל ווערן אַ קלאַפּער?... אַן איינפאַל פון אַ תם!... ניין, מען טאָר עס ניט דערלאָזן... יאָ, זעצט זיך גלייך אַריין אין אייער קאַטש און קומט צופאָרן, וועלן מיר זיך באַראַטן...

— ס׳איז חבר גבריאל — זאָגט ער צו מיר — איר געדענקט דאָך גבריאל דעם זייגערמאַכער. און האַצקעלע׳ן געדענקט איר? פונקט פאַר די וואַלן וויל ער ווערן אויס פּראָלעטאַריער. היינטיקן שבת האָבן מיר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג מיט די וואַלן. איר וועט דאָך בלייבן?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך — אָבער מיין עראָפּלאַן פליט אָפּ אין... אין זעקס און ניינציק שעה אַרום.

— מילא — זאָגט ער — אַז מען זאָגט ביי אונדז אין מעקסיקאָ זעקס און ניינציק שעה איז עס אַמווייניקסטנס... אַמווייניקסטנס אַכט טעג.

בשעת מעשה עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין חבר גבריאל.

— נו, וואָס זאָגט איר? — זאָגט ער, אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל, קוים וואָס ער אָטעמט.

— וואָס זאָגט איר? — ענטפערט אים דער פּרעזידענט.

א ווײַלע שווײַגן בײדע און דאַן זאָגט דער פּרעזידענט:

— וואָס הײסט ער׳ט אָפּטאָן אַזאַ זאַך פּונקט פאַר די וואַלן? ער איז דאָך אונדזער לעצטער פּראָלעטאַריער. איר ווײסט וואָס איך וועל אײַך זאָגן? מ׳עט אים ניט געבן קײן קרעדיט. ווי וועט ער ווערן א „קלאַפּער" אָן קרעדיט?

אָבער גבריאל דער סעקרעטאַר מאַכט אַוועק די אידייע מיט דער האַנט:

— אַז מ׳ר׳ן אים ניט געבן, וועלן אים די ציוניסטן געבן, אָדער גאָר די קאָמוניסטן. וואָסי, ניטאָ קײן מיליאָנערן בײַ די קאָמוניסטן? אַבי אונדז צו פאַרשוואַרצן דעם פּנים, וועלן זײ טאָן אַלץ אין דער וועלט.

— טאָ וואָס טוט מען טאָקע?

— מען דאַרף רופן א דרינגענדיקע פאַרזאַמלונג!

און זײ זעצן זיך בײַם טעלעפאָן און רופן אַלע חברים פון דער „ענגלישער קאָמפּאַני" און דערנאָך גײען זײ זוכן א טעלעפאָן פון דער „אַמעריקאַנער קאָמפּאַני" און אײדער וואָס וועז ווערט שוין נאַכט און מיר עסן וויעטשערע בײַ דאַן חײמ׳ען, און באַלד דער־שײנט דער מעקסיקאַנער שאָפער און מיר קריכן אַרײַן אין אויטאָ און פאָרן אויף דער אַלגעמײנער פאַרזאַמלונג.

תחילת באַגריסט מען דעם גאַסט, מיך הײסט עס, און מען זאָגט, אַז איך בין דער שטאָלץ פון ליפּסק און אומגעגנט, און דערנאָך נעמען אַלע א וואָרט און זאָגן דאָס און יענעס און מאַכן פאַרשלאָגן און עס ווערט באַשטימט אײנשטימיק, אַז חבר חײמע און חבר גבריאל זאָלן גײן אין א דעלעגאַציע צו חאַצקעלען, און ניט אַזוי צו אים ווי צו שײנדעלע׳ן, וואָרעם אַלע ווײסן, אַז דער גאַנצער אומגליק

שטאמט פון איר. און ווען איך קום אהיים איז שוין האלב נאך דריי פארטאג און דער מעקסיקאנער פארמיער פארשטייט גליך, וואו אזא גאסט האט זיך ארומגעשלעפט די גאנצע נאכט, און פירנדיק מיך אויף דער ווינדע דערלאנגט ער א פינטל מיטן אויג און זאגט:

— שיינע „מוטשאטשאס" ביי אונדז אין מעקסיקא, וואס?

— יא — זאג איך — קראסאוויצעס איינע אין איינע...

* *

*

באלד אין דער פרי וועקט מען מיך פון שלאף און מען זאגט מיר, אז צוויי „סעניארעס" ווארטן אונטן. איך גיי אראפ, ערשט חבר חיימע און חבר גבריאל שטייען ביים אויטא:

— איר מוזט מיטפארן מיט דער דעלעגאציע — זאגן זיי.

— וואס עפעס איך? — פרעג איך — מי אנכי, אז איך זאל גיין צו שיינדעלען?

— איר זיינט א גאסט — זאגן זיי — און דער שטאלץ פון ליפסק און אומגעגנט זיינט איר, וועט זי אפשר האבן א שטיקל דרך־ארץ פאר אייך.

דאן חיימע פירט דעם וואגן און איך מיטן סעקרעטאר זיצן הינטן און איך דערפיל גליך, אז ער ציטערט ווי א פיש אין וואסער.

— וואס זיינט איר אזוי נערוועאיש? — פרעג איך אים.

— א שיינע מעשה — זאגט ער — הלוואי זאלן מיר ארויסגיין בשלום, ווארעם שיינדעלע האט א הארץ אויף חיימ'ען נאך פון די אמאליקע גוטע יארן, אין ליפסק, ווען מ'האט אים גערופן חיים'קע „קיעלבאסניק". ס'הייסט אויף מיר האט זי אויך א שטיקל הארץ, אבער

אביסל ווייניקער — זאָגט ער — ווארעם סוף־כל־סוף בין איך דאָך גע־קומען נאָך אלעמען.

— וואָס הייסט נאָך אלעמען?

— איר געדענקט דאָך אוודאי, — רעדט ער שטיל, — אז חיים׳קע „קיעלבאסניק" האָט דרייצן יאָר געשפּילט אַ ליבע מיט שיינדעלע׳ן און מיטאמאָל איז ער נעלם געוואָרן קיין אַמעריקע. מילא, ס׳האָט זיך געטאָן חושך, שיינדעלע האָט געוויינט און גע־קלאָגט, און איך בין געגאַנגען זי טרייסטן. איר פאַרשטייט? אָבער קיין גרויסע תרעומות קען זי אויף מיר ניט האָבן... פאַרקערט, ווי נאָר איך האָב אויסגעפונען ווי עס האַלט מיט איר אויף דער וועלט, האָב איך זי חתונה געמאַכט פאַר חאַצקעלען, ווארעם בעסער אַ מאַן אַ תם איידער גאָרניט און אז מען קען ניט אריבער מוז מען ארונ־טער...

און אזוי שמועסנדיק קומען מיר צו חאַצקל׳ס הויז און טרעפן דאָרט נאָך שיינדעלע׳ן, וועלכע איז אונדז מקבל פּנים אין קיך, וואו זי קאָכט גראָד ווארימעס. און איך זע גלייך, אז דער טאָפּ וואַסער אויף דער פּליטע איז שוין גאָר הייס, ווארעם ער זשומעט ווי אַ לאָקאָמאָ־טיוו און עס שלאָגט פון אים אַ פּאַרע. עס הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט זאָגט דער פּרעזידענט:

— אָבער פאַרשטיי דאָך, שיינדעלע טייערינקע, אז מיר ווילן גאָר ניט פאַר זיך, ס׳איז דאָך פאַרן אידעאַל, פאַרן פּרינציפּ.

דאָ צינדן זיך ביי שיינדעלע׳ן אָן די אויגן און זי דערלאַנגט אַ טופּע מיטן פוס:

— שווייג, דו אויסוואורף! נאַכאַל! פּונקט אזוי האָט ער גערעדט דעמאָלט: „שיינדעלע טייערינקע, ס׳איז דאָך נאָר אַ פּרינציפּ, כיי ווי

וועל איך מיט דיר חתונה האָבן". א דאַנק גאָט, וואָס איך בין אַרויס מיט גאַנצע ביינער, וואָרעם וויפיל האָט געפעלט, ער זאָל מיך איבער-לאָזן מיט אַזאַ-נאָ פּרינציפּ? — ווייזט זי אָן מיט איין האַנט אויפן בויך און מיט דער אַנדערער דערלאַנגט זי א כאַפּ דעם טאָפּ וואַסער, וואָס האָט שוין דערווייַלע אָנגעהויבן קאָכן.

זעט שוין חבר גבריאל, אַז ס'איז גאָר ביטער, שטעלט ער איין דאָס לעבן און ער זאָגט:

— טאָ וואָס-זשע זאָגט איר, שיינדעלע?

— וואָס זאָל איך זאָגן? — זאָגט זי — איך זאָג גאָרניט; זאָגט איר, אויב איר האָט וואָס צו זאָגן.

— איך לייג פאָר — זאָגט חבר גבריאל — אַז די פּאַרטיי זאָל צאָלן חאַצקלען אַן עקסטראַ פון 300 פּעזעס א חודש און ער זאָל ווייטער בלייבן א שטעפּער.

— דריי הונדערט פּעזעס? — זאָגט זי — אַניט דערלעבן וועלן עס מיינע שונאים!

— דריי הונדערט פּופּציק! — זאָגט ער.

— א מכה! — זאָגט זי.

די פאַרהאַנדלונגען געדויערן אפשר צוויי שעה אויפן זייגער און עס בלייבט, אַז די חברה וועט צאָלן חאַצקלען 500 פּעזעס א חודש בתנאי אַז ער בלייבט אַרבעטן אין פאַבריק. שיינדעלע פאַרשיט דער-ווייַלע די לאָקשן אין קאָכעדיקן וואַסער און מיר קלייבן זיך אַרויס-גיין, אָבער איידער מיר טרעטן נאָך אַריבער דעם שוועל רופט זי אונדז שוין צוריק:

— און דער באַנקעט? — זאָגט זי.

— וואָס'אַרא באַנקעט?

— וואָס מיינט איר זיך — זאָגט זי — איר וועט זיך זיין פּאַבּרי-קאַנטן און די „שער און אייזן", דער „אַרבעטער-קאָמיטעט" און די „אַרבעטער-קולטור" וועלן פאַר אייך מאַכן יעדן מאָנטיק און דאָנער-שטיק באַנקעטן, און פאַר מיין האַצקעלען, דעם אמת'ן אַרבעטער, גאָרנישט?

— גוט — איז מסכים חבר גבריאל — זאָל זיין אַ באַנקעט.

— ווען? — פרעגט זי.

— אם ירצה השם איבעראַכטאָג שבת — זאָגט ער.

גוט — איז זי מסכים און דרייט זיך אוים צו מיר — איר וועט דאָן זיכער קומען?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — זאָג איך — אָבער מיין עראָפּלאַן פליט אָפּ פּונקט אין אַכט טעג אַרום.

— מילא — זאָגט זי — אז מען זאָגט ביי אונדז אין מעקסיקאָ אַכט טעג, איז עס אַמוויינקסטנס ניט ווייניקער פון צוויי וואָכן. אין צום באַנקעט מוז מען איינלאַדן אַלע ליפּסקער — זאָגט זי — רב יאָ-שע'ן מיט דער רבי'צן אויך.

— דעם רב? — דערלאַנגט זיך אַ כאַפּ דאָן חיימע — ניין, דאָס ניט! דאָס איז שוין אַ פראַגע פון פּרינציפּ!

— שוין ווידער אַמאָל פּרינציפּ? — דרייט זיך שיינדעלע אויס צום טאָפּ זודיקע לאָקשן.

— גוט, גוט, רב יאָשע אויך — מאַכט חבר גבריאל שלום.

* *

*

ח. איאַלטי

און אַט זיצן מיר שוין אויפן באַנקעט און האַצקעלע זיצט אויבנאָן, צווישן די חשוב׳סטע געסט, קוים וואָס מען זעט אים אַרויס. דער סעקרעטאַר האַלט אַ רעדע און מיר עסן געפילטע פיש מיט הון און טרינקען משקה. נאָר רב יאָשע איז גאָרניט טועם, ער רעדט נאָר וועגן עניני דיומא און האַלט אַ דרשה איבערן פסוק „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ״, און חבר חיים האַלט אויך אַ רעדע און ער זאָגט, אַז איינגנטלעך פייערן מיר אַ יובילייִ, וואָרים ס׳איז פונקט דרייסיק יאָר זינט האַצקעלע איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער, און ער טרינקט „לחיים״ פאַר זיין געזונט, אָבער ווען ער זעצט זיך אַנידער, דערלאַנגט ער אַ פּליסטער צו זיינע שכנים:

—אַן איינפאַל פון אַ ממזר, האַ?

משמעות, אַז שיינדעלע האָט דאָס דערהערט, וואָרים איך זע, אַז זי הויבט זיך אויף און שטרעקט אויס אַ האַנט, און אַזוי ווי זי קען ניט דערלאַנגען ביזן פּרעזידענט, פאַרפאָרט זי איידער וואָס ווען דער פּרעזידענטיכע אין די ציין, און אַזוי ווי איך זיץ ביי שיינדעלעס רעכטער האַנט קריג איך דעם ערשטן פּלעם פון דעם צד שכנגד, און דער כמאַל איז אַזאַ, אַז עס ווערט מיר פינצטער פאַר די אויגן, און באַלד ווערט פינצטער אין גאַנצן זאַל און עס הויבן אָן צו פליען בעמ״ז און בענקלעך, און איך הער ווי רב יאָשע זאָגט „מצווה גוררת מצווה״ און באַלד הער איך מער גאָרניט און ווען איך הויב ווידער אָן צו הערן פאַרשטיי איך, אַז מען רעדט אַרום מיר שפּאַניש, וואָרים כאָטש איך פאַרשטיי ניט קיין שפּאַניש, פאַרשטיי איך אָבער דאָס וואָרט „סעניאָר״ און איך עפן די אויגן און זע, אַז איך ליג אין אַ שפּיטאָל פון מעקסיקאָ־סיטי.

אין אַ שעה אַרום קומט שיינדעלע מיך באַזוכן און זי זאָגט מיר,

## אַ באַנקעט אין מעקסיקאָ-סיטי

אַז מיין עראָפּלאַן איז דאָ געשטאַנען פּונקט צוויי וואָכן און איז היינט אָפּגעפלויגן און אין ביוראָ זאָגט מען, אַז איך וועל קריגן אַ פּלאַץ אין צוויי וואָכן אַרום.

— אָבער מילאַ — טרייסט זי מיך — אַז מען זאָגט ביי אונדז אין מעקסיקאָ צוויי וואָכן איז עס אַמווייניקסטנס אַ חודש, איז דערווייל וועט איר קענען קומען צום באַנקעט פאַר דער נייער קאָמיסיאָן פון „שער און אייזן", וואָס מען האָט אויסגעוויילט אויף דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג.

ניו-יאָרק, 1947



4

# דער טשעק און
# „די אייביקע קוואלן"

# דער טשעק און די
# „אייביקע קוואַלן"

הערי, אַ באָטל מילך און אַ פֿערטל סמעטענע!

— איר האָט ניט קיין ווהייט־פּישל, הערי? אָבער אַ פֿרישן!

אַ קליין מיידעלע האָט זיך אַדורכגעשטופּט צווישן די ווייבער:

— די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איר זאָלט מיר געבן אַ ניקל און פֿאַרשרייבן אין בוך. כ'דאַרף נעמען דעם „באָס" אין שול אַריין.

— און אַ פּאָר זעמל און אַ „קרים-טשיסל" און אַ פּאַמפּערניקל און אַ... און אַ... — האָט די פֿרוי פֿון די מילך־און־סמעטענע געמישט יידיש מיט ענגליש און אָפּגעזונדערט איר סחורה אין אַ ווינקל פֿון פֿאַרבאַנק.

— אַט באַלד, וואַרט אַ ווײַלינקע — האָט הערי דערלאַנגט דעם מיידעלע אַ ניקל — אַ מענטש קען זיך דאָך ניט צעררייסן!

די ווייבער, וואָס האָבן זיך געשאַרט צווישן די אָנגעטורעמטע קענדלעך זופּן און זאַפּטן, האָבן זיך צוגעוואָרפֿן:

— ער איז עפּעס היינט ניט מיט אַלעמען, הערי!

—אין גאַנצן אַ צעטראָגענער!

ח. אַיאַלטי

— און אויסגעפּוצט!...

ער איז טאַקע געווען אַ ביסל צעטראָגן, הערי, און אויסגעפּוצט איז ער אויך געווען. אַ נידעריקער, מיט שמאָלע פּלייצעס אין אַ העל־געשטרייפטן אָנצוג, האָט ער זיך פלינק באַוועגט לענגויס דעם פּאַר־באַנק, גערוקט אַרויף און אַראָפּ די גלעזערנע טירן פון די אייז־קאַסטנס, אַראָפּגעשלעפּט מיט אַ האָק כל מיני פּושקעס פון די הויכע פּאָליצעס און געקלאַפּט מיט ביינערדיקע פינגער אויף די קלינגענדיקע קנעפּלעך פון דער קאַסע. אָבער אין זינען איז אים היינט געלעגן גאָר עפּעס אַנדערש:

„נו, געלויבט איז גאָט!... דער לעצטער פון דער משפּחה... „אַבי ער איז שוין אין דער פרייער אַמעריקע!” — האָט ער זיך פאַר־טייטשט די אייגענע געפילן דורך אַרויסגעלייענטע ווערטער פון צייַ־טונגען און אָפּגעריסענע פראַזן פון רעדנער אויף מיטינגען.

— איר פאָרט היינט צו דער שיף, הערי? — האָט אַ פרעג געטאָן אַ שכנ׳טע, אַן אַלטע „קאַסטימערקע”, וואָס איז אַריבערגעטראָטן די שוועל.

— אַוודאי פאָר איך! ער קומט דאָך היינט מיין פּלימעניק. אַ געראַטעוועטער, פון יענער וועלט ממש. דער לעצטער פון דער משפּחה...

אין קראָם איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. די ווייבער האָבן אויפ־געהאָרכט. הערי האָט זיך פּלוצלונג דערפילט הינטערן פּאָרבאַנק ווי אַ רעדנער אויף אַ טריבונע. אָבער זיין שטענדיק-שפּאַסיקער מענה־לשון איז אים ווי אָפּגענומען געוואָרן. ער האָט קוים אַרויסגעבראַכט אָפּגעריסענע זאַצן:

— ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. מען ווייסט דאָך אַפילו

ניט, ווו זייער אש איז אַהינגעקומען... און פּנחס האָט זיך אַרומ-געוואַלגערט איבער די לאַגערן...

די ווייבער האָבן אָפּגעזיפצט. יעדע איינע האָט געהאַט אַן ענלעכע געשיכטע: אַן אומגעבראַכטע משפּחה, אַ געראַטעוועטער קרוב, לאַ-גערן. הערי האָט אָנגעהויבן דערציילן פּרטים:

— ער קומט מיט זיין פרוי, פּנחס. זיי האָבן טאַקע דאָ ניט לאַנג חתונה געהאַט, טאַקע אין פראַנקרייך. איך האָט געדאַרפט זען איר ענגליש!...

ער האָט אַ זוך געטאָן צווישן די וויכטיקע פּאַפּירן פון אַ שופ-לאַד און ארויסגעצויגן אַ פּעקל פאַרגעלטע קאָנווערטן. אָבער דער עולם איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק. עס זיינען אריינגעקומען עטלעכע נייע קונים. נאָר איינע, אַ יונג ווייבל, האָט אָנגעוויזן אויף דעם פּעקל בריוו:

— אפשר קענט איר מיר געבן אַ פּאָר פון די „סטעמפּס"? — האָט זי געבעטן — מיין באָיטשיק איז משוגע פאַר פּאָסט-מאַרקעס!

די פרוי פון די מילך-סמעטענע-קעז האָט געטוליעט צוויי אָנגע-פּיקעוועטע טאָרבעס צו איר הויכן בוזים און איז געלאָפן מיט די אויגן איבער די שורות ציפערן, וואָס הערי האָט אויסגעשטעלט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר:

— פאַרגעסט ניט צו פאַרעכענען די צוויי צוריקגעבראַכטע באַטלס — האָט זי אים דערמאָנט, אָנווייזנדיק אויף צוויי ליידיקע פלעשער: איינע פון מילך און אַ צווייטע פון פּעפּסי-קאָלאַ.

— כ'וועל ניט פאַרגעסן! — האָט הערי, ברומענדיק אונטער דער נאָז, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי מען וואָלט אים מפסיק געווען אין מיטן אַ תפילה.

וואָרן ברומענדיק די צאָלן האָט ער טאַקע געטראַכט וועגן זיין

ברודער, עליו השלום, און די אמאליקע יארן אין דער אלטער היים. „פארוואס קומט זי ניט?״ — איז ער אין מיטן בייז געווארן אויף זיין פרוי — „זי וועט היינט אראפגיין פריער, האט זי געזאגט. א קלייניקייט עפעס, חיים עוזר׳ס זון! ... חיים-עוזר איז געווען דער למדן פון דער משפחה, א פייערדיקער קאפ, זיך אויסגעוואלגערט וואי נאר א ישיבה. און פנחס איז טאקע א נאמען נאכן זיידן, וואס מען האט אים אין שטעטל גערופן רב פיני דער בעל קורא. א שיינער ייד׳ געווען...

— שאט, אט איז די מיסעס!

*   *
*

דער „על״ איז אנגעלאפן מיט א טראסק. די גאנצע הילצערנע סטאנציע האט זיך אזש א טרייסל געטאן. די וואגאנען זיינען געווען האלב-פוסט און הערי בראנדוויין האט זיך צוגעזעצט אויף א ליידיקער באנק ביי א פענצטער.

די טירן האבן זיך צוגעקלאפט מיט רעש און דער צוג האט זיך א יאג געטאן פארויס. טיף צופוסנס האבן זיך פארבייגעגלימשט מויערן און גאסן, גרינע און רויטע ליכטער, איילנדיקע אויטאס. מיט פערציק יאר צוריק איז דא כמעט גארניט געווען! פערציק יאר אין אמעריקע? דאכט זיך ווי נעכטן וואלט עס געווען.

יעדע פאר בלאק איז די באן שטיין געבליבן. מענטשן זיינען האסטיק אריין און פארכאפט זיץ-פלעצער. וואו איילן זיי זיך אלע? — די וועלט איילט זיך צו וואכעדיקע טועכצן: ביזנעס, ארבעט, „שאפינג״. האט ער זיך דען ניט אפגעאיילט אזוי פערציק יאר? באשר ער פארט היינט אפנעמען א פלימעניק, וואס האט זיך גערא-

מעוועט פון יאַמער־טאַל... די „סטאַרקע" האַלט אים צוגעשמידט זוי מיט א קייט. מען שטייט אויף א זייגער זעקס באַגינען און ווען מען גייט אַרויף אַרום ניין א זייגער אין אָוונט אין שטוב, קלעפּן זיך שוין די אויגן נאָך איידער מען באַווייזט אַריינצוקוקן אין א „פּייפּער". נאָך דער וואַרימער זופּ פאַלט מען שוין בכלל מיט דער נאָז אויפן טיש.

און טאָמער בלייבט פריי א זונטאָג נאָכמיטאָג, שלעפּט אים די „מיסעס" אין די „מואוויס" אַריין. איינער וואָלט פרעגן וואָס און ווען? אז בסך הכול ווערט ער אַנדרימלט נאָך פאַרן ערשטן בילד, ווען מען האַלט אין אויסרעכענען די לאַנגע מגילות פון די אַרטיסטן און אַרטיסטקעס, און פּראָדיוסערס מיט זייער יחוס און מעלות און גאַנצן בלאָט.

אין האַלב־שלאָף דערטראָגן זיך צו אים חזנ'ישע שטיקלעך, פּסוקים פון א מגיד'ישער דרשה און ריחות פון א היימישן טשאָלנט. די טונקעלע „מואווי" זעט אויס ווי דער שמעטלדיקער פּאַליש בין מנחה למעריב.

ער כאַפּט זיך אויף יעדער מאָל ווען ער דערלאַנגט א צו שטאַרקן כראָפּ און די מיסעס דערלאַנגט אים א שטורך מיטן עלנבויגן:

— זע נאָר, שלאָפן וואָלסטו דאָך געקענט אין דער היים. בא לייטן א מאַן — — — — !

אַוודאי וואָלט ער זיך ליבערשט צוגעלייגט זונטיק נאָכמיטאָג. שבת האַלט מען אָפּן די „סטאָר" און זונטיק אין אַמעריקע איז ווי שבת אין דער אַלטער היים: מען עסט „טשיקן" און מען קוקט אַריין אין א צייטונג. דער „פּייפּער" איז דאָ ווי, להבדיל, אַמאָל א ספר. די בלאַט איז א יידישע און דאָך א שטיק אַמעריקע: אָנגעפּיקעוועט

מיט כל טוב ווי א שטייגער א דעפּאַרטמענט-סטאָר: אַרטיקלען מיט אַלע שבע חכמות, עצות פון אַ דאָקטער, אמת'ע פּאַסירונגען פון לעבן און דריי-פיר שפּאַנענדע ראָמאַנען (די ראָמאַנען מיט די „אינ-טימע בריוועלעך" לאָזט ער איבער פאַר דער מיסעס.).

אַפילו די סדרה פון דער וואָך קענט איר געפינען אין „פּייפּער". איינער אַ חשוב'ער רב — ער שטייט דאָרט אין מיטן דער סדרה מיט אַ יאַרמולקע אויפן שפּיץ פּאַטעלניע — צעקייט זי ווי עס באַ-דאַרף צו זיין אין אַ לאַנגן אַרטיקל און בערייט זי צו מיט פסוקים, מדרשים און לייכטע מאמרי חז"ל (אַמעריקאַנער יידן זיינען דאָך בעוונותינו הרבים ניט קיין צו גרויסע למדנים), האָט איר שוין, הייסט עס, די סדרה אויך אין שטוב!

ער, הערי, האָט ליב די דאָזיקע מאָדערנע דרוש'ן אַ חיות. זונ-טיק קויפט ער אַפילו צוויי צייטונגען, די רעליגיעזע און אַ מאָדערנע, און נאָכדעם ווי ער כאַפּט אַ דרימל וואָלט ער אַריינגעלייענט ביז אַ האַלבער נאַכט אַריין. אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז די מיסעס שלעפּט אים גאָר אין די „מואוויס"?

איז שוין בעסער, וואָס זי פאַרנעמט זיך לעצטנס מיטן קבלת-פּנים פאַר די געראַטעוועטע קרובים. שוין זינט עטלעכע וואָכן ווי זי רעדט נאָר וועגן דער „פּאַרטי", וואָס מ'עט פאַר זיי צוגרייטן („באַ די ווייבער זיינען דאָך די פּאַרטי'ס דער גאַנצער עיקר!" — האָט ער אָפּגעזיפצט) מ'עט איינלאַדן די גאַנצע משפּחה, אָבער קומען וועלן דאָך אַוודאי נאָר די עלטערע. די יינגערע ווייסן דען ווער רב פּיני דער בעל-קורא איז געווען? זיינע אייגענע קינדער ווייסן אויך ניט...

ער קען זיך ניט באַקלאָגן, אַז ער האָט ניט קיין נחת פון די קינדער — פאַרקערט, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. דער עלטסטער, בעררי, האָט שוין ברוך השם אַן אייגענעם דראַג-סטאָר (און ער האַנ-

דלט אונטער מיט „סטאַקס". די אַקציעס זיינען לעצטנס געפאַלן, אָבער מען זאָגט, אַז זאָלן נאָר אַריבער די שטרייקן, וועלן זיי זיך ווידער אַ הויב טאָן) דער יינגסטער איז שוין כמעט אַ פּראָפעסאָר (מער ניט, ער איז אַביסל געכאַפּט אין דער מעשה, לינקס הייסט עס, זיך אָנגעשמעקט פון די חברים אין קאַלעדזש). אָבער גאָרניט, אַמע־ריקע איז אַ „פרי קאַונטרי" און סאַל איז אַ וועטעראַן, האָט זיך גע־שלאָגן פאַרן „אַנקל סעם" אויף יענער זייט ים.

אפילו סאַנדראַ איז לעצטנס געוואָרן אַ שטיקל מענטש. צו זעכצן יאָר איז זי אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל און אָנגעזאָגט דער מאַמען, אַז זי גייט אין אַ „מואווי" מיט אַ „באָי-פרענד". גוט וואָס מען האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז ער איז אַן איי־רישער, דער „באָי-פרענד", און מען האָט עס גליך געקענט פאַרכאַפּן. אמת, זי לויפט נאָך אַלץ אַרום אין הויזן און לאָזט ניט אַרויס דעם סיגאַרעט פון מויל. אָבער חתונה געהאַט האָט זי דווקא מיט אַ גאַנץ פיינעם מאַן.

אָבער וואָס שייך יידישקייט איז עס ניט דאָס! ... ס'הייסט לעצטנס האָבן זיי אפילו יאָ גענומען אַריינטראַכטן: דער עלטסטער כאַפּט אַ קוק אין די ארץ־ישראל נייעס פון „טאַימס" און ער האָט שטאַרק אָנגעקוואָלן, ווען די יידן האָבן דערלאַנגט קלעפּ די אַראַבער, און סאַל האַלט אין איין טענה'ן, אַז קאַפּיטאַליזם און אַנטיסעמי־טיזם גייען האַנט ביי האַנט. וואָסי? קנאַפּ האָט ער זיך דאָרט אָנגע־זען צרות, אויף יענער זייט ים? נאָך אַ שטיקל נס, וואָס פּנחס'ל האָט זיך געראַטעוועט. ער איז אַ נאָמען נאָך רב פּיני דעם בעל-קורא. אַ שיינער ייד געווען רב פּיני! ... בעררי איז אויך אַ נאָמען נאָך אַ זיידן... וואַרט, נאָך וועלכן זיידן? ...

די דורות האָבן זיך אים אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. די נעמען האָבן

אָפּגעקלונגען ווי אַ וויַיטער עכאָ צום טאַקט פון די רעדער פון רוישנ-
דיקן סאַבוועי: רב פּנחס — — — פּיני — — — הערשעלע — —
הערי — — — בעררי — — — זיַין קאָפּ איז געזונקען. ער איז
אַנדרימלט געוואָרן.

— גרעט קאַנקורס! — האָט הערי דערהערט אַ שטימע אין
שלאָף. ער איז אויפגעשפרונגען און אין גרויס איַילעניש ארויסגע-
לאָפן דורך דער טיר. מיט אַ לאַנגן טונעל האָט ער זיך געלאָזט צו
דעם זיבעטע-עוועניו־עקספּרעס.

* *
*

אין אָפּגעפרישטער נאָכן קורצן דרימל האָט ער זיך גענומען אריינ-
טראַכטן אין תכלית־זאַכן. דער ברודער סעם פון ברוקלין וועט אוודאי
קומען שפּעט צו דער פּאַרטי. ער אַרבעט נאָך אַלץ אין „שאַפּ", סעם אַ
צושניידער ביי מאַנטלען איז ער, אָבער ניט צו פאַרזינדיקן: אין די
גוטע יאָרן האָט ער אָפּגעשפּאָרט עטלעכע הונדערט דאָלאַר און געהאַט
שכל צו קויפן אַ מציאה אַ פּאָר באָנגאַלאָוס אין ראַקאַוועי-ביטש
(מיט אַ גרויסן „מאָרגערדזש"). היינט זיינען זיי מיט גאָלד צו גלייך,
די באָנגאַלאָוס. די שוועסטער שרה וועט אפשר קומען מיט איר
עלטערן זון. ער וווינט טאַקע ביי סענטראַל־פּאַרק-וועסט, אָבער אַזוי
ווי ער איז אַ זשורנאַליסט — אַן ענגלישער טאַקע! — אינטערעסירט
ער זיך מיט וועלט־זאַכן (אַזוי האָט זי געזאָגט נעכטן, ווען זי האָט
אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן).

אויב זיי וועלן צולייגן אַ האַנט, איז אדרבא. אָבער ער, הערי,
וועט זיי גאָרנישט זאָגן. נאָך דער „פּאַרטי" וועט ער דערלאַנגען פּנ-
חס'ן אַן אָנשטענדיקן טשעק — אַ הונדערטער!... און אפשר נאָך

מער? ער זאָל ניט דאַרפֿן אָנקומען יעדע פּאָר טעג נאָך אַ דאָלאַר. ער וועט עס ניט טאָן פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, חס ושלום. פֿאַרקערט, אַ מתן בסתר. אָבער נישקשה, זיי וועלן זיך שוין אָנשטויסן.

אַ צעוואָרימטער פֿון דער נאָענטער באַגעגעניש מיט זיין ברודערס זון און פֿון דעם משפּחה־צוזאַמענקום, איז העדי געוואָרן סענטימענטאַל געשטימט און ס׳איז אים איינגעפֿאַלן, אַז עס פּאַסט ניט צו דערלאַנגען פּנחס׳ן נאָר אַ טשעק: יענער קומט פֿון גיהינום, פֿון ליידן, פֿון צרות, איז וואָס איז נאָר געלט? לא על הלחם לבדו יחיה האדם. ניין, מען מוז אים אויסדריקן פֿריינטשאַפֿט דורך עפּעס אַ צייכן, אַ סימבאָל, עפּעס גייסטיקעס. אָבער וואָס? אַ ביסל מעבל האָט מען שוין איינגעקויפֿט און אַריינגעשטעלט אין דער געדונגענער דירה׳לע. וועש? דאָס וועט שוין די מיסעס איינקויפֿן מיט זיי. מען האָט נאָר געוואַרט זיי זאָלן קומען, כּדי צו האָבן די גענויע מאָסן. גוט, ער וועט העכערן דעם ערשטן טשעק: הונדערט מיט פֿופֿציק!... צוויי הונדערט, גוט?...

ס׳איז אָבער עפּעס ניט דאָס!

ערשט ווען דער עקספּרעס האָט דורכגע׳רעש׳ט די 96־טע גאַס, האָט עס אים פּלוצלונג אויפֿגעלויכטן אין מוח: „די אייביקע קוואַלן!" ווי אַזוי איז עס אים פֿריער ניט איינגעפֿאַלן? אָט דאָס איז דאָך טאַקע די ריכטיקע מתנה!

זי האָט געהאַט אַן אַלטע געשיכטע, די אַנטאָלאָגיע פֿון די „אייביקע קוואַלן", אַ ספֿר פֿון כּמעט טויזנט זייטן אין אַ לוקסוס־באַנד, וואָס איז געשטאַנען ביי אים אויפֿן שראַנק. עפּעס מיט אַ יאָר צען צוריק האָט ער געטאָן אַ גרויסע טובה איינעם אַ מיסטער אָ׳קאַנער, אַן איירישן שכן. האָט דער דאָזיקער אָ׳קאַנער — דווקא אַ פֿיינער גוי — אים געוואָלט אָפּצאָלן מיט אַ פֿיינעם טשעק. האָט ער,

הערי, ניט געוואָלט נעמען: פאַרוואָס זאָל אַ גוי מיינען, אַז ביי ייִדן איז געלט דאָס גאַנצע לעבן? איז אָבער מיסטער אָ׳קאָנער ניט געווען קיין חזיר, איז ער אַראָפּגעפאָרן אין דאַון־טאַון, האָט זיך דער־פרעגט אויף אַ יידיש בוך־געשעפט, און זיך געהייסן געבן אַ יידישן ספר, טאַקע מיט „היברו לעטערס". דער פּרייז מאַכט אים ניט אויס, האָט ער געזאָגט, נאָר עס זאָל זיין עפּעס רעכטס: אַ ביסל פון דער „ביבל", תפילות, געזעצן, דאָס און יענעס... אַ ביסל „פּאָעטרי" דערצו, האָט ער געזאָגט, קען אויך ניט שאַדן. וואָרן מיסטער אָ׳קאָ־נער און הערי פלעגן פון צייט צו צייט האָבן אַ שטיקל דיספּוט וועגן העכערע זאַכן: מיין גאָט, דיין גאָט, איר ווייסט דאָך! האָט ער גע־וואוסט, אַז הערי איז ניט קיין עם-הארץ.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, מיסטער אָ׳קאָנער איז אַראָפּגעקומען מיטן דאָזיקן ספר, וואו ס׳איז באמת פאַראַן מכל טוב: קאַפּיטלעך תנ״ך, מאמרי חז״ל, רמב״ם, אַזש ביז ביאַליק׳ן. שטייען זיי די „איי־ביקע קוואַלן" ביי הערי׳ן אויפן שראַנק, שטייען און זאַמלען שטויב. נו, וועלן זיי באַטש אַצינד געפינען זייער תיקון. וואָרן הערי, האָט דאָך קיין צייט ניט אַריינצוקוקן, קוים וואָס ער לייענט איבער דעם „פּייפּער", און די קינדער... נו, די קינדער...

— וואָס? ווער? זיין פרייד איז ווי פאַרוואָלקנט געוואָרן. האָט ער מיטאַמאָל אוועקגעמאַכט דעם גאַנצן נחת מיט די הענט. נאָך גוט, וואָס פנחס׳ל, חיים עוזר׳ס זון, איז געקומען קיין אַמעריקע, וועט באַטש זיין ווער עס זאָל אַריינקוקן אין ספר. ער וועט אים אי־בערגעבן דאָס בוך צוזאַמען מיט אַ טשעק אויף צוויי הונדערט מיט פופציק דאָלער. נישקשה, עס וועט קלעקן גענוג ירושה פאַר די קינ־דער. ניין, גאַנצע דריי הונדערט!

אָבער דאָס אומהיימלעכע געפיל איז אַלץ ניט פאַרשוואונדן. פאַר

די אויגן האָבן אויפגעבליצט און זיך געלאָשן די ליכטער פון לאָ־קאַל־סטאַנציעס. הערי האָט זיך איצט דערפילט שולדיק לגבי דעם געראַטעוועטן פּלימעניק:

„וואָסי-דען? וואָס?״ — האָט ער זיך ניט געקענט קלאָר מאַכן זיינע פאַרנעפּלטע אהנונגען.

ווען די באַן האָט זיך האַסטיק אַריינגעגליטשט אין „טאַימס־סקווער״, איז אים אומגעריכט געקומען אויפן זינען אַן אַלטע געשיכ־טע פון דער וויטער קינדהייט: די מעשה מיט יענעם יינגל, וואָס איז געגאַנגען אין חדר און אויפן וועג איז אים אונטערגעקומען אַ הונט און האָט אַרויסגעכאַפּט זיין בולקע פון האַנט. האָט דאָס יינגל אַ נעם געטאָן דעם סידור פון אונטערן אָרים, אים אַ וואָרף געטאָן צום כלב און אויסגערופן:

— „אַז דו האָסט צוגענומען די בולקע, טאָ נעם זשע אויך דעם סידור און גיי ד ו אין חדר!״

ער איז שנעל אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. הינטער אים האָבן זיך רעש׳דיק פאַרקלאַפּט די טירן פון וואַגאָן.

* *
*

די ליכטיקע שיין פון „טאַימס-סקווער״ האָט אים ווי אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. רעכטס און לינקס, אויבן און אונטן, פון אונטערערדישע טונעלן ביז צימערן אויף אַ הונדערטסטן גאָרן, פון מזרח-טייך ביז די וואַסערן פון האָדסאָן און איבער די כוואַליעס פון דער לופט האָבן מענטשן געהאַוועט, זיך געיאָגט, געקויפט און פאַר־קויפט, פאַרשלונגען פראַנקפורטער-וואורשטלעך מיט גאַרטשיצע און באַטראַכט שרייענדיקע רעקלאַמעס פון אָפּפיר־מיטלען און קינאָ-

פּטאַרס, געליינט די אינטערנאַציאָנאַלע ידיעות, וואָס האָבן זיך גע-וויקלט אַרום דער פּאַסאַדע פון דער „מאַימס"-געביידע און שטודירט די בערזע-קורסן פון דער לעצטער מינוט.

די שפּיגלווּעבס-געדאַנקען, וואָס האָבן זיך אויסגעוועבט אין הערי'ס מוח אין משך פון דער לאַנגער רייזע דורך די טונקעלע טו-נעלן, זיינען צעבלאָזן געוואָרן ווי אַ רויך און זיך צעשוואומען צווישן די וואָלקן-קראַצערס. ער האָט איינגעאָטעמט פולע לונגען פון דער שאַרפער ביזנעס-לופט און איז געוואָרן אויס פילאָזאָף. ער איז ווי-דער געווען אַ קרעמער פון די בראָנקס.

ער האָט אַ וואונק געטאָן צו אַ פאַרביי-פאָרנדיקער טאַקסי און זיך נעהייסן פירן אייליק צום פּאַרט.

* *
*

פּנחס-פּיער און „מאַדמואַזעל" מאָרעסט — ווי ער האָט זי נאָך אַלץ גערופן אין געדאַנק — זיינען געשטאַנען צווישן די פּאַסאַזשיר, אויפן דעק און אַראָפּגעקוקט צום עולם אונטן.

— ווּעסט אים דערקאָנען? — האָט זי געפרעגט.

זיי האָבן גערעדט פראַנצויזיש.

— וועמען? דעם פעטער הערי? איך קאָן דאָך אים כלל ניט — האָט ער פונדעסטוועגן געזוכט מיט אָנשטרענגונג צווישן וואַרטנ-דיקן עולם.

— אה, יאָ!...

— ווען ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, בין איך נאָך כלל אויף דער וועלט ניט געווען.

— יאָ, כ׳האָב פאַרגעסן. צוליב... צוליב דעם אַלעמען בין איך אַ ביסל צעטומלט.

— נאַרישקייטן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די שיף האָט זיך לייכט געוויגט. דער עולם, אַן אויפגערעגטער, האָט געקוקט מיט אַ ציטער אויף דער אויסגעחלומ׳טער ערד צו־פוסנס, אויף די וואָלקנקראַצערס, אויף דער ריזיקער שטאָט פון שטיין און שטאָל, וואָס האָט זיי אויפגענומען שווייגנדיק, ווי אַ ספינקס, און באַהאַלטן אין אירע איינגעווייַדן דעם סוד פון זייער צוקונפט. מאַ־דעסט האָט זיך געקראַמפט אָן איר מאַנ׳ס אָרים. אים איז פאַרגעקו־מען, ווי זי וואָלט געפליסטערט אַ שפרוך. ער האָט אויפגעכאַפט אָפּ־געריסענע ווערטער:

— פינחאס... יאָמטעוו... חתונה... כשר... מיקי...

— וואָס מורמלסטו? — האָט ער זיך באַמיט צו שמייכלען.

זי האָט זיך פאַרשעמט:

— כ׳ווייס ניט, איך שרעק זיך אַזוי פאַר דער ערשטער באַגע־געניש.

— ערשטנס הייסט עס מקווה און ניט מיקי — האָט ער געזאָגט — און אויסערדעם קענסטו עס בכלל אַרויסוואַרפן פון דיין רע־פערטואַר. זיי נוצן עס מסתמא קוים אין ניו-יאָרק.

— גוט, בעסער אַזוי! — האָט מאַדעסט זיך עטוואָס באַרו־איקט.

זי האָט אָפּגעלאָזט פיער׳ס האַנט און האָט אַ שפאַן געטאָן אויף צוריק. מיט אַ פלינקער באַוועגונג האָט זי פאַרוואָרפן אויף הינטן אירע בלאָנדע, קורץ-געשאָרענע האָר:

— און ווי זע איך איצט אויס? — האָט זי זיך אויסגע־שטרעקט ווי אַ מאַנעקען.

— ווי א בעלגיש שיקסל! — האָט פּנחס־פּיער גע׳פּסק׳נט, זאָגנדיק דאָס לעצטע וואָרט אויף יידיש.

— ניין, זאָג! — האָט מאָדעסט זיך ברוגז׳ט.

— איך זאָג דאָך דיר! ווי ווילסטו אויסזען? ווי א רבּ׳ס א טאָכטער?

מאָדעסט האָט זיך אָנגעכמורעט. איר העל, קינדיש פּנים האָט זיך פאַרקרימט. אָט-אָט און טרערן וועלן א פלייץ טאָן פון אירע אויגן. מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ האָט זי גערעדט צו זיך אַליין:

— איך וויים, דו האָסט מיך מער ניט ליב. איצט האָב איך קיי־נעם ניט, כ׳בין דאָ איינע אַליין, צווישן פרעמדע מענטשן, אין א פרעמדער וועלט.

זי האָט גערעדט ערנסט, מיט איבערצייגונג. פּיער האָט א שפּרייז געטאָן צו איר, פאַרלייגט אן אָרים אַרום איר טאַליע און זיך צוגע־בויגן נאָענט צו אירע ליפּן:

— נו, זיי רואיק, קינד, עס וועט שוין אַלץ גוט זיין, וועסט זען! — האָט ער זי געטרייסט.

— לעבן דיר פיל איך זיך זיכערער — האָט זי זיך געטוליעט צו אים. אירע אויגן האָבן אויפגעשיינט און באַטראַכט מיט נייגערי־קייט די גרויסע שטאָט.

זי האָט א סך שאַרפער געפילט די איינזאַמקייט און פאַרלאָרנ־קייט פון אין-דער־פרעמדס. פאַרן געניטן וואָגלער פּנחס-פּיער איז א נייער ברעג ניט געווען קיין נאָווינע. „מאַדמואַזעל" מאָדעסט האָט פון תמיד אָן געלעבט אין דער היים. אַפילו בעת די שווערע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט זי געפילט די זיכערקייט פון באָדן אונטער די פיס. אמת, דאָס לעבן איז אין יענע יאָרן געווען הפקר.

אָבער געווען איז עס נאָר צייטווייליק, ווי בעת אַ שטורעם אויפן ים. און צום ים און שטורעמס איז זי געוווינט געווען פון קינדווייז אויף.

* *
*

זי איז אויפגעוואַקסן אין אַ קליינעם פישער-דאָרף ביים ברעג פון אַטלאַנטיק. איר פאָטער, דער אַלטער בענוא, האָט געהאַט אַ דאָרפישע אכסניא פון פיר צימערן און אַ קליינע ווירטשאַפט פון אַ גאָרטן, אַ פּאָר טוץ עופות און עטלעכע חזרים. פון צייט צו צייט פלעגט ער אַרויספאָרן מיט אַ נעץ אויפן ים. די ספּעציאַליטעט פון „הויז" איז באַשטאַנען פון פרישע, רויט-געפּאַרעטע ראַקעס, קראַבן און ווייסן עפּל-וויין.

זומער פלעגן דערשיינען געסט פון שטאָט, מייסטנס יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן געוואָלט פאַרברענגען זייערע פרייע וואָכן ביליק און מיט זיך אַליין. סוף-וואָך פלעגן דאָ איינשטיין סטודענטן מיט זייערע „קליינע פריינדינס" — מאָדעלקעס אָדער שניידערקעס. טיילמאָל זיינען אַריינגעפאַלן געסט פון אויסלאַנד — טוריסטן פון לאָנדאָן און אפילו אַמעריקע, אויף זייערע וועגן קיין פּאַריז און איטאַליע — אָדער אָרימע שריפטשטעלער און מאָלער, מיט בלאַסע געזיכטער, אין אויסגעריבענע אָנציגער. זיי האָבן מיטגעבראַכט גרוס פון דער ווייטער, גרויסער וועלט.

ווינטער-צייט איז דאָס דערפל געזונקען אין פינסטערניש. דער ווינט האָט געהוליעט צווישן די פעלזן פון ברעג און דער ים האָט זיך געריסן מיט קולי-קולות. אין אָוונט האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שכנים, דורכגענעצטע פישערס מיט טיפע קנייטשן אויף די שטערנס און פאַרהאַרטעוועטע דלאָניעס, האָבן אָפּגעטרייסלט דעם רעגן פון די אויפגעשטעלטע קאָלנערס און באַשטעלט אַן עפּל-וויין אָדער אַן

אַפּעריטיוו. זיי האָבן פֿויל און לאַנגזאַם געשפּילט אַ פּאַרטיע „בעד־לאָט", געצויגן געמיטלעך פֿון שווערע, אָפּגעסמאַליעטע ליולקעס און אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט וועגן וועטער, די פּרייזן פֿון פֿיש און דעם טעם פֿון היי־יאָריקן ווייַן.

מאָדעסט האָט געלערנט מיט איבערייסן אין דער איין-צימער שולע פֿון דאָרף, האָט געפּאַשעט די גענדז און געקאָרמעט די חזירים. זונטיק איז זי געגאַנגען אין דער אַלטער, שטייַנערנער קירכע, האָט מיטגעזונגען די הימנען און הללויה'ס און זיך צוגעהערט צו די וווּנדער-געשיכטעס פֿון דער ביבל, וואָס זייַנען געווען אויסגעמאָלט אויף די פֿאַרביקע שויבן פֿון דער פֿאַרטונקלטער געבייַדע.

שוין גאָר יונג האָט מאָדעסט אַרויסגעהאָלפֿן דער מוטער בײַם אויפֿרוימען די צימערן פֿון דער אַכסניא. זי האָט אַרויפֿגעבראַכט טאַצן מיט פֿרישטיק צו די געסט, וואָס זייַנען ביז שפּעט געבליבן אין די בעטן. די אומבאַקאַנטע לעבנס און דער גלאַנץ פֿון די ווייטע, פֿרעמדע שטעט האָבן גערייצט איר פֿאַנטאַזיע. שטאַטנדיק און פֿאַרגעפּלט האָט זי געהאַנט די אָפּגעשפּילטע דראַמעס און ליבעס. זי האָט באַקומען טרינק-געלטער און געזאַמלט דאָס געלט אויף דעם שפּאָר-קאַסע פֿון דער פּאָסט. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי אַ לענגערע צייַט געאַרבעט אַלס קינדער־מיידל בײַ אַן ענגלישער פֿאַמיליע, וואָס האָט פֿאַרבראַכט די זומערן אין אַ הויפֿישן פּאַלאַץ פֿון דער געגנט.

צו זעכצן יאָר איז זי צום ערשטן מאָל געגאַנגען אַליין טאַנצן אויף אַ באַל. זי האָט זיך פֿאַרפּוצט אין די שענסטע פֿון די קליידער, וואָס זי האָט באַקומען אַ מתנה פֿון דער ענגלישער דאַמע. דער גרויסער זאַל פֿון דער קרעטשמע איז געווען באַהאַנגען מיט קאָלירטע פֿענדלעך און לעמפּלעך, און געפּאַקט פֿון טיר צו טיר. די מוזיק האָט רווישיק געשאַלט. מאָדעסט האָט זיך געווינט צום טאַקט אין די

אַרימס פון געזונטע יונגען און איז אַריבער פון האַנט צו האַנט. די שרייאיקע פאַרבן און הילכיקע טענער האָבן זי ליכט פאַרשיכורט.

עטלעכע היימישע יונגעליט האָבן אָנגעהויבן זי אָפּוואַרטן אין די פרייע אָוונטן פון סוף-וואָך. אין דאָרף האָט מען געהאַלטן, אַז עס וועט קומען צו אַ געשלעג. אויסגעבראָכן איז גאָר אַ וועלט-מלחמה.

די ענגלישע טוריסטן זיינען אַוועק מיט דער ערשטער שיף. די היימישע יונגעליט האָט מען צוגענומען אין מיליטער. דעם גאַנצן ווינטער איז געווען אומעטיק און מען איז געגאַנגען פרי שלאָפן. אין מיטן פרילינג זיינען דערשינען עראָפּלאַנען אונטערן הימל און טאַנ-קען אויף דער ערד. הינטער זיי האָבן אַריינגעמאַרשירט די דייטשע חיילות.

* *
*

פיער האָט געהערט צו אַ גרופּע פון „ווידערשטאַנד", וואָס האָט פּרובירט זיך אַריבערכאַפּן איבערן קאַנאַל, קיין ענגלאַנד. אַן אומ-געריכטער שטורעם האָט צוריקגעטריבן דאָס שיפל און עס צעקלאַפּט אַן אַ פעלדז, ניט ווייט פון ברעג. דער אַלטער בענוֹא האָט געפונען דעם געראַטעוועטן בחור, אַן אויסגעהונגערטן און צעדראַפּעטן, אין אַ באַרג היי, אויפן בוידים פון זיין שטאַל. ער האָט אויסגעהערט זיין געשיכטע און זיך בשעת מעשה ישוב-הדעת׳דיק געקראַצט אין קאָפּ. קומענדיק אין שטוב, האָט ער תחילת געענטפערט בייזלעך, מיט אַ בורטש, אויף די פראַגעס פון זיין ווייב און טאָכטער.

ס׳איז געבליבן, אַז דער פרעמדער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאַל, ביז עס וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט צו פאַרלאָזן די שטרענג באַוואַכטע זאָנע פון ברעג ים. עסן האָט מען אים געטראָגן ביינאַכט

ח. אַיאַלטי

און ווייל יונגע מיידלעך האָבן זיך פרייער געקענט באַוועגן נאָך דעם זון-פאַרגאַנג, האָט מאַדעסט אים געבראַכט די זופּ מיטן שטיקל ברויט.

— אַ דאַנק! — האָט ער אויפגעהויבן צו איר די אויגן, זי האָט שווייגנדיק געוואַרט אויף די ליידיקע כּלים. ווען ער האָט געענדיקט עסן, האָט זי אומדרייסט אַ פרעג געטאָן:

— איר קומט פון ווייט, מעסיע?

— פון פּאַריז.

— געאַרבעט דאָרטן?

— געאַרבעט, געלערנט צו ביסלעך...

מאַדעסט האָט געהאַלטן דאָס ליידיקע שיסעלע אין דער האַנט און זיך אַלץ ניט גערירט פון אָרט.

— אין שלום-צייט פלעגן אַהער אָפט קומען פּאַריזער — האָט זי אַ זאָג געטאָן נאָך אַ לענגערן שטילשווייגן — פון מאָנפּאַרנאַס... לאַטיינישן קוואַרטאַל...

— וואָס דערציילן זיי אין ראַדיאָ וועגן דער מלחמה? — האָט פייער געפרעגט.

— כ'ווייס ניט — האָט זי זיך פאַרשעמט.

זי האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט די נייעסן פון קריג. שוין מאָנאַטן און יאָרן ווי מען האָט זיך געשלאָגן און געשלאָגן. די נעמען פון די דעראָבערטע שטעט און שלאַכט-פעלדער האָבן איר סאַי ווי גאָרניט געזאָגט. איצט האָט זי אָנגעהויבן זיך צוהערן צום ראַדיאָ. אין אָוונט האָט זי איבערגעגעבן פייער'ן די לעצטע מעלדונגען. ער האָט איר אַרויסגעהאָלפן מיט די נעמען פון שטעט און לענדער, וואָס זי האָט ניט געקענט ווי געהעריק אַרויסריידן.

— ביסט געווען אין די אַלע לענדער? — האָט זי באַוווּ־דערט זיינע ידיעות.

— ניט אין אַלע... — האָט ער געשמייכלט.

מיט אומגעדולד האָט זי געוואַרט אויף די שעה׳ן פון דער נאַכט. מיטן צופאַלן פון אָוונט פלעגט זי זיך אַדורכשלייכן דורכן טונקעלן הויף און אַרויפשאַרן צו אים אויפן בוידים. די ערשטע פּאָר מאָל האָט זי מיטגענומען אַ לאַמטערנע. דערנאָך איז זי געגאַנגען אין דער פינסטער. „ס׳איז זיכערער" — האָט זי זיך אַליין געזאָגט אַ תירוץ — „און מיט פייער אויף שטרוי איז געפערלעך!"

אין דער פינסטער האָבן זייערע הענט זיך באַרירט. אַ ווײַלע זיינען זייערע פינגער געבליבן צוזאַמענגעפלאָכטן. מאָדעסט האָט אויפגעציטערט מיט דערוואַרטונג. — האָט ער זי אַ צי געטאָן צו זיך? — זי האָט זיך אַ בויג געטאָן און געקניט נעבן אים אויפן היי. זי האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט, ווען ער האָט פאַרוואָרפן אַן אָרעם אַרום איר נאַקן און געזוכט אירע ליפּן.

— איך בין שטעבעדיק ווי אַ יאָזשיק — האָט ער זיך ענטשול־דיקט — שוין באַלד אַ וואָך זיך ניט ראַזירט.

— עס מאַכט ניט אויס! — האָט זי אַ זאָג געטאָן שטיל.

איר יונג־מיידלשע ברוסט האָט געצאַפּלט, ווען זי האָט אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און אַרויסגעצופּט די צוגעטשעפּעטע שטרויעלעך פון איר קלייד:

— איצט מוז איך גיין, מיין טייערער! כ׳וועל צוריק קומען שפּע־טער, גוט?

— גוט, מאָדעסט!

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער וואַקלדיקער לייטער. אַ וויי־

לע האָט זי זיך אויסגעגלייכט. נאָר איר קאָפּ האָט אַריבערגעקוקט צו אים.

— אויף באַלד, מיין טייערער! — האָט זי אַ מורמל געטאָן און איז פאַרשוואונדן אין טונקל.

ווען זי איז צוריק געקומען, האָט שוין פּיער האַלב-געדרימלט. איינגעדרייט אין אַ שלאָף-ראָק האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן אים.

— ס'איז דיר קאַלט?

— ניין.

זי האָט אים צוגעדעקט מיטן ראַנד פון איר ראָק:

— די נאַכט איז קיל און פייכט — האָט זי געזאָגט — אַ טו־מאַן שטייגט אויף פון ים.

איר וואַרימקייט האָט אים אַדורכגענומען. זיי זיינען געזונקען אין היי. — „דערציילט מיר!" — האָט זי געבעטן. — „וואָס?" — „וועגן דיין אַמאָל... די גרויסע שטעט... דיינע וואַנדערונ-גען..." די אויסגעהוילטע נאַרע איז פול געוואָרן מיטן ריח פון היימיש-געמאַכטן זייף און פריש-געוואַשענעם מיידלשן לייב. אַ שטיל פּליסטערן איז אויפגעגאַנגען און זיך געלאָשן.

— דאַרפסט נאָך ניט גיין? — האָט פּיער איר דערמאָנט.

— ניין, די אַלטע שלאָפן סאַי ווי.

פון דעמאָלט איז זי יעדן אָוונט ווידער געקומען אין אַ שפּעטער שעה. זי האָט זיך כסדר אומגעקערט צו זיין פאַרגאַנגענהייט. ס'איז ניט געווען קיין סתם נייגעריקייט — זי האָט געוואָלט תופס זיין זיין וועזן. איין מאָל האָט פּיער ווי דרך־אגב אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, מאַדעסט, אַז איך בין אַ ייד?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

פּיער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. ער האָט געזוכט די פּאַסיקע ווער-

טער, אָבער זיינע דערקלערונגען האָבן גאָרניט קלאָר געמאַכט — זיי האָבן נאָר פאַרפלאָנטערט אירע געדאַנקען. אין דער אַרומיקער טונקל־קייט האָט זיין געשטאַלט זיך צונויפגעגאָסן מיט די ביבלישע פיגורן פון אירע קינדערשע פאָרשטעלונגען און אירע יוגנטלעכע אהנונגען וועגן די אויסטערלישע לייט פון די גרויסע, פרעמדע שטעט.

— אָבער דו האָסט מיך ליב? — האָט זי קורץ באַמערקט, ווען ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— יאָ! — האָט פּיער געגלעט אירע האָר. זיינע פינגער האָבן זיך אַ שאַר געטאָן איבער איר נאַקן, צו אירע פאַרונדיקטע אָרימס.

— נעם מיך אַרום! — האָט זי געמורמלט — שטאַרקער!

צומאָרגנס האָט זי אין ראַדיאָ אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט „יידן".

— אַה־אַה! — איז זי געוואָרן אויפמערקזאַם. אין אָוונט האָט זי דערציילט פּיער'ן וועגן גרויסע אָבלאָוועס אויף יידן אין פּאַריז.

זי האָט אָנגעהויבן שטריקן אַ סוועטער פאַר אים. די פלינקע באַוועגונגען מיט די שפּיזלען האָבן געוועקט אַן אומרו אין די שפּיצן פון אירע פינגער. זי האָט אַזוי אַרום אויך ביי טאָג געפילט פּיער'ס נאָענטקייט. אין די נעכט איז זי אַלץ לענגער פאַרבליבן אין זיין באַהעלטעניש. ווען זי האָט זיך איין מאָל מיטן גרויען פון באַגינען אַריינגעשליכט אין שטוב אַריין, איז איר אַ ווייסע פיגור אַנטקעגן געקומען אויפן שוועל. ס'איז געווען די מוטער:

— דו קומסט פון אים! —האָט זי געצאָרנט — לויפט אַרום ווי אַ צויג אין די נעכט! ...

מאָדעסט האָט געשוויגן. די אַלטע האָט זיך ניט געקענט באַ־רואיקן:

— עס טאָגט שוין! דו האָסט גאָר קיין חרפּה ניט?...
מאָרגן זאָל ער אַוועק פון דאַנען!

— און אַז ניט? — האָט מאָדעסט זיך אָנגעשטעכלט.

זי איז מיטאַמאָל דערוואַקסן געוואָרן און ארויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווילן: געקראָגן פאַלשע דאָקומענטן פאַר פּיערן און צוגעגרייט שפּייז אויפן וועג. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן זיי זיך געזעגנט:

— כ׳וועל דיך שוין קיין מאָל מער ניט זען! — האָט זי זיך געטוליעט צו אים מיט טרערן אין די אויגן.

— כ׳וועל קומען! אויב איך וועל נאָר בלייבן לעבן וועל איך צוריק קומען צו דיר.

— און איך וועל דערווייל פאַרענדיקן שטריקן דיין סוועטער — האָט זי אים פאַרזיכערט.

* *
*

ער איז צוריקגעקומען נאָך דער באַפרייאונג. איצט האָט ער געוווינט ביי די בענוא׳ס אין הויז. מען האָט אים גלייך אויפגענומען ווי אַ חתן: די אַלטע האָט אים אָנגעגאָסן אַ שיסל זופּ ביזן ראַנד און מכבד געווען מיטן בעסטן שטיקל פלייש; דער אַלטער האָט אים מיטגענומען אויפן ים און צוגערעדט, ער זאָל בלייבן מיט זיי אין דאָרף:

— גענוג זיך אַרומגעוואַלגערט איבער דער וועלט! — האָט ער גערעדט, ציענדיק פּאַמעלעך פון זיין פאַר-דער-מלחמה׳דיקער ליולקע — אַרבעט איז דאָ פאַראַן גענוג, פּרנסה אויך. די עפּל וועלן הייאָר זיין געראָטן און מ׳עט האָבן אַ גוטן וויין. מ׳עט איינלייגן פלייש אויף ווינטער. מאָדעסט וועט דיר זיין אַ גוט ווייב, און טאָמער וועט זי זיך דיר אַמאָל צועסן, וועסטו אַרויספאָרן אויפן ים. אויפן ים איז קיין מאָל ניט לאַנגווייליק.

פּנחס-פּיער האָט אויסגעהערט און געקלערט, אַז דער אַלטער איז גערעכט. אָבער ווי לאַנג וועט ער דאָ אויסהאַלטן? מאַדעסט האָט אים ניט אָפּגעלאָזט פון זיך. זי האָט אים געקוקט אין די אויגן און געוואָרנט: זי וועט גיין וואו ער וועט גיין — — —

ער האָט זי מיטגענומען קיין פּאַריז. זיי האָבן געוווינט אין אַ קליין צימערל, אין אַ ווייטער געגנט. פון צייט צו צייט פלעגט ער זי מיטנעמען אין שטאָט אַריין, צו גוטע פריינט. ס'רוב האָט מען זיך געטראָפן ביי אַ חבר אין אַן ענגן האָטעל-צימערל. מען איז געזעסן אויף די בעטן און אויפגעקאָכט טיי אויף אַן אַלקאָאָל-מאַשינקע. צוליב מאַדעסט'ן האָט מען גערעדט פראַנצויזיש, אָבער אין דער היץ פון דער דיסקוסיע פלעגט מען אריבער אויף יידיש. אַזוי צי אַזוי האָט זי קוים געכאַפּט וועגן וואָס מען איז זיך מתווכח: פרייהייט און סאָציאַליזם, גלות, ארץ-ישראל און יידישע קולטור. אפילו די נעמען פון די פּאַרטייען האָט זי קוים פאַרגעדענקט. זי האָט זיך אָבער באַמיט תופס צו זיין די פּראָבלעמען פון פּיער'ס וועלט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז אין די דאָזיקע דיסקוסיעס, אין די אָנגערויכער-טע האָטעל צימערלעך, וועט זי געפינען דעם פּותר חלום צו זיין דער-קלערונג — אין יענער נאַכט, אויפן שטאָל-בוידים — אַז ער איז אַ ייד.

— אַה, אַט דאָס איז עס! — האָט זי אָפטמאָל אַ זאָג גע-טאָן צו זיך אַליין, ניט וויסנדיק אַזוי גענוי, וואָס דאָס איז.

גאַנץ צופעליק האָט פּנחס-פּיער איבערגעלייענט אין אַ יידישער צייטונג, אַז הערי (פון דער היים הערש) בראַנדוויין פון בראָנקס נ. י. זוכט זיינע לעבן געבליבענע קרובים אין יוראָפּ: די קינדער פון זיין ברודער חיים-עוזר, אייניקלעך פון רב פּנחס דער בעל-קורא. א. א. וו.

ח. איאלטי

*       *
*

עס האָט גאָרניט געהאָלפן: הערי האָט ווייטער געטראַכט. אין קראָם האָט עס ווייטער געזשומעט, ווי שטענדיק: „הערי, א באָטל מילך!" „איר וועט היינט ניט קריגן קיין פרישע זעמל, הערי?" אָבער אין קאָפּ האָבן זיך אים געוועבט גאָר אַנדערע געדאַנקען, עפּעס גאָר ניט מעלמא דנן, ניט פון אונדזער ביזנעס-וועלט, הייסט עס.

די קרובים פון מעבר לים האָט ער פאַר דער צייט כמעט ניט געזען. ער האָט זיי נאָר געבראַכט פון שיף אין זייער קליינער דירה'לע. די מיסעם האָט זיך אין משך פון דער וואָך מיט זיי אַרומגעפירט: איז געגאַנגען מיט זיי איינקויפן אַ ביסל מלבושים און קליניקייטן פאַר דער באַלעבאַטישקייט, האָט זיי אַרויסגעפירט אויף אַ שפּאַציר אין נאָענטן פּראָספּעקט-פּאַרק און געוויזן מאָדערסט'ן, וואו מ'קען איינ־קויפן כשר פלייש אין ברוקלין. זי האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּלויבן פון די „קינדער" און דער'עיקר'שט האָט מאָדערסט געוואונען איר האַרץ:

— אַ טייער קינד, שטיל ווי אַ טויב — האָט זי דערציילט הערי'ן — און אַלץ איז ביי איר רעכט: אַזאַ קלייד, צי אַזאַ קלייד... נאָר איר נאָמען וואָלט מען געדאַרפט בייטן. דו ווייסט ניט ווי מען זאָגט מאָדערסט אויף ענגליש?

הערי האָט ניט געוווסט. זיין פּלימעניק, חיים עוזר'ס זון, האָט ביסלעכווייז בכלל פאַרלאָרן אין זיינע אויגן דעם זין פון אַ בשר ודם, פון סתם אַ מענטשן. פּנחס איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל, אַ פּרינציפּ, אַרום וועלכן הערי האָט געפירט אַ קאַמף מיט זיך אַליין

— א מין משפט, אין וועלכן ער איז געווען סאַי דער סניגור סאַי דער־קטיגור:

„פאַרוואָס עפּעס דווקא ער? " — האָט ער איינגע'טענה'ט מיט זיך אַליין — פאַרוואָס מוז עפּעס פּנחס איבערנעמען די „אייבי־קע קוואַלן" מיט דער גאַנצער יידישקייט? ... נו, און מיינע איי־געגע קינדער? "

קומענדיק פון שיף האָט ער תחילת גענומען העכערן דעם טשעק: 350 דאָלער ... פיר הונדערט ... ווען ער איז דערגאַנגען צו די פיר הונדערט מיט פופציק דאָלער, האָט ער זיך פלוצלונג געכאַפּט, אַז די מעשה איז עפּעס ניט גלאַט: אַז ער וויל זיך דאָ פון עפּעס אויס־קויפן.

— פון וואָס?

ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן תופס צו זיין זיינע אומהיימ־לעכע געפילן אין מאַנהעטן־עקספּרעס: „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים, וזקנים ל... אַזוי ביז הערי׳ן, און הערי צו זיין פלימעניק פּנחס ... וואָסי? ער איז דען אַן עקר? האָט ער דען קיין קינדער ניט? ווארים ממה נפשך: אויב ס'איז אַ גוטע זאַך? ... אלא וואָס דען, אויב ניט — טאָ פאַרוואָס עפּעס גראָדע פּנחס? ער קומט דאָך פון דאָרטן, פון גיהינום! קנאַפּ האָט ער זיך דאָרט אָנגעליטן? ער איז דאָך שיר־שיר ניט אומגעקומען.

נו, און זיינע אייגענע קינדער? — האָט הערי מיטאַמאָל אָנגע־הויבן מלמד זכות זיין — וואָס האָט ער איינגעטלעך צו זיי? זיי זיינען דאָך אַמעריקאַנער, היגע־געבוירענע, טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי ליידן אויף דער וועלט? מיט וואָס זיינען זיי ערגער פון אַלע אַנדערע באַיעס? אין אַמעריקע זיינען אַלע אַמעריקאַנער: די איטאַליענער, די איירישע, די פּאָליאַקן אפילו ...

ח. אַיאַלטי

נו, יאָ, זיי האָבן געביטן זייער נאָמען, האָבן אָפּגעקירצט דעם בראַנדוויין, אַ שטיקל פון דאַנען, אַ שטיקל פון דאָרטן און זיי הייסן בראַון, מיט אַ דאָבל-יו. איז פּאַרוואָס־זשע ניט? דעם גרויסן נחת, וואָס זיי האָבן עס געהאַט פון נאָמען בראַנדוויין! אַמעריקע איז טאַקע אַ „פרי קאַונטרי", אָבער אַ צו-יידישער נאָמען איז דאָך אַ שטיקל שטער, קיין מעלה אוודאי ניט!

ס'הייסט פון דער אַנדער זייט הייסט עס ניט, אַז שוין, אויס יידן. מילא, וואָס שייך אמונה וואָלט ער ניט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, צי ס'איז פאַראַן אַ גאָט אָדער ניט. אָבער וואָס שייך יידן — וואָס הייסט אַ וועלט אָן יידן? אַ וועלט אָן יידן איז ווי... אַ חתונה אָן כלי-זמרים! איר שטעלט זיך עפּעס פאָר אַ וועלט פון גאָלע גויים? מען טרינקט וויסקי, מען פירט מלחמות, מען ממית'ט זיך, מען פרעסט, מען זויפט. נו, און די תורה? און צו וועמען וועט משיח קומען? אָדער ווי די היינטיקע זאָגן: גערעכטיקייט? וואָרים וואָס קען אַ גוי וויסן פון גערעכטיקייט? אמת, זיי ווייסן אויך: סאָציאַ-ליזם, פּאַרטייען, יוניאָנס — אָבער ס'איז ניט דאָס! ס'איז פּאָליטיק און וואו פּאָליטיק שמעקט עס מיט רציחה. אַ ייד, זעט איר, וואָס כסדר ער כאַפּט קלעפּ, בכל דור ודור, פון עמלק'ס צייטן אָן, ער ווייסט דעם טעם פון ליידן. „וידעתם את נפש הגר..." אָבער אָן יידן? אַז קיינער וועט ניט כאַפּן קיין קלעפּ, וועט דאָך ווערן אַ וועלט פון גאָלע רוצחים, רחמנא ליצלן!

„אָבער וויפל איז דער שיעור צום ליידן?" — האָט הערי אַ ווײַלע שפּעטער אויסגעדרייט דעם דישעל — „מילא אַליין, איז פאַר-פאַלן, אַ ייד איז שוין געוווינט צו די צרות. אָבער די קינדער? זיי זיינען דאָך שוין אַמעריקאַנער, היגע־געבוירענע!"

צום שלים מזל איז נאָך אים פונקט דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין

דער האַנט דאָס ליד פון איינעם אַ פּאָעט וועגן דער „עקידה". אַז ער לייענט גאָר קיין מאָל קיין פּאָעזיע ניט! אָבער אַזוי ווי ער איז געווען צעדולט פון די אַלע רעיונות און דאָס ליד האָט זיך געמאַכט אין זונטיקדיקן „פּייפּער", האָט ער עס איבערגעלייענט. דווקא אַ שווער ליד געווען, מיט מאָדנע ווערטער און צעדרייטע שורות, ווי דער שטייגער ביי פּאָעזיע. אָבער הערי האָט צוגעלייגט קאָפּ און עס צעקייט, און ער האָט טאַקע אַרויסגעדרונגען פון ליד, וואָס יענער, דער פּאָעט, מיינט:

אַז זינט אַברהם אבינו האָט געפירט זיין איינציקן זון צו דער עקידה, מוזן עס יידישע טאַטעס טאָן בכל דור ודור.

תחילת האָט זיך הערי דערפילט שולדיק, ווי יענער וואָלט טאַקע אים פּערזענלעך געוואָלט אַ שטאָך טאָן. אָבער באַלד איז ער געוואָרן אש להבה אויפן פּאָעט און וואָס ווייטער אַלץ מער:

ס'הייסט? אוודאי וויל ער, אַז זיינע קינדער זאָלן זיין יידן, אָבער וואָס עפּעס כסדר עקידה? איין מאָל אין אַ יובל, מילא... אָבער אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק?! אפילו אין גאַנצן חומש קומט דאָך פאָר די עקידה נאָר איין מאָל, והשנית מאַכט זיך דאָרט גראָדע אַ באַראַן, וואָס גייט אין פייער אַנשטאָט דעם איינציקן זון, און דריטנס, — אַברהם אבינו האָט געפירט זיין זון צו דער עקידה, ווייל גאָט האָט אים געהייסן. נו, און יענער פּאָעט? ער גלויבט דאָך מסתמא גאָרניט אין גאָט! טאָ וואָס האָט ער זיך אַזוי צע'עקידה'וועט, וואָס? אַלאַ וואָס דען, ער מיינט עס סימבאָליש? גערעכטיקייט, מענטשלעכקייט? — איז פאַרוואָס עפּעס שטענדיק מיר? זאָלן זיך די גויים אַליין שלאָגן קאָפּ אָן דער וואַנט מיט זייער וועלט!

און אין איינעם פון יענע טעג האָט פּאַסירט דאָס אומפאַרמייד-לעכע: ווען הערי האָט אויפגעהויבן אַ קאַרטאָן מיט אייער, האָבן

זיינע הענט זיך גענומען טרייסלען און אַ פּאָר טוג אייער האָבן זיך ארויסגעגליטשט, זיך צעטראסקעט אויף דער פּאָדלאָגע און געמאַכט דעם אמת'ן פּיינקוכן. אַזוינס איז אים נאָך ניט געשען פאר די קנאַפּע פערציק יאָר, וואָס ער האָט געהאַלטן אַ סטאָר!

און אַזוי ווי אַן אומגליק קומט ניט אַליין, האָט ער אַ פּאָר שעה שפּעטער איבערגעקערט אַ גרויסן באַטל מילך און טאַקע גלייך אויפן רוקן פון אַ חשובער קונה'טע, וואָס האָט געטראָגן אַ שוואַרצן „פּויר-זשען-לעם"-פּעלץ. ער האָט זי אָפּגעפּלוכעט פון קאָפּ ביז די פיס, דאָס שווארצע שעפּעלע איז געוואָרן ווייס און דאָס ווייבל האָט שיר ניט אַוועקגע'חלש'ט.

— אָט האָסטו דיר די עקידה! — האָט הערי אַזוי הויך אויסגע-שריען איבער דער גאַנצער קראָם, אַז די ווייבער האָבן געמיינט אַז ער איז, שונאי ישראל, פון זינען אַראָפּ.

*　*
*

אָט אַזוי זיינען קאָמפּליצירט געוואָרן הערי'ס באַציאונגען מיט דער וועלט, מיט גאָט און זיין אויסדערוויילטן פאָלק. ביז דעמאָלט האָט ער אויפגעהאַלטן אַ גליקלעכן גלייכגעוויכט: ער האָט געלייענט די אַרטיקלען וועגן יידישקייט און די „סדרה" פון דער וואָך אין די יידישע צייטונגען, איז געגאַנגען צוויי מאָל אַ יאָר אין יידישן וואָדע-וויל אויף סעקאָנד עוועניו און איין מאָל — אויף אַ בענעפיט פון זיין „סאָסאַיעטי" — אין קונסט-טעאַטער און אויפן יערלעכן באַנקעט פון דער „סאָסאַיעטי" גופא. אויף פסח האָט ער געקויפט מצה, ראש השנה האָט ער צוגעמאַכט אויף צוויי טעג די סטאָר און יום-כיפור האָט ער געפאַסט און איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין שיל.

די משפּחה האָט געפּראַוועט ברית׳ן, בר־מצוות און חתונות מיט געפילטע פיש און די געהעריקע כלי-קודש, כדת משה וישראל. ווען די קינדער זיינען געווען קליין, האָט מען אַפילו אָפּגעריכט אַ סדר און געקויפט פורים המן-טאַשן.

און מוצאי יום־כיפור פלעגט ער אויסשרייבן די טשעקס פאַר צדקה — פאַר יעדער חברה איר טשעק: פאַר ישיבות, מושב-זקנים׳ס, ירושלים׳ער כוללים, „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל", שפּיטאָלן מיט זייערע „לעידי אָקזילעריים", פאַר קרקע נאָך הונדערט מיט צוואַנציק יאָר און פאַרן יי״וואָ, וואָס דאָס מיינט „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט".

לעצטנס צאָלט ער אַפילו פאַרן „אַרבעטער־קאָמיטעט". איי, וועט איר פרעגן, וואָס האָט ער צו טאָן מיטן אַרבעטער-קאָמיטעט, אַז בסך-הכל איז ער גאָר קיין מאָל קיין אַרבעטער ניט געווען? איז עס קיין קשיא ניט: הלמאי צאָלט ער פאַרן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט? וואָס איז ער דען, אַ פּראָפעסאָר?

און מיטאַמאָל האָט זיך דער איינגעשטעלטער גלייכגעוויכט גענומען וואַקלען. ווען ער איז אין יענעם אָוונט, נאָך דער קאַטאַסטראָפע מיטן קאַראַקולנעם פוטער, געקומען אַהיים, האָט אים זיין פרוי מקבל פּנים געווען אויפן שוועל און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מיינסטו, הערי, זאָלן מיר מאַכן בלינצעס פאַר דער פּאַרטי?

— וואָס ווייבער ליגט אַלץ אין זינען! — האָט ער אַ ברום געטאָן.

די מיסעס האָט זיך גענומען ברוגז׳ן:

— זע נאָר, דאַכט זיך דיינע קרובים, און גאַרניט — — — — בוי לייטן אַזאַ שמחה!

— גוט, זאָל יאָ זיין בלינצעס, זאָל ניט זיין בלינצעס! — האָט הערי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. און פאַר זיך גופא האָט ער אָפּגעזיפצט אין דער שטיל:

„גיי, דערציי איר אַ מעשה! אַניט וועט זי עס פאַרשטיין?"

* *
*

צו דער „פּאַרטי" איז געקומען אַ גרויסער עולם. מען האָט זיך פאַרזאַמלט פּאַמעלעך. צוערשט איז דווקא דערשינען אַ קרוב פון דער ווייב׳ס צד, לואיס דער „פּאַריער", וואָס האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ פון פעלצן. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין דער וועלט־פּאָליטיק, האָט געלייענט די „מאָרגן־פרייהייט" און געשאָטן פעך און שוועבל אויפן „פאָרווערטס". געקומען איז ער מיט ווייב און שוויגער. הערי האָט געשוויצט אונטער דער ווייבס קאָמאַנדע און אַרויפגעשטעלט אַ ים מיט פלעשלעך אויפן טיש: קאָקאַ־קאָלאַ׳ס, פּעפּסי־קאָלאַ׳ס, ביר און סתם סאָדאַ׳ס. אויך אַ היימישן וויסקי און אַ פראַנצויזישן קאָניאַק — לכבוד מאָדעסט׳ן — האָט ער ניט פאַרגעסן אַרויפצושטעלן.

לואיס׳עס ווייב איז גלייך אַוועק אין קיך אַרויסצוהעלפן דער מיסעס און ער אַליין האָט גענומען אַ כוסה און זיך אַ נעם געטאָן אויסצופרעגן פּנחס׳ן וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אין איראָפּע, דעם מאַרשאַל־פּלאַן און די פראַנצויזישע מאַסן בכלל. מאָדעסט האָט אויך פאַרזוכט פון קאָניאַק און מעשה מבין אים אַ ווײַלע געהאַלטן אויף דער צונג און אויפן גומען. פּנחס האָט זיך געשראָקן טאָמער כאַפּט זי זיך אַרויס מיט אַ וואָרט און זי ניט אָפּגעלאָזט פון די אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען זיין וואונק און אַ פרעג געטאָן:

— כשר קאָניאַק, אמת?

באַלד זײַנען דערשינען דער ברודער סעם פון ברוקלין מיט זײַן ווײַב. סעם איז געווען אַ גֶעטרײַער „פאָרווערטס"-לעזער און האָט געוויינטלעך געשאָטן פעך און שוועבל אויף דער „מאָרגן-פרײַהייט". מען האָט פאַרגעשטעלט די קרובים. סעם'ס ווײַב האָט אויף שנעל דערציילט, אַז דער קומענדיקער סעזאָן אין ראַקאַוועי זעט ניט אויס צו זײַן פון די בעסטע: „די הײַנטיקע קאָסטימערס זײַנען ניט דאָס וואָס אַמאָל" — האָט זי פאַרזיכערט. מען האָט גענומען צו קאַפּעלעך משקה און די מיסעס האָט דערלאַנגט די געפילטע פיש מיטן שאַרפן כריין.

ביי די פיש האָבן דער „פאָרווערטס" און די „מאָרגן-פרײַהייט" זיך שאַרף אַדורכגעווערטלט וועגן די נײַע רעגירונגען פון פוילן און כינע. לואיס, דעם „פאָריער", איז אַרײַנגעפאַלן אַ פּשוט מיטל-שטיקל און אַזוי ווי אַ גוטן אַפּעטיט האָט ער אויך געהאַט, האָט ער זײַן חלק גאָר שנעל אויפגעגעסן און איז דער ערשטער אַרויס מיט לשון:

— פאַנעס! טשאַן-קאַי-שעקס! — האָט ער אַטאַקירט דעם ברוקלינער צושניידער בלשון רבים.

דער „פאָרווערטס", ווידער, האָט באַקומען אַ קאָמפּליצירטן חלק: אַ געפילטן קאָפּ. סעם האָט אַרויסגעגראָבן מיט דער גאָפּל פאַרבאָר-גענע אוצרות, האָט זיי געטונקט מיט כוונה אין כריין און האָט מורא געהאַט מפסיק צו זײַן, טאָמער שטעלט זיך אים, חס-ושלום, אַ שפּיציק ביינדל אין האַלדז. אָבער אין מיטן האָט ער דאָך ניט אויסגעהאַלטן;

— רויטע דיקטאַטאָרן! מאָסקווער אַגענטן! — האָט ער קאָנטער-אַטאַקירט, ער אויך אין אַ „פּלוראַלים מאַיעסטאַטיקוס".

מאַדעסט האָט צוגעלייגט אַן אויער, אָבער לואיס'עס שוויגער האָט זי געטרייסט:

## ח. אַיאַלטי

— נאַרישקייטן! אַלטע מעשיות! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — ווייס איך וואָס!...

פונדעסטוועגן איז געווען גוט, וואָס דערוויילע זיינען אריין סאַנדראַ מיט איר מאַן און געמאַכט אַ סוף צו דער פּאָליטיק. סאַנדראַ האָט געהאַט געלערנט פראַנצויזיש אין „האַי-סקול". זי האָט זיך צעקושט מיט די נייע קוזינס, האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ נעבן מאַדעסט'ן און זי גלייך גענומען אויספרעגן וועגן די לעצטע פּאַריזער מאָדעס און די פּלאַזשעס פון „קאָט ד'אזיר". פון קיך האָט דער מאַמעס קול איבערגעריסן איר שמועס:

— וועסט אפשר אריינעמען די בלינצעס, סאַנדראַ? ס'איז דאַכט זיך אַ פּאַרטי פאַר דיינע קוזינס, ניין?

סאַנדראַ איז אַרויס און איז צוריקגעקומען מיט צוויי פּאָלומיסקעס אין די הענט. פון קעגנאיבער, דורך דער פראָנט־טיר, זיינען פּונקט אָנגעקומען בעררי דער „דראַגיסט" מיט זיין ווייב. אַזוי ווי בעררי איז געווען אַ ספּאָרט פון דער נאַטור, האָט ער אויף איין פוס אַראָפּגעשלונגען אַ האַלבע שיסל בלינצעס. און איידער וואָס ווען זיינען דערשינען גאָר חשוב'ע געסט: די טאַנטע שרה מיט איר זון, דעם ענגלישן זשורנאַליסט, וועלכער האָט געוווינט ביי סענטראַל־פּאַרק־וועסט.

מען האָט זיך דערפרייט מיט זיי. טאַנטע שרה (מיט אַ סגול אַנשטאָט דעם קמץ) האָט גערעדט ענגליש. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף מאָדעסטן און דערלאַנגט אַ פּאַטש מיט די הענט:

— זי זעט דאָך אויס אין גאַנצן ווי אַן איירישע! — האָט זי אויסגערופן.

פּנחס'ן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. ער האָט אָבער געמאַכט אַ טעות. טאַנטע סערע האָט טאַקע שרעקלעך מורא געהאַט פאַר גע-

מישטע חתונות — די קינדער אירע האָבן געהאַט אַ קנאַפּע אָהנונג אין יידישקייט — אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי געפּילט אַ טיפן רעספּעקט פאַר גויים. איר אידעאַל איז דעריבער געווען אַ יידישע שניור מיט אַן איירישן פּנים. (איריש איז אין אירע אויגן געווען די פאַרקערפּערונג פון די איידעלערע גויים, די אמת'ע יענקים, להבדיל פון די סתם כאַמעס, ווי פּאָליאַקן, אַ שטייגער) די דאָזיקע קאָמבינאַציע איז פון תמיד אָן געווען איר שוואַכקייט און האָט זי יעדער מאָל אַריינגעוואָרפן אין התפּעלות.

מען האָט דערלאַנגט צום טיש די פעטע הינער־יויך און באַלד נאָכדעם זיינען געקומען טאַקע די הינער גופא. מאַדעסט האָט געהאַט אַ סך דערפאָלג: זי האָט גערעדט ענגליש מיט אַ בריטישן אַקצענט און זיך לייכט פאַרשטענדיקט מיטן יינגערן דור. זי האָט אפילו גע־וואונען דאָס הארץ פון די עלטערע ווייבער. ווען לואיס'עס שוויגער האָט איר אין דער שטיל אַ וואונק געטאָן וועגן אַ קינד, האָט זי זיך תחילת פאַרוויטלט און דאַן אַ מורמל געטאָן:

— מיר זאָלן זיך נאָר אַ ביסל איינאָרדענען. פון מיינעטוועגן וואָלטן מיר ניט געוואַרט קיין איין מינוט.

— דו זעסט, סאַנדראַ, נעם זיך אַראָפּ אַ משל! — האָט די אַלטע אַ מוסר געטאָן הערי'ס טאָכטער.

ווען פּנחס איז אַ זייגער עלף אַרויס פון באָד־צימער, האָט אים הערי אָפּגעוואַרט ביי דער טיר און שעמעוודיק אים אַריינגעשטופּט אַ טשעק אין דער האַנט. ניט קוקנדיק אין פּאַפּירל האָט פּנחס עס אַריינגעשטעקט אין בוזים־קעשענע אַריין. דער עולם, אַן אויפגעהיי־טערטער פון די מאכלים און געטראַנקען, האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש. מען איז אַרומגעשטאַנען אין די ווינקלען און זיך אַנגעלענט אין די סאָפעס און פאָטעלן. סעם פון ברוקלין האָט פאַרויכערט אַ

דיקן ציגאַר און מכבד געווען מיט אַ צווייטן דעם קירזשנער פון דאַון־טאַון. לואיס האָט גענומען, פאַרצויגן דעם רויך, אָבער אין גאַנצן זיך איבערגעבעטן האָט ער ניט:

— מיינט ניט, אַז דער קאַפּיטאַליזם קען מיך איבערקויפן מיט אַ גוטן ציגאַר — האָט ער אַרויסגעבלאָזן אַ וואָלקן רויך פון מויל — ניט געטראָפן דעם אָרט!

אין קאָרידאָר, ביים געזעגענען זיך, האָט הערי אַראָפּגענומען די „אייביקע קוואַלן" פון שראַנק און זיי דערלאַנגט פּנחס'ן:

— נעם! — האָט ער געזאָגט — ס'איז דאָך ביי דיר אַ לייריקע שטוב, איז גוט אַז ס'איז אַ מאָל דאָ אַ ספר וואו אַריינצוקוקן...

— אָבער טאַטע! — האָט אַ זאָג געטאָן מיט פאָרוואורף בערי, דער עלטסטער זון, וואָס איז געשטאַנען דערביי.

— וואָס איז? — האָט דער פאָטער אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: — דו ווילסט נעמען דאָס בוך?

— ניין, אָבער עס איז דאָך אין גאַנצן באַדעקט מיט שטויב!

די מיסעס האָט געבראַכט אַ טוך און מען האָט די „אייביקע קוואַלן" ווי געהעריק אָרומגעשטויבט. מאַדעסט האָט גענומען דעם ספר אונטערן אָרים. די געסט זיינען זיך גרופּקעסווייז צעגאַנגען.

* *
*

מאַדעסט איז געווען איבער גליקלעך. אַ צעפלאַמטע, מיט פאַרוי־טלטע בעקלעך און אַ הייץ אין אַלע גלידער, האָט זי שוין אַראָפּגיי־ענדיק פון די טרעפּ זיך צוגעטוליעט צו פּיער'ן און אַ פּליסטער געטאָן:

— זיי זיינען אַזעלכע פיינע לייט, דיין משפּחה!

— יאָ — האָט ער קורץ געענטפערט.

אויפן ערשטן טאָג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, פאַרוואָרפן די אָרעמס ארום זיין נאַקן און אים אויסגעשטרעקט די ליפּן:

— איך בין אַזוי גליקלעך, פּיער! קום, גיב מיר אַ קוש!

— אין אַמעריקע טאָר מען זיך ניט קושן אין מיטן גאַס. מע'ט מוזן צאָלן אַ שטראָף! — האָט ער איר געדראָט.

— נו, האָסט דאָך באַקומען אַ טשעק! — האָט זי געלאַכט.

אין סאָבוועי האָט זי אים ווידער אַרומגענומען מיט איין אָרעם. פּיער האָט אַרויסגעצויגן דעם טשעק פון בוזים-קעשענע. ביידע האָבן זיך איבערגעבויגן:

— זיבן הונדערט מיט פופציק דאָלער! — האָט ער דער ערשטער באַמערקט די צאָל.

— מיין גאָט! וויפל מאַכט עס אויס אין פראַנקן? — האָט זי געוואָלט האָבן אַ גענויערע פאַרשטעלונג.

— אַרום... עפּעס מער ווי אַ פערטל מיליאָן פראַנק...

— מיין גאָט! זשע... מאַ... — האָט מאַדעסט שיר ניט אויסגערופן די נעמען פון עטלעכע הייליקע. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האַלט אַ הייליקן יידישן ספר אונטערן אָרים און זיך פאַרהאַקט אין מיטן.

— וואָס שטייט דאָרט געשריבן? — האָט זי גענומען די „אייביקע קוואַלן" אין ביידע הענט.

— אַה, דאָ? — האָט ער אַ בלעטער געטאָן — אַ סך זאַכן... זעט אויס פון אַלץ צו ביסלעך: פראַפעטן, געזעצן, תפילות...

— באמת אַ הייליק בוך! — האָט מאַדעסט פרום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין שטוב האָט זי אַוועקגעלייגט די „אייביקע קוואַלן" אויף אַ

טישל לעבן בעט. אַזוי ווי זיי האָבן נאָך ניט געהאַט קיין פֿאָרהאַנגען איבער די פֿענצטער, האָט זי באַלד אויסגעלאָשן דאָס ליכט. זי האָט אַ פּליסטער געטאָן:

— דו ווייסט, פּיער, איצט, מיט אַזאַ טשעק וואָלטן מיר ניט געמוזט לאַנג וואַרטן.

— אַה? — איז ער געווען ווי באַטויבט פֿון איר ציטערנדיקן קערפּער.

אויפגערעגט פֿון די אומגעווייַנלעכע מאכלים און פֿרייַנטלעכע פּנים׳ער האָט זי לאַנג ניט געקענט איינשלאָפֿן. זי האָט געוואָלט בלייבן וואָס לענגער מיט די דאָזיקע מענטשן. ווען זי קען כאָטש לייענען דאָס בוך! דאָרט שטייט אַוודאי געשריבן וועגן זיי...

— פּיער? — האָט זי אים אַ רוף געטאָן — דו שלאָפֿסט?

— וואָס איז? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן קול.

— אפשר לייענסטו מיר עפּעס פֿאָר פֿון דעם בוך?

— איצט? משוגע! — האָט ער זיך איבערגעדרייט מיטן רוקן און זיך ענגער איינגעוויקלט אין די דעקעס.

מאָדעסט איז געווען לייכט באַליידיקט. די מינוטן זייַנען געפֿלאָסן און דער שלאָף האָט זי אַלץ ניט גענומען. מיטאַמאָל האָט זי, שטיל ווי אַ קאַץ, זיך אַראָפּגעשאַרט פֿון בעט, גענומען דאָס דיקע בוך און עס אָוועקגעלייגט אויף די קני.

אינסטינקטיוו האָט זי פּלוצלונג געאַהנט די לעגענדע, אַז אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן ביים באַרג סיני: פֿון דער מחלוקת צווישן יעקב און עשיו׳ן ביז די דיסקוסיעס אין אַ פּאַריזער האָטעל און אויף אַ פּאַרטי אין בראָנקס. און דאָס אַלץ שטייט טאַקע דאָ, אויף די בלעטער פֿון בוך.

„אה-אה, אָט דאָס איז עס!” — האָט מאָדעסט אַ זאָג געטאָן

צו זיך. זי האָט געשלאָסן די אויגן און זיך דערמאָנט די ביבלישע סצענעס און די בילדער פון די הייליקע אויף די פאַרביקע פענצטער פון דער היימישער דאָרפס־קירכע, דאַן די נעכט ווען פיער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאַל און איר דערציילט וועגן די דורות־לאַנגע פאַרפאָלגונגען פון יידן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, געיעג אויף מענטשן.

„האָבן זיי עס אַלץ ניט אַריבערגעטראָגן צוליב דעם דאָזיקן ספר?" — איז איר איינגעפאַלן.

זי האָט אַ גלעט געטאָן די טאָוולען מיט די פינגער. „עפּעס מאָדנע" — האָט זי ווייטער געטראַכט — „פונדעסטוועגן זע איך ניט, אַז זיי זאָלן אים אַרויסווייזן צופיל דרך־ארץ..."

ניו־יאָרק, 1947.

# משיח'ס אײזל

# משיח׳ס אייזל

מ׳איז געקומען דער פֿרילינג. אין די פּאַלאַטקעס האָט אָנגעהויבן וואַקסן גראָז. ס׳האָט געגרינט אומעטום: אונטערן בעט, אונטערן טישל און אין קליידער-ווינקל. פֿון ערגעץ־ווו זיינען אויך וואַנצן געקומען צו שפּאַצירן. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די בעטן, אין די הויזנקעשענעס און אין די פּלאַכטעס פֿון ביידל. די סאַניטאַרשע פֿון „קיבוץ״ האָט אַרונטערגעשטעלט בלעכלעך מיט נאַפֿט אונטער די פֿיסלעך פֿון די בעטן. אָבער די בלעכלעך זענען שנעל געזונקען אין זאַמד. און די וואַנצן זיינען געווען קליגער פֿון דער סאַניטאַרשע: זיי זענען אַרויפֿגעקלעטערט הויך אויף די פּלאַכטעס און זיך געלאָזט פֿאַלן, ווי די פּאַראַשוטיסטן, אין די בעטן אַריין.

די עטלעכע צענדליק ביידלעך פֿון יונגען „קיבוץ״ זיינען געשטאַ־ נען אין רויט-ערדיקן טאָל פֿון חמרה און זאַמד. ניט ווייט צווישן די פֿעלזיקע אפֿרים־בערג און דעם בלויען ים, האָט זיך צעגרינט דער במורנער קאַבאַראַ־זומפּ און פֿאַרבאַהאַלטן זיינע פֿאַרדומפּענע וואַסערן אונטער צעבליטע קוסטעס און געדיכטע גראָזן. אין די אָוונטן האָבן

די ליכטער פון די פּאַלאַטקעס צוגעצויגן די מאָסקיטן פון זומפּ. זיי זיינען געקומען צעפליען כמארעסווייז, האָבן געקרייזט אין דער לופטן און געזשומעט :

— „מאַלאַריע !... רבותי, עס וועט זיין קדחת !...”

דערווייל האָבן זיך געשטעלט ווייסע לבנה-נעכט. אין די אָוונטן האָבן די ניט-לאַנג געקומענע בחורים און מיידלעך זיך ארומגעבלאָנקעט איבערן „מחנה” : צווישן דעם גרויסן עס-באַראַק, דער קליידער-קאָמונע און דעם לייען-זאַל. די שפּיצן פון די פּאַלאַטקעס האָבן געשטאָכן דעם באַזילבערטן חלל און אויסגעזען ווי פאַר׳כישופ׳ט. באַלד האָבן פּאָרלעך אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אין די בערג, וואו אַ ווייכער גראָז האָט ארויסגעשפּראָצט צווישן די נאַקעטע פעלזן און ביים אריינגאַנג צו טונקעלע היילן.

דער פרילינג האָט געבראַכט ניט נאָר ווייסע נעכט, טראַגעדיעס און מעלאַנכאָליע — ער האָט אויך געבראַכט כאַמסינען, מאַלאַריע און דיזענטעריע.

די טרוקענע כאַמסין-ווינטן האָבן אריינגעבלאָזן דעם שטויב דורך די צעעפנטע לייוונטן פון די ביידלעך. דער דינער, הייסער זאַמד איז אריינגעדרונגען אונטער די מלבושים און אין די בעטן. די „קאָמונע” האָט שווער געהאָרעוועט און געביטן די ליילעכער יעדע דריי וואָכן. עס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן — אויף די פאַרשוויצטע לייבער האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן מכות, וואָס מען האָט גערופן פּאָרונקלען.

אַ סך קיבוצ׳ניקעס האָבן געהאַט פּאָרונקלען — אהרון ראָזנקראַנץ האָט זיי געהאַט מער ווי אַלע. זיי זיינען ביי אים געוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן : אויפן האַלדז, אויפן פּנים, אויף דער פּלייצע און וואו נאָר עס האָט זיך געלאָזט.

מען האָט אהרונ׳ען געמאַכט איינשפּריצונגען — עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ס׳איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים.

— ער טאָר ניט עסן קיין פליישׁ! — האָט געטענה׳ט שולמית די סאַניטאַרשע, וועלכע האָט אין דער אַלטער היים געהאַט אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין.

— מילא, דאָס פליישׁ וואָס ער עסט שוין! — האָט דוד, דער נאַכט־וועכטער, זיך אויסגעלאַכט.

— אויף פאַרונקלען קען עס קלעקן! — האָט דער עולם זיך געוויצלט.

עטלעכע וואָכן האָט אהרון ניט פאַרזוכט אפילו פון די „קציצות״ — די געהאַקטע קאָטלעטן, וואָס מען האָט וועגן זיי געזאָגט, אַז זיי זיינען נאָר געלעגן נעבן פליישׁ. זיין לאַגע האָט זיך נאָך פאַרערגערט. דער דאָקטער פון דער נאָענטער קאָלאָניע, אַ פאַרצווייפלטער, האָט גע׳פּסק׳נט — און אפשר האָט ער עס גאָרניט גע׳פּסק׳נט, נאָר איבערן קיבוץ איז אַרום אַזאַ קול —, אַז:

— ס׳איז פון בלוט... ס׳איז פרילינג! אהרון ראָזנקראַנץ דאַרף האָבן אַ פרוי...

דאָ איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז אהרון מוז זיך פאַרליבן. אָבער אַנשטאָט אַ ליבע איז אַרויסגעקומען אַ טראַגעדיע — און ניט איין טראַגעדיע, נאָר עטלעכע.

אהרון ראָזנקראַנץ איז געווען אַ ברייטפּלייציקער און ניט קיין הויכער. ער האָט געהאַט אַ בולבעוואַטע נאָז און האָט ליב געהאַט צו פילאָזאָפירן. מענטשן האָבן אים דערפאַר אויסגעמיטן. ער האָט דווקא געזוכט מענטשן, ווייל מיט זיך אַליין האָט ער פיינט געהאַט צו פילאָזאָפירן.

אָבער זיינע טראַגישע ליבעס האָט ער אָנגעהויבן דווקא אויף א שווייגנדיקן און ראָמאַנטישן אופן. צום אַלעם ערשטן איז ער גע־קומען אין געצעלט, וואו עס האָט געוואוינט האַנקע די שטיינהאַקערין. ער האָט אַראָפּגענידערט אויף דער ליידיקער בלעך פון בענזין, וואָס האָט דאָ געדינט אַלס אַ שטול — און האָט געשוויגן. האַנקע איז גע־לעגן אויפן אייזערנעם בעטל, פאַרטיפט אין אירע ביכלעך. זי איז געווען אַן אינטעליגענטקע פון דער היים און אַזוי ווי זי האָט גע־שטאַמט פון גראָדנע איז זי ממש געווען פאַרליבט אין דער רוסישער ליטעראַטור. אין ארץ־ישראל האָט זי זיך ספּעציאַליזירט אין „חצץ" — האַקן שטיינער פאַרן שאָסעי. אין אָוונט האָט זי אָנגעצונדן דעם קליינעם פּעטראָל־לעמפּל, וואָס איז געהאַנגען אויפן סלופּ פון געצעלט, און געלייענט טאָלסטאָיען, דאָסטאָיעווסקי׳ן און אַזש ביז שאָלאָכאָוו׳ן און פאַדיעיעוו׳ן.

אהרון איז געזעסן אַ שווייגנדיקער אויפן בענזין־בלעך. זיין שווייגן האָט אויסגעדריקט זיינע טיפע געפילן. אַזוי איז ער אָפּגעזעסן איין אָוונט, אַ צווייטן און אַ דריטן. ערשט אויפן פערטן אָוונט האָט עפּעס פּאַסירט: ווען אהרון איז אַריין אין פּאַלאַטקע, האָט האַנקע זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס. צוריק געקומען איז זי זייער שפּעט.

די זעלבע ראָמאַנטישע געשיכטע איז זיך פאַרלאָפן צווישן אהרון׳ען און דער קליינער רות, וואָס האָט געאַרבעט אין הינער־הויף. אין דער היים האָט רות זיך אינטערעסירט מיט פּסיכאָלאָגיע און אַזוי ווי עופות גייען פרי שלאָפן האָט זי אויך דאָ געהאַט פרייע צייט אין די אָוונטן אויף זיך צו פאַרטיפן אין די מאָדערנע פּראָבלע־מען פון פּסיכאָאַנאַליזע, וואָס זי האָט אָנגעווענדעט אויך אויפן פויי־געלשן מין. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט זי איין מאָל דערקלערט אויף אַ זיצונג פון דער עקאָנאָמישער קאָמיסיע, אַז די הינער זיינען היסטעריש

ווייל אויף א פּאָר הונדערט הינער האַלט מען אין הויף איין האָן.

אהרון'ען האָט זי שוין אויפן צווייטן אָונט געלאָזט זיצן.

ער האָט פּרובירט זיין מזל ביי די פּשוט'ע מיידלעך פון קיבוץ. אָבער זיי האָבן אים נאָך ווייניקער פאַרשטאַנען. און צום הויך-פּונקט איז אהרון'ס טראַגעדיע דערגאַנגען, ווען צילקע פּייערפּלאַם איז איין טאָג דערשינען צווישן די פּאַלאַטקעס פון „מחנה"!

אַ סך וואָכן איידער צילקע איז געקומען, האָט שוין אהרון פאַר־זיכערט דעם עולם, אַז זי וועט זיין זיין מיידל — זיין בחורה, הייסט עס. ער האָט עס ניט געמעלדעט, חס-ושלום, אויף אַ מיטינג אין גרויסן באַראַק. פאַרקערט, ער האָט זיך נאָר פאַרטרויט בסוד סודות פאַר יעדן איינעם באַזונדער:

— דו ווייסט, צילקע קומט שוין גאָר אין גיכן!

— ווער איז צילקע? — האָט מען געפרעגט.

— קענסט ניט צילקען? — זי איז דאָך געווען אויף „הכשרה" מיט אונדז צוזאַמען. ביים פריץ אויפן פאָלוואַרק. איי, איז דאָס אַ מיידל! ס'איז ביי אונדז אַן אַלטע ליבע...

צומאָרגנס האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר עמיצן אַנדערש:

— זי איז שוין אַרויסגעפאָרן!

— ווער?

— צילקע!

— אַ-ה-ה-י?!

אַזוי איז דער לאַגער פול געוואָרן מיט צילקען נאָך איידער זי איז געקומען: „צילקע קלייבט זיך", „צילקע קומט", "צילקע איז שוין אין וועג!"

אהרון האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין תל־אביב, זי אָפּצונעמען פון שיף (אין יענער צייט פלעגן די „ותיקים" — די איינגעזעסענע פון

די אַלטע קיבוצים — אוועקכאַפּן די ניי-געקומענע מיידלעך ממש פון אונטער די הענט) אַזוי ווי קיין פּריוואַט-אייגנטום איז אין קיבוץ לחלוטין ניט געווען, האָט ער זיך געמוזט ווענדן צו יענקל דעם עקאַ־נאָם נאָך געלט אויף הוצאות הדרך. און פּונקט דעמאָלט האָט יענקל דער עקאָנאָם באַשלאָסן צו קויפן אַן אייזל פאַר די פּאָר פונט, וואָס ער האָט אָפּגעליינט אָן אַ זייט.

* *
*

יענקל דער עקאָנאָם איז געווען אַ לאַנגער, דאַרער בחור מיט איינגעפאַלענע באַקן און שאַרפע געזיכט-שטריכן פון אַן אַסקעט. אָבער אויגן האָט ער דווקא געהאַט קאַסאַקע און דער בליק זייערער האָט אַריינגעוועבט אַ טאָן פון קאָמיזם אין זיין אויסדרוק פון אַ פאַנאַטי־קער. געהאַט האָט ער איין אַמביציע: אויפצובויען, און וואָס שנעלער, אַן אייגענע געזונטע ווירטשאַפט פאַרן קיבוץ.

זיך אַליין האָט ער אויך ניט פאַרגונען דעם ביסן אין מויל. ווען ער איז געפאָרן איינקויפן סחורה אין חיפה, איז ער אַריין אין אַ רעסטאָראַן און זיך געווענדעט צום קעלנער בזה הלשון:

— זייט אַזוי גוט און גיט מיר אַ טעלער זופּ מיט אַ כך אינהאַלט!

דער קעלנער האָט געקוקט אויף יענקלען און ניט געוווּסט, צי יענער לאַכט אים אויס אָדער ער מיינט עס ערנסט: אַ בוך האָט אַן אינהאַלט, אַ לעקציע, אַ בילד — אָבער אַ זופּ? ער האָט ניט געוווּסט, אַז אויפן קיבוצישן לשון מיינט עס אַ זופּ מיט אַ סך מערעלעך, קאַרטאָפל און שאר ירקות.

יענקל דער עקאָנאָם האָט באַנוצט אַלץ אויף דער וועלט, כדי צו שפּאָרן געלט. אפילו זיין פליך האָט ער פאַרן דאַזיקן צוועק באַ-

נוצט. אין דער אמת׳ן האָט ער גאָר קיין פּליך ניט געהאַט — ער האָט נאָר זייער אָפט ארומגעראַזירט דעם קאָפּ. ער האָט געהאַט אַ באַשטימטן מיין דערביי: ווען אַ קיבוצ׳ניק איז צו אים געקומען בעטן געלט אויף קויפן אַ קאַם, האָט יענקל זיך אַ גלעט געטאָן איבערן גלאַטן קאָפּ, האָט דעם אויסברענגער אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט זיינע קאָסאָקע־אַסקעטישע אויגן און תמ׳עוואַטע אַ פרעג געטאָן:

— צו וואָס דאַרף אַ מענטש האָבן אַ קאַם?

און ווען ער האָט מיט מי און מאַטערניש אָפּגעשפּאָרט די ערשטע פּאָר פונט אין דער קאַסע פון קיבוץ, איז אונטערגעקומען אהרון ראָזנקראַנץ און פאַרלאַנגט געלט אויף הוצאות קיין תל־אביב.

— וואָס עפּעס קיין תל־אביב אין מיטן דערינען?

— צילקע קומט צופאָרן.

— צילקע? ווער איז צילקע — האָט יענקל זיך געמאַכט גע׳פּגר׳ט.

— צילקע איז מיין מיידל! — האָט אהרון אים פאַרטרויט דעם סוד.

— גלויב מיר, אהרון, זי וועט שוין אליין טרעפן דעם וועג — האָט יענקל פאַרזיכערט.

און אויך ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר אהרונ׳ען מיט זיין סוד:

— כ׳האָב אָפּגעלייגט אָן אַ זייט אַ פּאָר פונט, וויל איך קויפן אַן אייזל פאַרן קיבוץ. אויף אויסצאָלן, נאַטירלעך... דו פאַרשטייסט? אַן אייזל!

יענקל דער עקאָנאָם האָט גערעדט וועגן אייזל מיט אַזויפיל געפיל ווי אהרון וועגן זיין היים־געליבטער צילקען, להבדיל. אין קליינקייט — אַן אייזל! ערשטנס איז אַזא בהמה — טאַקע די ערשטע מדרגה פון אַ בהמה — אַ רמז אויף אַן אייגענער ווירטשאַפט לעתיד לבוא, ווען

דער קיבוץ וועט גיין אויף קאָלאָניזאַציע און וועט האָבן אייגענע פערד, קי, טראַקטאָרן און אַנדערע בהמות.

והשנית, איז אַן אייזל געווען נוצלעך טאַקע גלייך אויף אַן אָרט: מען קען צורייטן אויף אים צו אַ ווייטן אַרבעט־פּלאַץ, ער קען פירן אַ שליח צו אַ קיבוצים־קאָנפערענץ אין דער געגנט און ער קען שלעפּן די פּעקלעך שפּייז פון דער קאָלאָניע, וואָס ביז איצט האָט זיי יענקל דער עקאָנאָם געשלעפּט אויף די אייגענע פּלייצעס.

און בכלל — אַן אייזל!

— דו פאַרשטייסט, אהרון — האָט דער עקאָנאָם אַרגומענטירט מיט שכל — מיידלעך האָבן מיר אין קיבוץ אַ סך, און וואָס שייך אייזלען האָבן מיר קיין איינעם ניט! („אויסער איינעם, וואָס מען רופט אים אהרון ראָזנקראַנץ" — האָט ער צוגעגעבן אין געדאַנק).

— וואַרט! — האָט אויסגערופן אַהרון — איך האָב אַן אידעי: כ׳על זיך אַרויפזעצן אויפן אייזל און צורייטן קיין תל־אביב.

— ווי משיח אויפן אייזל! — האָבן יענקל׳ס שפּאָטישע אויגן אַ שמייכל געטאָן — ניין!... וואָס הייסט מ׳עט קויפן אַן אייזל און אים גלייך טרייבן אַזש קיין תל־אביב? ס׳איז אַ צער בעלי חיים! און וואָס פאַר אַ מיינונג וועט דער אייזל האָבן וועגן קאָלעקטיוויזם?

— און אויף מיר איז ניט קיין צער בעלי חיים? — האָט אַהרון אַ מורמל געטאָן. און ער האָט באַשלאָסן צו אַפּעלירן צו דער העכסטער אינסטאַנץ — צו דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון קיבוץ. דאָס מאָל האָט דער מזל אים צוגעשפּילט — פּונקט אין יענע טעג האָט זיך פאַרלאָפן די מעשה מיט דער פּאָסט־קעסטל און מען האָט נאָך אין דער זעלבער וואָך גערופן אַ דרינגענדע, אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג.

## משיחס אייזל

* *
*

יענקל דער עקאָנאָם האָט געשפּאָרט אויף אַלץ אין דער וועלט, אויסער אויף פּאָסט-הוצאות. אין עס־באַראַק איז געהאַנגען אַ הילצערן קעסטל, וואו יעדער האָט אַריינגעוואָרפן זיינע בריוו. איטלעכער האָט געשריבן וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט און יענקל האָט אָטפּראַוועט די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ אויף דער פּאָסט פון דער קאָלאָניע.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז די בעל-הבית׳טע פון קיך האָט געדאַרפט האָבן עפּעס אַ פּאַפּירל מיט חשבונות. זייער דרינגענד האָט זי עס געדאַרפט האָבן. און אַזוי ווי דאָס פּאַפּירל איז געווען ביים עקאָנאָם און דער עקאָנאָם איז ניט געווען אין דער היים, איז זי אַוועק צו יענקלען אין געצעלט און זיך גענומען זוכן. זי האָט געזוכט אויפן טישל, אין דעם עקאָנאָם׳ס הויזן-קעשענעס און בכלל אומעטום, ביז איר בליק איז געפאַלן אויף אַ גרויסער לעדערנער וואַליזע אונטערן בעט. און ווען זי האָט אַ צי געטאָן די וואַליזע און אַ הויב געטאָן דאָס דעקל, איז איר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן.

יענקל דעם עקאָנאָם׳ס וואַליזע איז געווען אָנגעפּאַקט מיט כל המינים בריוו, פון ברעג צו ברעג, ווי אַ טייך איז פול מיט וואַסער. און געווען זיינען עס די בריוו, וואָס די קיבוצ׳ניקעס האָבן געשריבן די לעצטע פּאָר חדשים: ווער צו טאַטע-מאַמע, ווער צו אַ מיידל און ווער סתם צו גוטע פריינט.

איז דאָס מיידל אַרויס אין דרויסן און האָט געמאַכט אַ געוואַלד. זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן פון אַלע עקן: פון דער וועשעריי און פון דער „קאָמונע”, פון קיך און פון שפּיטאָל-באַראַק, און בכלל אַלע מענטשן, וואָס זיינען ניט געגאַנגען אויף דרויסן־אַרבעט. דער עולם האָט איבערגעקערט די וואַליזע, זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם באַרג

ח. אַיאַלטי

פֿאַפּיר און יעדער איינער האָט זיך גענומען אַרויסזוכן זיינע בריוו.

— איצט פֿאַרשטיי איך שוין פֿאַרוואָס מיין מאַמע קריגט ניט מיינע בריוו! — האָט געליאַרעמט איינע אַ קעכין און זיך געווישט די הענט אין פֿאַרטוך.

— און מיין בחור האָלט אין איין שרייבן, אַז איך האָב אַ קאָמ־פּלעקס און דערפֿאַר שרייב איך אים ניט — האָט געטענה'ט רות פֿון הינער־הויף — קאָמפּלעקסן אויף זיין קאָפּ! איר זעט די קאָמפּלעקסן?

— האָט זי אַרויסגעשלעפּט איין בריוו נאָכן צווייטן און געפּלאַטערט מיט זיי ווי מיט די פֿליגלען פֿון יונגע קורטשאַקעס, וואָס לערנען זיך ערשט פֿליען.

— יענקל דער עקאָנאָם צעברעכט הערצער! — האָט אויסגערופֿן דער נאַכט־וועכטער מיט אַ פֿאַרשלאָפֿענער שטימע. ער האָט געוואַכט אין די נעכט און דער טומל האָט אים אויפֿגעוועקט פֿון זיין בייטאָגיקן דרימל.

נאָר שלום באַמשטיין האָט פֿאַרטיידיקט יענקלען. שלום האָט געשטאַמט פֿון סמאָטשע־גאַס, וואָס אין ווארשע. ער איז ניט געגאַנגען אין קיין גימנאַזיעס און אין חדר האָט ער זיך אַפֿילו קיין „עברי" ניט אויסגעלערנט ווי געהעריק. אויסער די צוויי ווערטער „תודה" און „שלום" האָט ער זיך אויך דאָ, אין ארץ־ישראל, קיין העברעיש ניט אויסגעלערנט. ווען ער האָט באַקומען זיין ערשטע אַטאַקע פֿון מאַלאַריע, האָט ער אין הויכער היץ דערזען אַ ווארשעווער הויף פֿאַר די אויגן און זיך צעשריען אויף קולי־קולות:

— האַנדעל!... האַנדעל!... יאַך קויף אַלטע שמאַטעס!

איצט איז ער געווען נאָך דער דריטער אַטאַקע פֿון מאַלאַריע. אַ בלאַסער ווי די וואַנט האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס. פֿונ־דעסטוועגן האָט ער דאָס זייניקע ניט פֿאַרגעסן:

— פשיאטשעלעס-חברים! — האָט ער אָנגעהויבן זיין שטענדיקן פזמון — אנשטאָט צו שרייבן בריוו וואָלטן מיר זיך בעסער איינגע־שאפט א שטיקל ווירטשאפט... עטלעכע קראָליקעס א שטייגער. א קראָליק עסט א קלייניקייט און ער גיט פלייש. היינט פארמערן זיך די קראָליקעס! — האָט ער א פייף געטאָן מיט התפעלות.

— ס'איז דערפאר וואָס קראָליקעס פירן ניט קיין ליבעס דורך קאָרעספאָנדענץ — האָט א זאָג געטאָן דוד דער נאכט-וועכטער.

— נעם די וואַליזע און קום! — האָט רות אים באפוילן.

דוד האָט געטראָגן די וואַליזע מיט די בריוו צום גרויסן עס־באראק. דער עולם וויבער און קראנקע זיינען אים נאָכגעגאנגען ווי אויף א לוויה. די אמת'ע חתונה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פארנאכט, ווען עס זיינען אהיים געקומען די אַרבעטער פון דרויסן: די בחורים וואָס האָבן אויסגעלייגט דעם וועג צו דער נייער קאָלאָניע „פרדס חנה", די מיידלעך פון די פלאַנטאַציעס און פעלדער, און די אָפּגעברוינטע חברה-לייט פון זומפּ, וואָס מען האָט זיי גערופן „דזשאַמוסן", אויפן נאָמען פון די לאַנג-הערנערדיקע אַראַבישע אָקסן, וועלכע האָבן דעם גאַנצן טאָג זיך געטונקט ביזן האַלדז אין בלאָטע.

איין נס, וואָס יענקל דער עקאָנאָם איז ניט געווען אין דער היים. מען וואָלט אים צעריסן ווי א פיש. אפילו ביים עסן האָט ער זיך ניט געוויזן. דער עולם האָט באַשלאָסן צו רופן גלייך אַן אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג. אַהרונ'ס פּראָבלעם איז אויך אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויפן טאָג-אָרדענונג.

* *
*

אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט מען צוערשט דיסקו־טירט די פּאָסט-פראַגע. די אינטעליגענטן האָבן געהאַלטן לאַנגע רע־

דעם וועגן קאָלעקטיוויזם, עקאָנאָמיע און דער געזעלשאַפט פון מאָרגן. די „דזשאַמוסן" האָבן זיך געוויצלט. יענקל דער עקאָנאָם האָט גע-טענה׳ט איין טענה:

— צו וואָס, איך פרעג אייך, דאַרפן מענטשן שרייבן אַזויפיל בריוו? וואָס זיינען מיר דען, שרייבערס?

— פּשיאַטשעלעס־חברים, לאָמיר בעסער איינשאַפן אַ פּאָר טויבן! — האָט שלום באָמשטיין אים אונטערגעהאַלטן — אַ טויב דאַרף מען ניט קאָרמענען און זי גיט פלייש. היינט פאַרמערן זיך טויבן!...

נאָך זיין קורצער רעדע איז שלום מיסטעריעז פאַרשוואונדן פון באַראַק. אַ ביסל שפּעטער איז מען אַריבער צום צווייטן פּונקט: אַהרונ׳ס נסיעה קיין תל־אביב. דער עולם האָט זיך איינגעטיילט אין אַן „אייזל־פּאַרטיי" און אַ „מיידל־פּאַרטיי".

— די ביוראָקראַטן זיינען די פּלאָג פון דער צוקונפטיקער גע־זעלשאַפט! — האָט געדונערט אַ פאַרשטייער פון דער „מיידל-פּאַרטיי".

עמיצער האָט געוואָלט אָפּענירן. אָבער אין זעלבן אויגנבליק האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און אויפן שוועל פון באַראַק זיינען דערשינען „אדם ובהמה": שלום באָמשטיין און אַ יונגער גרויער אייזל. שלום האָט אַ שפּריז געטאָן פאָרויס, מיט אַ שמייכל פון טריומף אויף די ליפּן, און דער אייזל — אַ פאַרוואונדערטער — האָט שעמעוודיק געשפּאַנט הינטער אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

— הוראַ! זאָל לעבן דער אייזל! — איז דער עולם אויפגע-שפּרונגען פון די בענק.

— דער סאָציאַליזם וועט אויפגעבויט ווערן נאָר ווען די אַרבע-טער וועלן האָבן אַ שטאַרקע ווירטשאַפט! — האָט דערוויילע דער

פֿאַרשטײער פֿון די עקאָנאָמיסטן אָנגעהויבן זײַן רעדע — איר זעט דעם אײזל? ער איז אַן אָנהויב פֿון אַן אײגענער װירטשאַפֿט!

— אַװדאי, ס׳איז דאָך אַ בפּירושער מדרש: „עני ורוכב על חמור" — האָט דוד דער נאַכט־װעכטער געמאַכט אַ צװישנרוף — משיח װעט זײַן אָרים װי דער פּראָלעטאַריאַט און ער װעט קומען צו רײַטן אויף אַן אײזל.

— זאָל לעבן משיח׳ס אײזל! — האָבן די „דזשאַמוסן" אַ דונער געטאָן אין אײן קול.

צי דער אײזל האָט פֿאַרשטאַנען, װאָס פֿאַר אַ כבוד מען שרײַבט אים דאָ צו, צי ער האָט זיך סתם דערשראָקן — ער האָט זיך בכל אופֿן אײַנגעשפּאַרט מיט די הינטערשטע פֿיס אין זאַמדיקן באָדן פֿון באַראַק און זיך ניט געװאָלט רירן פֿון אָרט. שלום באַמשטײַן האָט אים אונטערגעטריבן, געשריען און געצװיגן פֿאַרן צוימל:

— װאָס שטײט איר װי די לײמענע גולם׳ס? — האָט ער אַ רוף געטאָן צום עולם — שטופּט אים אונטער פֿון הינטן!

עטלעכע „דזשאַמוסן" האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און זיך גענומען שטופּן דעם אײזלס הינטער־חלק. אײנער פֿון די אידעאָלאָגן האָט אויך צוגעלײגט אַ האַנט. ער האָט שװער אָפּגע־אָטעמט און געהאַלטן אַ שטיקל „ספּיטש":

— הפּנים אַז ניט נאָר משיח׳ן דאַרף מען אונטערשטופּן, נאָר אַפֿילו זײַן אײזל. אַלײן װיל ער ניט קומען!

— און װי עס װײַזט אויס קומט נ אָ ר דער אײזל — האָט אַרײַנגעװאָרפֿן דוד דער נאַכט־װעכטער.

— מען װאָלט געדאַרפֿט אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע פּאָסט־מאַרקע מיט דעם אײזלס בילד — האָט פֿאָרגעשלאָגן רות — יענקל האָט דאָך אים אײַנגעקויפֿט פֿאַרן געלט פֿון אונדזערע פּאָסט־מאַרקעס.

ח. אַיאַלטי

דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אַז דער עקאָנאָם האָט זיי אָפּגעטאָן אויף טערקיש און געשטעלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אהרון ראָזנ־קראַנץ האָט נאָך פּרובירט דורכזעצן זיין פאָרשלאַג, אַז מען זאָל אים אויסלייען דעם אייזל אויף אַ נסיעה קיין תל-אביב. אָבער אַזוי ווי דער זייגער איז שוין געווען נאָך איינס, האָט מען אָפּגעלייגט דעם ענין אויפן קומענדיקן פרייטיק-צונאַכט.

מער האָט מען וועגן דער פראַגע ניט דיסקוטירט. צומאָרגנס איז צילקע גאַנץ אומגעריכט אַליין דערשינען צווישן די געצעלטן פון „מחנה".

* *
*

צילקע איז געקומען, אַ הויכע און פאַרונדיקטע, מיט אַ פולן בוזים און אַ מויל אויף שרייפלעך. שוין גלייך דעם ערשטן אָוונט האָט זי ביים האָרא־טאַנץ אַזאַ דריק געטאָן דוד דעם נאַכט-וועכטערס נאַקן, אַז ער איז אַזש רויט געוואָרן. די „דזשאַמוסן" האָבן גלייך גע'פּסק'נט:

— ס'איז פייער! זודיק פייער!

אַזוי ווי די „דזשאַמוסן" פלעגן ביי דער אַרבעט שטיין ביזן בויך אין וואַסער, פלעגן זיי קומען באַצייטנס אַהיים. צומאָרגנס פאַר־נאַכט האָט צילקע אָוועקגעשפּאַצירט מיט איינעם פון זיי אין די בערג. ווען אהרון ראָזנקראַנץ איז געקומען פון דער אַרבעט האָט ער זי אומעטום אַרומגעזוכט און אין ערגעץ ניט געפונען. זי איז צוריק געקומען שפּעט ביינאַכט. דוד דער נאַכט-וועכטער האָט דעם פּאָרל אַריינגעבראַכט אַ קאַלטן צוביים פון קיך.

דוד דער נאַכט־וועכטער האָט געוואוסט פון אַלע ליבעס, סודות

און טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין „מחנה". די פאַר-שפּעטיקטע פּאָרלעך פּלעגן זיך געווייגלעך אַריינכאַפּן נאָך חצות אין גרויסן עס־באַראַק און דוד פּלעגט זיי מכבד זיין מיט אַ גלעזל טיי אָדער שיריים פון נאַכטמאָל. ער האָט געהאַט זיינע סימנים לויט וועלכע ער האָט דערקאַנט, וואו זיי האַלטן אין דער וועלט. אויך צילקעס געשיכטע איז פאַר אים געווען אַן אָפן בוך.

דעם ערשטן אָוונט איז זי אַהיים געקומען מיט אַ בוקעט ווילדע בלומען אין די הענט, און דוד האָט געוואוסט, אַז זי האָט שפּאַצירט מיט איר „דזשאַמוס" אין די בערג. עטלעכע אָוונטן שפּעטער זיינען אירע קליידער געווען פאַרשמירט אין רויטלעכן שטויב — אַ סימן אַז זיי האָבן זיך צוגעזעצט ערגעץ אין אַ וויינגאָרטן אָדער אַ פּרדס. און איין מאָל, ס׳איז געווען שוין אין מיטן זומער, איז זי אַריינגעפאַלן אין באַראַק מיטן גרויען אויף טאָג. אירע קליידער זיינען געווען צעקנייטשט און אין אירע האָר האָבן געשטעקט גרעזעלעך און שטרוי. דוד האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען געווען אויפן שייער און אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען.

ער האָט געפילט, אַז די טראַגעדיע איז גרויס, און ער האָט באַשלאָסן צו טרייסטן דעם ליידנדיקן אהרון ראָזנקראַנץ. צומאָרגנס פאַרנאַכט האָט ער אים אויפגעזוכט ביי די טרעפּלעך פון לייען-זאַל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַן ענגען צימערל, בשכינות מיט דער „קאָמונע".

* *
*

אין די אָוונטן, אין טעג פון אַרבעטלאָזיקייט און נאָך אַטאַקעס פון מאַלאַריע זיינען די מענטשן געגאַנגען אין לייען־זאַל. עס זיינען

דאָרט געווען אַלע העברעישע אויסגאַבעס פון לאַנד, צייטשריפטן פון גאָר דער וועלט און אַפילו דער אילוסטרירטער „פור וואו" פון פאַריז מיט קאָלירפולע בילדער פון פראַנצויזישע מאָדעלקעס, וואָס אַ געוועזענער סטודענט פון נאַנסי האָט באַקומען צוגעשיקט.

אויך אַוואַנגאַרד-מאַגאַזינען פון אַמעריקע און פּאָליטישע אויס-גאַבעס פון סאָוויעט-רוסלאַנד זיינען אַרומגעלעגן אויף די פּאָליצעס פון לייען-זאַל. צווישן דעם יונגען עולם פון קיבוץ זיינען געווען אַ סך אינטעליגענטן, געוועזענע סטודענטן, ישיבה־בחורים און אויטאָ-דידאַקטן, וואָס האָבן אין די אַלטע היימען געשלונגען ביכער, געמאַכט פּאָליטיק אָדער געטרוימט פון קינסטלערישע קאַריערעס.

זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די אַלע דיספּוטן און וכוחים וועגן דער יידן־פראַגע און אַנטיסעמיטיזם, סאָציאַליזם און פרייהייט וועלן אין ערגעץ ניט פירן — אַז זיי וועלן בלייבן פּוסטע רייד און טעמעס פאַר לייט־אַרטיקלען עד סוף כל הדורות. האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, זיינען געקומען אַהערצו און האָבן זיך גענומען אַקערן פעלדער, אויסלייגן שאָסייען און בויען הייזער. דער פרייער „קאָלעקטיוו" האָט אין זייערע אויגן פאַרגעשטעלט די פאַרווירקלע-כונג פון די טרוימען פון די אסיים, פון קאַרל מאַרקס׳ וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם און די אידעאַלן פון די נביאים. ער האָט געדאַרפט דינען ווי אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט.

זיי האָבן פאַרברענט אַלע בריקן הינטער זיך. פונדעסטוועגן האָבן זיי מורא געהאַט צו בלייבן איזאָלירט אויף דעם שמאָלן פּאַס ערד צווישן ים און מדבר. זיי האָבן ווי געציטערט טאָמער קומט דער-ווייל משיח ערגעץ אַנדערש און זיי וועלן דערפון ניט וויסן.

דערפאַר האָבן זיי זיך געוואָרפן ווי דורשטיקע אויף די נייעס פון דער וויטער וועלט. פון די צייטשריפטן האָבן זיי זיך דערוווסט,

וואָס עס הערט זיך ביי די קולים אין כינע, ווי עס האַלט מיטן פּראָ־לעטאַריאַט פון מערב-אייראָפּע, וועגן דזשאָן לואיס'עס קוילנגרעבער און דער טעמאַטיק פון סינקלער לואיס'עס לעצטן ראָמאַן. זיי האָבן זיך ווי געבויגן איבער די שייד־וועגן פון דער וועלט, האָבן צוגעלייגט אַן אויער צו דער ערד און מיט האַרצקלאַפּעניש אויפגעהאָרכט:

— הערט מען שוין זיינע טריט?

אהרון ראָזנקראַנץ'ן זיינען אין יענעם זומער די אַלע זאַכן ניט געקראָכן אין קאָפּ. צוליב די פּאַרונקלען האָט ער זיך אויך ניט געקענט זעצן. איז ער געשטאַנען ביי די טרעפּלעך פון לייען-זאַל און האָט אַרויסגעקוקט צו צילקעס צעעפנטן געצעלט.

די פּאַלאַטקעס האָבן זיך געטונקט אין בין-השמשות'דיקן חלל. אַן אומעט האָט זיך צעלייגט איבער די ווייטע פעלדער אַרום. די זון האָט זיך געזעצט אין ים, ניט ווייט פון כברה-זומפּ. צילקע האָט געשפּרייזט פון דוש, מיט אַ האַנטוך פאַרוואָרפן איבער אַן אַקסל. זי האָט געטראָגן אַ ווייסע בלוזע און אירע בלויע שאַרעוואַרעס האָבן דערגרייכט ביז די קני. אירע נאַסע האָר זיינען אַראָפּגעפאַלן איבער איר געטאָקטן נאַקן און די אַנטבלויזטע פיס האָבן געשטעקט אין הילצערנע כאָדאַקעס. שלום באַמשטיין האָט אַרויסגעפירט דעם אייזל אויף פּאַשע. אויפן וועג האָט ער געצופּט בינטלעך גראָז און אויס-געשמירעקט דער בהמה אין מויל אַריין.

מיטאַמאָל האָט אַהרון דערפילט אַ האַנט אויף זיין אַקסל. דוד דער נאַכט־וועכטער איז געשטאַנען לעבן אים.

— אַזוי איז עס — האָט דוד גערעדט פאַרשטעלטע רייד — מען וואַרט אויף משיח'ן און קומען קומט נאָר דער אייזל...

ניו־יאָרק, 1950

# דער מעמאראנדום
# פון די ל"ו

ואם יש צדק — יופיע מיד
אך אם אחרי השמדי מתחת רקיע
הצדק יופיע —
ימגר נא כסאו לעד!

ח. נ. ביאליק

# דער מעמאָראַנדום
# פון די ל"ו

(מנחם באָריישאַ)

ווען מען האָט אומגעבראַכט אַלע יידן פון שטעטעלע סאַפּעטקין, איז איינער פון זיי געבליבן לעבן. טאָדרעס דער וואַסער-טרעגער איז לעבן געבליבן.

די ליטווישע שקצים מיט די בייטשן און די אוקראַינער, וואָס זיינען אָנגעקומען פון יענער זייט גרעניץ, האָבן אים ניט געטשעפּעט; די פּוילישע פּויערים אין יידישע שטיוול האָבן אויסגעמיטן זיינע טריט; און אַפילו דער שעף פון דער געסטאַפּאָ האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און זיך געמאַכט ניט זעענדיק, ווען טאָדרעס איז פאַרבייגעגאַנגען.

ס'איז משמעות געווען דערפאַר, וואָס טאָדרעס איז געווען אַ נסתר, איינער פון די ל"ו צדיקים. ווען מען וואָלט אומגעבראַכט טאָדרעסן, וואָלט חס ושלום געוואָרן אויס וועלט: אויס ליטווישע שקצים מיט בייטשן, אויס אוקראַינער און פּאָליאַקן אין יידישע שטיוול און אַפילו אויס געסטאַפּאָ.

אָבער טאָדרעס'ן איז די זאַך ניט אָנגעשטאַנען. האָט ער זיך

געלאָזט גיין דורך חרוב'ע שטעט און שטעטלעך, און אָנגעזאָגט דאָרט וואו מען באַדאַרף:

„אַזוי און אַזוי, טאָדרעס דער וואַסער-טרעגער פאַרלאַנגט אַן אַסיפה גדולה פון די ל"ו. און טאַקע באַלד, אָן שהיות..."

וואָרים לויט דער קאָנסטיטוציע פון די זעקס און דרייסיק נסת-רים קען יעדער פון זיי רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. נאָר אין אַן עת צרה, פאַרשטייט זיך, קען ער זי איינבאַרופן.

און אַן עת צרה איז עס געווען. נאָך וואָס פאַר אַן עת צרה!

האָבן זיי געפרעגט: „וואו?"

האָט ער געענטפערט: „אין קליינעם וועלדל לעבן טרעבלינקע".

זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען אין קליינעם וועלדל לעבן טרעב-לינקע. — געווען צווישן זיי יידן מכל המינים: למדנים מיט לאַנגע, גרויע בערד, קליינשטעטלדיקע בעלי-מלאכות מיט מגושמ'דיקע פּליי-צעס ווי אויך עטלעכע גאַליציאַנער דאָקטוירים. אפילו א ראַבאַי פון ניו-יאָרק סטעיט איז דאָרט געווען צווישן זיי. ער האָט פאַרשטאַנען נאָר ענגליש. ווי אַזוי ער איז געקומען האָט קיינער ניט געוואוסט. בכל אופן, מיט קיין עראָפּלאַן איז ער ניט געקומען.

איינער מיט אַ לאַנגער באָרד האָט אָנגעהויבן מצדיק הדין זיין: אַז „גאָט טוט ניט קיין שלעכטס און דער אויבערשטער פאַרדריט ניט קיין משפּט" און אַז „אַ מענטש קען ניט זיין גערעכט אַנטקעגן גאָט". און ער האָט געבראַכט ראיות פון משה רבנו ביזן ווילנער גאון און דעם חפץ-חיים ע"ה.

אָבער טאָדרעס האָט זיך ניט געלאָזט: ער איז אַ פּשוטער ייד, האָט ער געזאָגט, און זיין קאָפּ כאַפּט ניט אַזויפיל תורה:

— און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס מאָל האָבן זיי אַ ביסל איבער-געכאַפּט די מאָס!

— טאָ וואָס זאָל מען טאָן?

האָט ער געזאָגט: איינער פון אונדז דאַרף אַרויפגיין אויבן, טאַקע אַליין, ניט דורך אַ מלאך און ניט על ידי שליח, און זען שומר מה מלילה, וואו איז דער היטער פון דער נאַכט?

האָבן זיי געזאָגט: „קראינא דאיגרתא ליהוי פרונקא", ס'הייסט אַז ער, טאָדרעס טאַקע, זאָל גיין.

אָבער אַזוי ווי ער איז ניט געווען קיין למדן און אפילו קיין לשון קודש האָט ער ניט פאַרשטאַנען, האָבן זיי באַשלאָסן אים מיט־צוגעבן אַ מעמאָראַנדום. אַ וואָוילגעלערנטע קאָמיסיע האָט זיך געזעצט און אָנגעשריבן מיט געגנדזענע פעדערס אויף פאַרמעט אַ מעמאָראַנ־דום צום רבונו של עולם: אַזוי און אַזוי, הגיעו מים עד נפש... און עד מתי?

ביים סוף האָבן זיי אויך אַ פּאָר אוטיליטאַרע מאָטיוון צוגע־שריבן: אַז עס וועלן קיין יידן ניט זיין, טאָ ווער־זשע וועט לויבן גאָט? לא המתים יהללו יה... און אַזוי ווייטער א. א. וו.

האָט טאָדרעס פאַרשטעקט דעם פאַרמעט אונטער דער פּאָלע, (כדי די גויים זאָלן אים ניט אַ כאַפּ טאָן און ניט מאַכן פון אים קיין כאָליאַווקעס פאַר שטיוול) און זיך געלאָזט אין וועג.

*   *
*

געגאַנגען איז ער בקאָמפּאַניע. פון געדיכטן רויך, וואָס האָט געשלאָגן פון טרעבלינקער קוימען, האָבן זיך אָפּגעשיידט טויזנטער נשמות: פון מענער און פרויען, יונג און אַלט, קינד און קייט. אויך עטלעכע משומדים און איינער אַ גר, אַ געוועזענער סובאָטניק משמעות, מיט אַ רויטער קאַצאַפּסקער באָרד, האָבן זיך אַרימגעבלאָנ־

קעט אין דער מחנה. האָט זיך טאָדרעס מצטרף געווען צום עולם און איז מיטגעפלויגן.

תחילת האָבן זיי אַלע דערציילט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט: ווי מען האָט זיי אריינגעוואָרפן אין פאַרחתמ׳עטע וואַגאָנען מיט קאַלך, ווי מען האָט זיי געגעבן האַנטעכער און געפירט אין אַ קאַמער. אָבער קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט, ווייל פּאַסירט האָט עס מיט אַלעמען און אַלע האָבן זיי עס געוואוסט.

אויפן צווייטן טאָג איז פריילעכער געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאָליטישע דיסקוסיע: ציוניסטן האָבן דיסקוטירט מיט בונדיסטן, בונדיסטן מיט קאָמוניסטן און איינער אַ לינקער פּועלי־ציוניסט האָט ציטירט בער באָראָכאָוו׳ן. פרומע יידן האָבן געלערנט אַ בלאַט גמרא אויף אויסוויינ׳יק.

טאָדרעס האָט ניט פאַרשטאַנען קיין פּאָליטיק און אַזוי ווי קיין למדן איז ער אויך ניט געווען, האָט ער זיך צוגעהערט צו די ווייבער. זיי האָבן זיך איצט דערציילט וועגן די איינגעלייגטע אוגערקעס און פעסעלעך ראָסל פון בוריקעס, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער היים. די רייכערע באַלעבאָסטעס האָבן אויפגעציילט די סלאָאיקעס איינגעמאַכטס און פלעשער ווישניאַק. אַלע באָבעס האָבן געלייענט די „צאינה וראינה״ מיט אַ ניגון.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען צו די טויערן פון הימל, האָט אַ ברי־גאַדע מלאכים אָנגעהויבן סעלעקציאָנירן די נשמות: ווער אין גן־עדן און ווער אין גיהינום.

האָבן די אפּיקורסים פּראָטעסטירט:

— סטייטש? — האָבן זיי געמאַכט געוואַלדן — אויף פאַר־ברענט צו ווערן, זיינען מיר געווען גוטע יידן, און פאַרן גן־עדן טויגן מיר ניט?

— „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא!" — האָט איינער א בונדאָוויעץ זיך דערמאָנט אַן פּרק.

א ייד, וואָס האָט אדורכגעמאַכט א צענדליק סעלעקציעס אין פאַרשיידענע לאַגערן, האָט שטילערהייט אונטערגעזיפצט:

— איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אז אין הימל סעלעקציאָניר־ט מען אויך...

טאָדרעס האָט ניט געהאַט קיין צייט אויסצוהערן דעם ויכוח ביזן סוף. ער האָט זיך געזאָרגט פאַר די לעבעדיקע און געאיילט צום כסא הכבוד. קומענדיק נאָענט האָט אים איינער א סעקרעטאַר פאַר־שטעלט דעם וועג:

— וואוהין?

האָט אים טאָדרעס דערקלערט: אזוי און אזוי, די ל"ו האָבן זיך פאַרזאַמלט און אָנגעשריבן א מעמאָראַנדום, און ער דאַרף אים איבערגעבן דעם ריבונו של עולם פּערזענלעך.

גיט אהער! — האָט דער מלאך אויסגעשטרעקט א האַנט — ס'עט שוין רעכט זיין. מיר'ן עס איבערגעבן ווייטער.

— ניין! דאָס מאָל איז ניט על ידי מלאך און ניט על ידי שליח.

דער סעקרעטאַר האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן (מיט די ל"ו האָט ער זיך דאָך ניט געוואָלט אָנהויבן):

— דער ריבונו של עולם איז ניטאָ אין דער היים — האָט ער קאַלט געזאָגט — איר מיינט, אז נאָר אייער וועלטל האָט ער אויפן קאָפּ!? פאַראַן, קיין עין הרע ניט, כוכבים ומזלות, וועלטן און וועלטעלעך ווי זאַמד אויפן ברעג פון ים.

— וואָס מיינט איר זיך, אז ער מוז זיצן א גאַנצן טאָג אויפן כסא הכבוד און וואַרטן אויף אייערע תפילות? — האָט אונטער־

## ח. איאַלטי

געכאַפּט איינע אַ בלאָנדע, דיקלעכע מלאכ׳טע, וואָס איז געזעסן איבער אַ שרייב-מאַשינקע און האָט איבערגעקלאַפּט אויף ריין די פּראָטאָקאָלן פון לעצטן ראש-השנה.

זי האָט דווקא ניט געהאַט קיין שווערן „דזשאָב״, די בלאָנדע מלאכ׳טע. זי האָט אַריינגעשטעקט לאַנגע ליסטעס מיט נעמען אין דער שרייב-מאַשינקע און אויף בלינד אַרונטערגעקלאַפּט לענגווים יעדן בויגן די זעלבע צוויי ווערטער:

— — — מי באש

— — — מי באש

— — — מי באש

אָבער איר האַרץ איז געווען פאַרביטערט. מיט אַ קימאַ לן פון אַ פינף טויזנט יאָר צוריק איז איר געליבטער, אַ יונגער מלאך, אַראָפּ אויף דער זינדיקער ערד און זיך דאָרט פאַרליבט אין איינער פון אדם׳ס טעכטער. אַ סברא, אַז ער האָט זיך אַפילו צו איר דערנענטערט און זי האָט אים געבוירן אַ זון. בכל אופן איז ער שוין פאַרבליבן אונטן.

טאָדרעס דער וואַסער-טרעגער האָט זיך ניט געוואָלט אַריינמישן אין די ליבע-אַפערעס צווישן הימל און ערד:

— ווען וועט ער צוריק קומען? — האָט ער געפרעגט.

— מאָרגן.

מילא, פאַרפאַלן, האָט טאָדרעס אַ טראַכט געטאָן. ער האָט אַפילו געוואוסט, אַז ביז מאָרגן וועט מען אַ שיינע פּאָר וואַגאָנען מיט יידן אַריינוואַרפן אין מאַידאַנעק, אוישוויץ און טרעבלינקע, אָבער וואָס קען מען דאָ העלפן? מאָרגן איז מאָרגן.

האָט ער געוואַרט. פאַמעלעך האָט זיך אונטערגערוקט דער פאַרנאַכט. אויף די הימלישע גאַסן און עווניום האָבן זיך אַ צונד

געטאָן די שטערן. די סאָלאָווייען האָבן זיך צעזונגען אין גן-עדן און פאַרלעך האָבן זיך דאָרט געקושט אין די טונקעלע אַלייען. ביים טויער האָט זיך אויטאָמאַטיש געדרייט די בליאַסקנדיקע שווערד און אָפּגעשפּיגלט דעם גלאַנץ פון דער לבנה דאָ אויף איין זייט און דאָ אויף דער אַנדערער.

טאָדרעס האָט זיך אַ לייג געטאָן הינטערן פּאַרקאַן און איז גלייך איינגעשלאָפן.

*   *
*

אַ מידער פון דער לאַנגער נסיעה איז ער לאַנג געשלאָפן. ווען ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, איז שוין די זון געשטאַנען הויך אין הימל און דער זייגער איז געווען ניין. „איי, איי, כ׳האָב פאַר־שלאָפן!״ — האָט טאָדרעס זיך גענומען צום האַרצן. ער האָט גע־וואוסט, אַז פּונקט ניין אַזייגער, מיט פּרייסישער פּינקטלעכקייט, עפענען זיך די גאַז-קאַמערן אין אוישוויץ און מאַידאַנעק. דרום האָבן די מלאכ׳טעם אַנגעשטעלט הויך די ראַדיאָס, כדי די געשרייען פון אונטן זאָלן ניט שטערן די הימלישע רו און ניט איבערשרעקן די מלאכים׳לעך אין די וויגן.

„אפשר ט׳מען נאָך אָפּשרייען די גזירה פאַר מיטאָג?״ — האָט טאָדרעס אַ קלער געטאָן און זיך געלאָזט גיין מיט איילִיקע טריט. אויפן וועג איז אים אַנטקעגנגעקומען אַן עלטערער מלאך מיט צוויי גרויסע זעק אויף די פּלייצעס.

— דער ריבונו של עולם איז שוין אין דער היים? — האָט טאָדרעס אים אַ פרעג געטאָן.

— ניין, נאָך ניט.

— וואָס טראָגט איר דאָרטן אין די זעק?

— מצוות — האָט דער מלאך אונטערגעקרעכצט — איך טראָג זיי פון די שערי-צדק אין גרויסן סקלאַד אַריין. ס׳איז אָבער אומזיסט די טרחה: צום יום הדין וועט מען זיי סיי ווי ניט צושטעלן, וואָרים די בעלי-המצוות זיינען שוין אין לאַגער און וואַרטן אויף זייער ריי.

טאַדרעס האָט געוואַרט ביז מיטאָג. די מלאכים האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין די רעסטאָראַנען. אַלס פאָרשפּייז האָבן זיי באַשטעלט געפילטע פיש פון לויתן. דערנאָך האָבן זיי געגעסן ביפשטעקס פון שור-הבר און פאַרטרונקען מיט שוימיקע גלעזער פון יין המשומר.ביים קאַפע האָט אַ „ספּיקער" געלאָזט וויסן דורך ראַדיאָ, אַז בין מנחה למעריב וועט דער צדיק הדור, הרב הגאון רב שמואל-אַהרון הכהן, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון אוישוויצער קאַלך־אויוון, אָפּגעבן אַן אינטערעסאַנטן, אויטענטישן גערוס פון יענער וועלט און דערביי דרש׳ענען איבערן פּסוק: „על שלשה דברים העולם עומד: על התורה ועל העבודה ועל גמילת חסדים". אין קינסטלערישן פּראָגראַם וועט אויפטרעטן אַ זינגערן פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט מיטגעמאַכט די וואַרשעווער געטאָ. זי וועט זינגען „הודו לד׳ כי טוב כי לעולם חסדו."

טאַדרעס האָט זייער ליב געהאַט נגינה, אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו גיין צום אַנאָנסירטן מיטינג. ער האָט זיך געאיילט צום כסא הכבוד. דער זעלבער סעקרעטאַר האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג און אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— דער ריבונו של עולם איז שוין צוריק געקומען? — האָט טאַדרעס געפרעגט.

א שאַלנדיקער געלעכטער איז אויסגעבראָכן אין ביוראָ. אפילו דער ערנסטער הויפּט-סעקרעטאַר האָט געשמייכלט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט טאָדרעס ניט פאַרשטאַנען — איר האָט דאָך אַליין געזאָגט „מאָרגן", ניין?

— משמעות, אַז ער זאָגט ניט קיין תהילים! — האָט איינער פון די לערן-יינגלעך אַ וואונק געטאָן צו דער בלאָנדער מלאַכ׳טע — וואָרים ווען ער וואָלט געזאָגט תהילים וואָלט ער דאָך געוואוסט, אַז „אלף שנים בעיניך כיום אתמול".

טאָדרעס האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— יאָ, יאָ, איך האָב עס אָפּט געזאָגט, אָבער איך בין אַ פּראָסטער ייד און איך פאַרשטיי ניט דעם פירוש המילות.

— ביי אונדז אַז מען זאָגט מאָרגן, מיינט עס אין טויזנט יאָר אַרום — האָט דער סעקרעטאַר אים פאַרטייטשט — איר ווילט דאָ איבערלאָזן אייער מעמאָראַנדום?

— ניין! — האָט טאָדרעס פאַרשטעקט דעם פּאַרמעט אונטער דער פּאָלע — איר׳ט אים נאָך אַזוי פאַרלייגן צווישן אייערע פּאַפּירן, אַז מע׳ט אים אין טויזנט יאָר אַרום אויך ניט געפינען.

און ער האָט זיך געלאָזט אויף צוריק, צו דער זינדיקער ערד, כדי וואָס גיכער איבערצוגעבן דער אסיפה גדולה אַ דין וחשבון פון זיין שליחות.

* *
*

צוריקוועגס איז ער געגאַנגען איינער אַליין, וואָרן וועלכער משו־גע׳נער וועט זיך עס היינט לאָזן פון הימל צו דער זינדיקער ערד? אמת, די מלאכים האָבן נאָך געדענקט פון דער צייט פון די נפילים, אַז אדם׳ס טעכטער זיינען גוט, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז די שטעט

אויף דער ערד ליגן אין חורבות און מען קריגט דאָרט אפילו קיין האָטעל ניט אויף איבערצושלאָפן די נאַכט?

די נסיעה אַהין און צוריק האָט געדויערט לאַנג און ווען טאָדרעס איז אָנגעקומען אין וועלדל לעבן טרעבלינקע, האָט ער דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. פון דער ווייטנס האָט ער דערזען ווי מענטשן גייען ארום מיט גרויסע זיפּן און שאָקלען מיט די הענט אַהין און אַהער, ווי פּויערים וואָס ווייען אַרויס די פּלעוועס פון תבואה. איז ער צו־געגאַנגען נאָענטער און האָט געזען, אַז דאָס זיינען טאַקע פּוילישע פּויערים. האָט ער זיי געפרעגט:

— וואָס טוט איר, גוטע מענטשן?

— מיר זיפּן אַדורך דעם אַש — האָבן זיי אים געגעבן צו פאַר־שטיין — איז אַמאָל בלייבט איבער אַ גילדערנער צאָן אין דער זיפּ און אַמאָל אַפילו אַ קידושין-רינגעלע.

האָט טאָדרעס פאַרשטאַנען, אַז מען האָט פאַרברענט די יידן. מילא, פאַרפאַלן, פאַרברענט איז פאַרברענט, ברוך דיין אמת!... אָבער וואו זיינען די אַנדערע ל״ה צדיקים?

ער האָט געזען, אַז די וועלט עקזיסטירט ווייטער: די פּויערים זוכן גילדערנע ציין אין אַש, דער קאָרן וואַקסט זייער גֿעראָטן אין די פעלדער, ווייל די ערד איז פעט פון מתים, און אין שטעטעלע טרעב־לינקע האַנדלט מען שוין אַפילו מיט וואַלוטע: מיט גרינע דאָלאַרן און גילדערנע אימפּעריאַלן.

האָט ער פאַרשטאַנען, אַז די ל״ו׳ניקעס מוזן ערגיץ-וואו זיין: וואָרן אָן די ל״ו צדיקים וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט געהאַט: די פּויערים וואָלטן ניט געפונען קיין קידושין-רינגעלעך אין אַש, דער קאָרן וואָלט ניט געוואַקסן און אַפילו מיט וואַלוטע וואָלט מען ניט געהאַנדלט.

איז ער געגאַנגען ווייטער. ער האָט געזוכט די ל"ו'ניקעס אין די פּי-לאַגערן פון אַלע פיר זאָנעס: דער ענגלישער, אַמעריקאַנער, סאָוועטישער און פראַנצויזישער. אָבער זיי זיינען אין ערגעץ ניט געווען.

האָט ער געזען ווי דייטשע פריילנס קושן זיך מיט אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און די הויז-פרויען שלעפּן אַרויף זייערע פּאָרצעלאַן-קרע-דענצן פון די קעלערן, און שטעלן זיי אויס אין די אויפגערוימטע עס-צימערן, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיינע חברים מוזן ערגיץ-וואו זיין: וואָרן אין וועמענס זכות קושן זיך די דייטשע פריילנס מיט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און קריגן בזכות זה ניילאָן-זאָקן, אויב ניט אין זכות פון די ל"ו צדיקים?

איז ער געגאַנגען ווייטער. ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז דערגאַנגען צו אַ גרויסן וואַסער. און דאָרט זיינען געזעסן אַ סך יידן און האָבן געוואָרט. האָט איינער פון זיי אים דערציילט, אַז גראָדע נעכטן איז אָפּגעפאָרן אַן אומלעגאַלע שיף מיט יידן קיין ארץ-ישראל. פינף און דרייסיק אין צאָל זיינען זיי געווען — קליינ-שטעטלדיקע בעלי-מלאכות, למדנים מיט גרויע בערד, אַ פּאָר גאַלי-ציאַנער דאָקטוירים און איינער אַ ראַבאַי, וואָס האָט גערעדט נאָר ענגליש.

האָט טאַדרעס פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען זיינע חברים אָפּגע-פאָרן קיין ארץ-ישראל. האָט ער זיך אויך פאַרשריבן פאַר דער אומ-לעגאַלער עמיגראַציע און האָט געוואָרט.

האָט ער געוואַרט אַ טאָג און צוויי און דריי, און אויפן צוועלפטן טאָג האָט ער דערזען, ווי אַלע לויפן צום וואַסער. איז ער אויך געלאָפן. און אויפן וואַסער איז גראָד אָנגעקומען אַ שיף. און דאָס איז טאַקע געווען די שיף אויף וועלכער די ל"ו'ניקעס האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

מען האָט משמעות אומגעקערט די שיף פון מיטן וועג, וואָרן איר אונטערשטער דעק איז געווען אַרומגעצאַמט מיט שטעכל־דראָט און אויפן אויבערשטן זיינען געשטאַנען ענגלישע סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט ביקסן, שווערדן און אַנדערע כלי־זין.

טאָדרעס האָט געוואָלט אַרויפגיין אויף דער שיף, כדי וואָס גיכער אָפּצוגעבן אַ באַריכט פון זיין שליחות. מען האָט אָבער קיינעם ניט אַרויפגעלאָזט. וואָס טוט מען? האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער „ניו־יאָרק־טאַימס". האָט מען אים אַרויפגעלאָזט.

אַז די חברים האָבן אים דערזען, האָבן זיי זיך זייער דערפרייט מיט אים, וואָרן זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער האָט בטל געמאַכט די גזירה. אַז זיי האָבן אָבער דערזען זיין פּנים פון דער נאָענט, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז געשען.

— וואָס איז געשען?

— דער ריבונו של עולם איז ניטאָ אין דער היים — האָט טאָדרעס אַ רעד געטאָן מיט אימפּעט, ווי ער וואָלט וואָס גיכער גע-וואָלט פּטור ווערן פון זיין מיסיע — און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער וועט צוריק קומען מאָרגן. אָבער „מאָרגן" אין הימל מיינט אין טויזנט יאָר אַרום.

— אַוודאי! — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די למדנים, מיט אַ גרויער באָרד — עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן: „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבר..."

— יאָ, ריכטיק! — האָט טאָדרעס פאַטאַקעוועט — אָט דעם פּסוק טאַקע האָבן זיי געזאָגט.

און צומאָרגנס איז די שיף מיט די ל"ו, מיטן שטעכל-דראָט און מיט די באַוואָפנטע זעלנער אָפּגעפאָרן אין אַן אומבאַקאַנטער

ריכטונג. טאָדרעס איז שוין צוריק אויפן ברעג ניט אַרויף. און קיינער ווייסט ניט וואוהין די שיף איז געשוואומען.

*  *
*

נאָר דעם מעמאָראַנדום האָט מען געפונען. אין גרויס איילעניש האָט אים טאָדרעס משמעות פאַרלאָרן, און אַ פישער-מאַן האָט אים געפונען אין זאַמד. דער פישער האָט אים געבראַכט צום לערער פון דאָרף. אָבער אויך דער לערער האָט דעם כתב ניט געקענט איבער-לייענען. דער פאַרמעט האָט געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, ביז ער איז דערגאַנגען צום אינסטיטוט פון אַרכעאָלאָגיע אין דער הויפּט-שטאָט. און פון דאָרט איז ער מגולגל געוואָרן אין די אַרכיוון פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע פאַרן קאָנטראָל פון אַטאָמישע כלי-זין".

און דאָרט געפינט ער זיך ביז צום היינטיקן טאָג.

ניו-יאָרק, 1947.
(אין די טעג פון דער שיף „יציאת אירופּה")

# די אנטדעקונג פון טראַטאַגוואַי

# די אַנטדעקונג
# פון טראַטאַגוואַי

די אַנטדעקונג פון טראַטאַגוואַי איז כמעט אומבאַקאַנט דעם רוב פון דער מענטשהייט. צוליב די אויסערגעוויינלעכע געשעענישן פון אונדזער יאָרצענדליק באַשטייט אַפילו די געפאַר, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד זאָל, אַזוי צו זאָגן, אײַנגאַנצן אַרונטערפאַלן אונטערן טיש און פאַרגעסן ווערן פאַר די קומענדיקע דורות. ווילן מיר דעריבער פאַרצייכענען, אין גרויס איילעניש, אויב ניט אַלע פּרטים, איז לכל הפּחות די הויפּט-שטריכן פון דער מעשה-טראַטאַגוואַי.

ס׳איז געווען אין דער צייט פון דער גרויסער בהלה, ווען ייִדן פון האָלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך זײַנען אַנטלאָפן פאַר היטלערס חיילות, זײַנען אָנגעקומען אין לעצטן פּאָרט פון אייראָפּע, אין מאַרסעל, און זיך געקליבן אַריבערצופאָרן פון דאָרטן מעבר לים. ווי דער שטייגער, האָבן זיך אַחינו בני ישראל געהאַלטן צוזאַמען, וואָרים ממה נפשך: ווילן זיך מאַכן וויזעס, טאָ פאַרוואָס זאָל דער אַנדערער באַקומען און איך ניט? — אַלאַ וואָס דען, עס וועט זיך מאַכן אַן אַבלאַווע? — טאָ זאָל מען כאָטש זיצן צוזאַמען אין זעלבן קאָנצענ-

טראַציע-לאַגער! צוליב די דאָזיקע און אַנדערע טעמים האָט זיך דער עולם אָפּגעזוכט אין דער פרעמדער פראַנצויזישער שטאָט, זיך באַזעצט אין קאַפּע-נאַאַי, וואָס אויף דער באַרימטער „קאַנעביער״, און אין אַ קורצער צייט פאַרשטויסן אַלע געוועזענע געסט.

איינמאָל, אין אַ געוויינלעכן אָוונט פון יאָר 1941, איז דער עולם געזעסן אַרום די טישלעך, געזופּט פּאַמעלעך די וואַסערדיקע קאַווע און געשמועסט וועגן וויזעס, טראַנזיט־וויזעס, שיפסקאַרטן און קרובים מעבר לים. אויבנאָן, ביי דער מזרח-וואַנט, זיינען געזעסן בכבודיקע לייט, יידן וואָס האָבן געאַרבעט ביי ענציקלאָפּעדיעס, גע־שריבן ביכער אָדער סתם געמאַכט פּאָליטיק און האָבן דערפאַר גלייך נאָך פראַנקרייכס מפּלה באַקומען אַזעלכע ספּעציעלע סכנת־נפשות־וויזעס קיין אַמעריקע, „דענדזשער-וויזעס״, ווי מען האָט עס גערופן. בשכנות פון זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט יידן גבירים, וואָס האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט קאָנסולן פון דרום-אַמעריקאַנער מלוכות, האָבן געצאָלט גראָבע טויזנטער און זיך געהאַלטן אין איין סוד׳ען. די איבעריקע טישלעך האָבן באַזעצט סתם יידן, „עמך״, וואָס זיינען גאַנצע טעג אַרומגעלאָפן איבער די תרפ״ט קאָנסולאַטן פון דער שטאָט מאַרסעל, האָבן געהאַלטן אין איין טעלעגראַפירן צו קרובים און זיך ניט גערירט פון אָרט. אויך בל׳ערליי „מאַכערס״ האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט — זיי האָבן אָנגעבאָטן וויזעס איבער גאָר דער וועלט: קיין שאַנכאַי, קיין האָנדוראַס און ביז האָנאָלולו — וויזעס פון 3000 פראַנק ביז צען טויזנט דאָלער פּער קאָפּ.

אין יענעם אָוונט, אַ זייגער האַלב ניין, האָט זיך אין קאַפּע אַריינגעשאַרט אַ קליין, מאָגער מענטשעלע פון אַ יאָר פערציק און אַ שפּאַציר געטאָן מיט דריבנע טריטעלעך צווישן די טישלעך. ער האָט געהאַט אַ לענגלעך פּנים און זיינע קליינינקע אויגעלעך זיינען שנעל

אַרומגעלאָפן אין זייערע לעבער. אויפן וועג איז ער אָפּט שטיין גע־בליבן און האַלטנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אָן אַ זייט, האָט ער צוגעלייגט אַן אויער צו די הייסע דיסקוסיעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין אַלע ווינקלען:

— אַז איר ווילט פאָרן קיין עקוואַדאָר — האָט אַ יונגער מאַן דערקלערט זיין עלטערן שכן — באַדאַרפט איר האָבן אַ טראַנזיט־וויזע דורך קובאַ און נאָכדעם מוזט איר האָבן אַ דורכרייזע־וויזע פון מעקסיקע און ערשט דאַן קענט איר בעטן אין וואַשינגטאָן אַ דערלויבעניש צו פאָרן דורכן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. און איך רעכן שוין ניט די טראַנזיט-וויזעס דורך שפּאַניע און פּאָרטוגאַל...

— נו, און קיין שאַנכאַי איז נענטער? — האָט געפרעגט דער עלטערער מאַן, דער עקוואַדאָרער".

— נענטער אָדער ווייטער! — האָט דער שאַנכאַיער געענטפערט — ווער האָט דען בדעה צו פאָרן קיין כינע? מען נעמט אַ כינעזישע וויזע, מען פאָרט קיין פּאָרטוגאַל און פון דאָרט כאַפּט מען זיך אַריבער קיין קובאַ...

— נו, און פון קובאַ?...

אין דאָזיקן אויגנבליק האָט דער־אַריינגעקומענער זיך אַראָפּגע־לאָזן אויף אַ שטול ביים טיש און פירנדיק שנעל-שנעל מיט די אויגן פון „שאַנכאַיער" צום „עקוואַדאָרער", האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן:

— איר דאַרפט האָבן וויזעס? וואָס טויגן אייך כינע מיט עקוואַדאָר?

— און וואָס פאַר אַ וויזעס האָט איר, אַ שטייגער?

— איך? איך פאָר קיין טראַטאַגוואַי און אַן עק! — האָט דער גאַסט אויפגעהויבן זיין קול און אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט אַ מאָגע־רער האַנט איבערן טישל.

— קיין טראַטאַגוואַי? וואו ליגט עס ערגעץ טראַטאַגוואַי?

— קיינמאָל ניט געהערט פון אַזאַ מדינה!

— מען גיט פראַנק און פריי וויזעס אַהינצו?

— כשר׳ע צי טרפ׳ע?

דער אָנזאָגער פון דער בשורה האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער דער עולם ביים טישל האָט אים ניט געלאָזט עפענען דאָס מויל. מען האָט אים ממש באַשאָטן מיט פראַגעס:

— ער נעמט אין יד אַריין, כ׳מיין דער טראַטאַגוואַיער קאָנסול?

— מען לאָזט דאָרט אַריין יידן, אָדער מען דאַרף ברענגען אַ טויף-צעטל פאַרן באַקומען די וויזע?

— וואָס פאַר אַ אמונה הערשט אין טראַטאַגוואַי?

דער אָנזאָגער האָט אָפּגעוואַרט ביז די אַרומיקע האָבן זיך גענוג אָנגעטומלט און דאַן האָט ער געלאַסן דערקלערט:

ראשית, מען לאָזט אַריין יידן קיין טראַטאַגוואַי און מען דאַרף זיך אַפריער ניט שמד׳ן והשנית באַקומט מען פאַר טויזנט פראַנק אַ כשר׳ע וויזע, דירעקט פון קאָנסול, והשלישית...

צום דריטן פונקט פון דעם טראַטאַגוואַיער עמיגראַציע-סטאַטוס איז דער אָנזאָגער ניט דערגאַנגען. וואָרים זיינע ווערטער „אַ כשר׳ע וויזע און מען לאָזט אַריין יידן” האָבן אַריינגעשלאָגן ווי אַ בליץ אין קאַפע-הויז און זיינען איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן פון טישל צו טישל.

באַלד האָבן שוין אַלע געוואוסט, „אַז די טראַטאַגוואַיער רעגירונג וועט שיקן כפּעציעלע שיפן דירעקט קיין מאַרסעל”, און מען וועט פּטור ווערן פון אַלע טראַנזיטן, שלעק און פורעניות. אַ מין רייזע-פיבער קיין טראַטאַגוואַי האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם און באַלד האָבן זיך אַלע געשטופּט אַרום טישל, וואו דער אָנזאָגער פון דער בשורה איז

געזעסן. (אין יענעם מאָמענט איז ער געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „קאָלומבוס פון טראַטאַגוואַי״).

אַפילו יחסנים, וואָס האָבן געוואַרט אויף די „דענדזשער-וויזעס״, האָבן זיך אַ רוק געטאָן צו יענעם ווינקל און צוגעלייגט אַן אויער. איינער פון זיי, אַ יונגער ענציקלאָפּעדיסט — ס׳הייסט ניט אַזוי ער אַליין, ווי זיין פּרוי׳ס אַ פעטער האָט געאַרבעט ביי דער יידישער ענציקלאָפּעדיע און בזכות זה האָט ער דערוואַרט די סכנות־נפשות־וויזע — האָט גלייך אַ נעם געטאָן דעם טראַטאַגוואַיער „קאָלומבוס״ אויף אַ פאַרהער:

— זייט אַזוי גוט, רב ייד, וואו ליגט זי עפּעס, אייער מדינה טראַטאַגוואַי?

— ס׳הייסט וואו? ס׳איז אַן אינדזל צווישן בראַזיל און האָנאָלולו, אַ פּאָר טויזנט מייל אין צפון פון אויסטראַליע אין דער ריכטונג פון כינע...

דער עולם אַרום, וואָס איז שוין אויסגעפאָרן גאַנץ אייראָפּע און זיך ערשט געקליבן אויף דער אמת׳ער וועלט-רייזע, האָט געלעקט די פינגער. אָבער דער יונגערמאַן, דער ענציקלאָפּעדיסט, האָט ניט אָפּגעלאָזט:

— פאַרוואָס האָט מען ביז איצט ניט געהערט פון דאָזיקן לאַנד?

— פאַרוואָס? אין דעם באַשטייט דאָך די גאַנצע חכמה!... ווען מען וואָלט שוין פון לאַנג געהערט פון טראַטאַגוואַי, וואָלט מען דאָך אַהינצו קיין וויזעס ניט באַקומען! מען וואָלט געמוזט צאָלן טויזנט דאָלער פאַר אַ וויזע און זיך אַפּריער שמד׳ן און ערשט דערנאָך וואָלט מען אייך ניט אַראָפּגעלאָזט פון שיף, ווייל עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די וויזע איז פאַלש...

— נו, און דער קלימאַט?

— אַ קלימאַט ווי אַלע קלימאַטן: ווינטער איז דאָרט קאַלט און זומער איז וואַרעם...

— און אַז עס רעגנט איז האַרבסט — האָט שוין אונטערגעכאַפּט איינער פון עולם — און ווען די רויזן בליען איז אַ סימן, אַז ס׳איז פרילינג.

— נו, און וואָס איז עפּעס מכוח פּרנסה?

דער עולם איז געוואָרן אומגעדולדיק: וואָס האָט ער זיך דאָ אָנגעזעצט אויף אַ יידן, דער דאָזיקער ענציקלאָפּעדיסט? ער וויל ניט פאָרן, זאָל ער ניט פאָרן און זאָל ער לאָזן אַנדערע צו רו! נאָר „קאָלומבוס” האָט זיין גוטן מוט ניט פאַרלאָרן. ער האָט פאַרווי־כערט אַ פּאַפּיראָס און שאַרף געפּסק׳נט:

— אַלע מאַכן דאָרט אַ לעבן!

— מען מאַכט דאָרט אַ לעבן! — זיינען די ווערטער געלאָפן פון מויל צו מויל ביזן שוועל פון „קאַפע”.

* *
*

אַ גאַנצן אָוונט האָט זיך דער עולם געהיצט און געקאָכט, און געמאַכט פּלענער. אַן עלטערער מאַן, וואָס האָט געהאַט דעם טיטל דאָקטער און געאַרבעט פאַרן טעריטאָריאַליסטישן געדאַנק, האָט גלייך פאַרזאַמלט אַרום זיך אַ גאַנץ געזעמל און פאַר זיי געהאַלטן אַ פייער־דיקע רעדע. אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר האָט ער געמאַכט פּלענער פאַר עטלעכע מנינים יידישע טעריטאָריעס און ווען ער איז געקומען אין דער שווערער שעה קיין מאַרסעל און אין ערגעץ קיין

וויזע ניט באַקומען, איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ מין מרה-שחורה, רחמנא-לצלן. איצט איז ער אַריינגעפאַלן אין גרויסער התפעלות און אָנגעהויבן אַריינטענה׳ן אין עולם:

— וואָס עפּעס סתם וויזעס? פאַרוואָס ניט קיין יידישע טעריטאָריע אין טראַטאַגוואַי? די פרייע, יידישע טראַטאַגוואַיער רעפּובליק! אַ שיינער נאָמען, ניין? אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן!

און ער האָט אָנגעהויבן אויספרעגן ביים אַנטדעקער פּרטים וועגן אַנטדעקטן לאַנד. דער „קאָלומבוס" האָט אים באַטראַכט מיטן באַוועגלעכן בליק פון זיינע קליינע אויגעלעך, און וועלכע מען האָט ניט געקענט דערקאָנען, צי זיי דריקן אויס שרעק אָדער שפּאָט און ער האָט געענטפערט געלאַסן אויף יעדער פראַגע:

— בערג? אַזאַ מכה אונדזערע שונאים ס׳אַרא בערג עס זיינען פאַראַן אין טראַטאַגוואַי!

— טייכן? יעדער טייך איז דאָרט אַ גאַנצער ים!

צומאָרגנס האָט זיך דער עולם אַ לאָז געטאָן אין ביוראָ פון טראַטאַגוואַיער קאָנסולאַט, לויטן אַדרעס, וואָס דער „קאָלומבוס" האָט זיי אָנגעגעבן. דאָס הויז האָט זיך געפונען אין אַן ענגן געסל פון מאַרסעלער אַלט-שטאָט, ניט ווייט פון ים. אַ זייגער ניין האָבן אַ פּאָר צענדליק שטאָם-געסט פון קאַפע-נאַאַי אָנגעפילט דאָס פּאָדער-צימער און באַטראַכט מיט גרויס אינטערעס די לאַנד-קאַרטע, וואָס האָט זיך צעשפּרייט איבער אַ האַלבער וואַנט און געמעלדעט מיט קידוש-לבנה אותיות:

## „טראַטאַגוואַי"

אַ יונגער סעקרעטאַר האָט באַלד אַריינגערופן עטלעכע באַזוכער. אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען די ערשטע אַרויסגעקומען מיט שיי-

נענדיקע פּנים׳ער און וויזעס אין קעשענע: וויזעס, וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן פון קאָנסול בכבודו ועצמו, אָן „מאַכערס״ און אָן א „מתנת יד״...

צען קליענטן זיינען באַדינט געוואָרן אין ערשטן טאָג. צומאָרגנס איז דער פּרייז פון אַ וויזע געשטיגן אויף צוויי טויזנט פראַנק. דער „קאָלומבוס״, וואָס האָט זיך ארומגעדרייט אין פּאָדער-צימער, האָט זיך פּאַרטרויט פאַרן עולם:

— אזוי ווי אין טראַטאַגוואַי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער פּרעזידענט, האָט מען דאָרט געהעכערט די פּרייזן...

דערהערט, אַז אין טראַטאַגוואַי איז פאָרגעקומען אַ רעגירונגס־קריזיס און אַ נייער פּרעזידענט איז דאָרט אויסגעקליבן געוואָרן, איז אויסגעבראָכן די אמת׳ע מהומה, וואָרים מיר ווייסן דאָך שוין וואָס עס באַדייט „ויקם מלך חדש״... די באַזוכער האָבן געוואַרט מיט קלאַפּנדיקע הערצער און באַטראַכט מיט פּיל בענקשאַפט די צע־שפּרייטע קאַרטע פון וויטן לאַנד. נאָכמיטאָג איז דער פּרייז פון די וויזעס געשטיגן אויף דריי טויזנט פראַנק.

אין יענער נאַכט איז אין קאַפע נאַאַי פאָרגעקומען אַן אמת׳ע איבערקערעניש. אַ זייגער צען איז אַריינגעקומען דער „קאָלומבוס״ און דערציילט בסוד, אַז דער טראַטאַגוואַיער ראַדיאָ האָט געמעלדעט, אַז אין לאַנד איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. דער עולם איז שוין פאַרבליבן ביז נאָך אַ האַלבער נאַכט און געוואַרט מיט אומגעדולד אויף ווייטערדיקע נייעסן. ערשט נאָענט צו פאַרטאָג איז געקומען דער אָנזאָגער און אָנגעזאָגט די בשורה:

— געלויבט השם יתברך, די רעוואָלוציע איז אונטערדריקט געוואָרן. אין טראַטאַגוואַי הערשט רו און אָרדענונג. מען וועט ווייטער געבן וויזעס. אפשר וועלן זיי קאָסטן עפּעס טייערער, אָבער מילא...

## די אַנטדעקונג פון טראַטאַגוואַי

דערווייל האָט זיך די ידיעה וועגן דער אַנטדעקטער מדינה צעשפּרייט איבער גאַנץ פראַנקרייך און פון אַלע עקן לאַנד האָבן יידן געשטראָמט קיין מאַרסעל. אין טראַטאַגוואַי גופא זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען מורא'דיקע געשעענישן: ס'איז פאָרגעקומען אַן אינפלאַציע, עס זיינען אויסגעבראָכן שטרייקן, דאַן איז דער אָקאָרשט־אויסגעוויילטער פּרעזידענט געשטאָרבן און זיין פאַרטרעטער איז דער־מאָרדעט געוואָרן דורך די אומצופרידענע מאַסן.

— עפּעס אַן עפּידעמיע אויף פּרעזידענטן אין דאָזיקן לאַנד! — האָבן די עמיגראַנטן געקרעכצט אין מאַרסעלער קאָנסולאַט און גע־צאָלט יעדן טאָג טייערער פאַר די וויזעס. זייער פּרייז איז פּאַמעלעך דערגאַנגען ביז צען טויזנט פראַנק.

די אמת'ע חתונה האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל שפּעטער: בעת דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן, אַז אין טראַטאַגוואַי איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי, וואָס האָט גע'טענה'ט, אַז די יידן וועלן דאָרט פאַרכאַפּן דעם האַנדל און די פרייע פּראָפעסיעס. אין איין ליכטיקן פרימאָרגן האָבן די קליענטן דערזען לעבן דער לאַנדקאַרטע פון קאָנסולאַט אַ געדרוקט צעטל:

„ יידן באַקומען ניט קיין וויזעס
קיין טראַטאַגוואַי "

איז מען דאָך גלייך געלאָפן צום „טראַטאַגוואַיער קאָלומבוס", ער זאָל זיך משתדל זיין ביי מלכות:

— אפשר קען מען עפּעס אויפטאָן?

— אָפּשאַפן די גזירה?

— געבן אין יד' אַריין?

„קאָלומבוס" האָט זיי באַרואיקט:

## ח. אַיאַלטי

— ראשית — האָט ער זיי דערקלערט — איז די טראַטאַגוואַיער אמונה גאָר ניט אַזאַ געפערלעכע, ס'איז אַ מין פשרה צווישן יידנטום און קריסטנטום מיט אַ קליין ביסעלע פון קאָנפוציוסעס געדאַנקען דערצו. והשנית איז געגוג זיך אַריבערצוכאַפּן צו אַ געוויסן „רעווע-רענד" פון דער דאָזיקער רעליגיע, וועלכער וווינט טאַקע אין מאַר-סעלער אַלט-שטאָט; פאַר טויזנט פראַנק שרייבט ער אויס דעם נויטיקן צעטל.

— ער רעדט נאָר טראַטאַגוואַיש? — האָט דער איבערגעשראָ-קענער עולם געפרעגט.

— וויים איך וואָס! ער רעדט אַלע שפּראַכן פון דער וועלט! אפילו יידיש פאַרשטייט ער... אַ ביסעלע נאָר... — האָט דער „קאָלומבוס" זיי אַריינגערוימט די לעצטע ווערטער אויפן אויער.

דאָ וועלן מיר איבעררייסן די געשיכטע פון די נייע געזעצן און גזירות אין טראַטאַגוואַי, וואָס איז אַן ענין פאַר לאַנגע אויספאָרשונ-גען און שטודיומס, און מיר וועלן אַריבערגיין צו די גליקלעכע, וועלכע האָבן זוכה געווען צו באַקומען די וויזעס אין די ערשטע טעג. זיי האָבן זיך גלייך אַ לאָז געטאָן אין „היצעם-האַיאַס", כדי דאָרט צו פאַרהאַנדלען מכוח שיפס-קאַרטעס און רייזע-הוצאות.

* *
*

היינט צו טאָג ווייסט איטלעכער ייד וואָס עס הייסט „האַיאַס", וואָרים אָדער ער צאָלט איר געלט, אָדער ער נעמט ביי איר געלט אויף הוצאות הדרך. אָבער אַזוי ווי עס קען זיך מאַכן, אַז אונדזערע לייע-נער פון די צוקונפטיקע דורות וועלן, בעזרת השם יתברך, מער ניט וויסן די באַדייטונג פון דאָזיקן נאָמען, וועלן מיר אים קורץ דערקלערן.

„האיאס" איז אַן אוראַלטע אינסטיטוציע, וואָס צאָלט רייזע-הוצאות פאַר אומפאַרמעגלעכע יידן. אַ סברא, אַז ווען יעקב אבינו האָט געמוזט אַנטלויפן פון זיין טייערן ברודער עשיו, האָט ער די אַפידייוויטס טאַקע באַקומען פון זיין אַסימילירטן אָנקל לבן הארמי, — וועלכער האָט געהאַט צוויי טעכטער חתונה צו מאַכן, איינע פון זיי שוין אַ מיידל אין די יאָרן — אָבער וואָס שייך די הוצאות־הדרך, האָט ער געמוזט אָנקומען צום „האיאס".

און אַ פינף הונדערט יאָר שפּעטער, ווען די יידן זיינען אַרויס פון מצרים, האָט זיי דער „האיאס" צוגעזאָגט שיפס-קאַרטן איבערן רויטן ים. אָבער ווען די יידן זיינען דערגאַנגען צום ברעג וואַסער, איז געקומען אַ „קייבל" פון ניו-יאָרק, אַדרעסירט צו משה רבנו פּערזענלעך, אַז אַזוי ווי דער „פּאַראייניקטער קאַמפּיין" איז אויסגעפאַלן זייער מאָגער, וועט דער „האיאס" ניט האָבן קיין געלט אויף צו דינגען שיפן. דער עולם יידן מיט קינד און קייט, און מיט פּעקלעך מצות אויף די פּלייצעס איז שטיין געבליבן אין אַ גרויסער שרעק — הינטער זיי איז אָנגעלאָפן פּרעה מיט זיינע רייטוועגנער און פון פאָרנט האָט זיך געעפנט דער ים — טאַקע פּונקט ווי די יידן אין מאַרסעל. משה רבנו האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס ווילן די אַמעריקאַנער „דזשודאיסטן" אים אָפּטאָן אַ שפּיצל און אים שטערן אין זיינע ציוניסטישע פּלענער פון אַ יידישער מאַסן-עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן גרימצאָרן און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט זיין שטעקן איבערן ים מיט אַזאַ גבורה, אַז דער ים האָט זיך געשפּאָלטן און די יידן זיינען אַדורך אין דער טריקעניש.

אָבער דאָס אַלץ געהערט צו דער געשיכטע. ווען אונדזערע טראַטאַגוואַיער עמיגראַנטן זיינען אָנגעקומען אַפן „האיאס" פון מאַרסעל, האָט מען זיי לכתחילה אויסגעלאַכט:

### ח. אַיאַלטי

— וואוהין ווילט איר פאָרן? קיין טראַנסוואַל? ניטאָ אַזאַ מדינה אויף דער וועלט!

— נאַ דיר אַ חתונה! — זיינען די טראַנסוואַלער געוואָרן אויסער זיך — די מדינות, וואָס זיינען ביי זיי פאַראַן, גיבן ניט קיין וויזעס, און טאָמער גיט שוין איינע פון זיי אַ וויזע, איז גאָר אַזאַ מדינה ניט בנמצא... ניין, עס קען ניט זיין!

און זיי האָבן אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע און פאַרלאַנגט אַן אוידיענץ ביי דעם אויבער־דירעקטאָר.

דער דירעקטאָר, ד״ר וויזעמען, האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע אין זיין אָפּגעשלאָסענעם צימערל, וואָס אַפן דריטן שטאָק. ער איז געווען אַ בלייכער, עטוואָס געבויגענער מאַן און האָט געהאַלטן אין איין ארומשפּאַנען איבער זיין חדר מיוחד, ווי ער וואָלט געוואָלט באַווייזן אַ ביישפּיל פון זיין אייגענער פּערזאָן, אַז מענטשן באַדאַרפן שטענדיק וואַנדערן. זינט פערציק יאָר האָט ער זיך פאַרנומען מיט יידישע עמיגראַציעס: געשיקט פּוילישע יידן קיין רוסלאַנד, רוסישע קיין דייטשלאַנד, פּוילישע, רוסישע און דייטשישע — קיין פראַנקרייך און פון דאָרט — קיין שאַנכיי, אויסטראַליע און באָליוויע. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט זינט פינף און צוואַנציק יאָר געאַרבעט אויף אַ לעבנס־ווערק — אַ מין ריזן־פּלאַן פון יידישער עמיגראַציע אין די נאָענטסטע 500 יאָר, אין וועלכן ער האָט אויסגערעכנט די רייזע־הוצאות אין פאַרשיידענע דיוויזן און אַלץ אומגערעכנט אין דאָלאַרן מיט אַ פּינקטלעכקייט ביז אַ סענט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ געלערנטער האָט ניט געוווּסט גענוי, וואָס עס טוט זיך אויף אונדזער זינדיקן וועלטל: אַ מענטש האָט אין זיינע אויגן פאַרגעשטעלט אַ סומע פון וויזעס און רייזע־קאַסטן. ווען ער האָט דערהערט פון דעם שעף פון דער טראַנסוואַלער דע־

לעגאַציע, ווען וואָס עס האַנדלט זיך, איז ער לכתחילה נשתומם געוואָרן, וואָרעם זייער לאַנד האָט ניט פיגורירט אין זיין ווערק וועגן יידישער עמיגראַציע אין די נאָענטסטע 500 יאָר. שטאַרק אינטרי-גירט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— פאַראַן דען אַזאַ לאַנד אויף דער וועלט?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? אָט זיינען דאָך די וויזעס! — האָבן די טראַטאַגוואַיער געענטפערט קול אחד.

דער אַרגומענט האָט געווירקט. נאָכדעם ווי דער דירעקטאָר האָט באַטראַכט די וויזעס, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז טראַטאַגוואַי עקזיסטירט באמת. ער האָט גלייך באַפוילן זיינע אונטער-דירעקטאָרן, זיי זאָלן באַזאָרגן די פּאַסאַזשירן מיט טראַנזיט-וויזעס און שיפס-קאַרטן. ער גופא האָט זיך אוועקגעזעצט נעבן זיין שרייב-טיש און זיך גענומען פיבערהאַפט קאָרעגירן זיין לעבנס-ווערק, אין וועלכן ס'איז צוגעקומען אַ ניי לאַנד.

אַזוי אַרום איז אויך די שוועריקייט פון די רייזע-הוצאות גע-לייזט געוואָרן. אָבער דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות מיט די טראַנזיט-וויזעס. די קאָנסולן פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל האָבן בשום אופן ניט געוואָלט געבן קיין דורכרייזע-וויזעס דורך זייערע מדינות:

— טראַטאַגוואַי עקזיסטירט ניט! — האָבן זיי גע'טענה'ט.

„אַז מען זאָגט אַנטיסעמיטן, איז דאָך ניט שייך!" — האָבן די פּאַטריאָטן פון טראַטאַגוואַי געטרייסט איינער דעם צווייטן און זיך געהאַלטן ביי דאָס זייעריקע.

אונדזער עולם איז געבליבן זיצן אין מאַרסעל. אָבער וואָס שפּילט עס דען פאַר אַ ראָליע? דער קאָנסולאַט אַרבעט ווי פריער נאָר די וויזעס זיינען ביליקער געוואָרן — איר באַקומט היינט אַ ווי-

זע קיין טראַטאַגוואַי פאַר טויזנט און אַפילו פאַר פינף הונדערט פראַנק.

וואָס שייך די טראַטאַגוואַיער טעריטאָריאַליסטן, איז זייער באַוועגונג שטאַרק געוואַקסן פאַר דער צייט. ווען ניט דאָס פעלן פון פאַפיר, וואָלטן זיי שוין זיכער ארויסגעגעבן אַן אייגענע צייט־שריפט. דערווייל פּאָלעמיזירט מען ביי אַ גלעזל וואַסערדיקער קאַווע אין „קאַפע נאָאַי". באַזונדערס איבערציייגנדיק זיינען זייערע אַרגומענטן קעגן די ציוניסטן:

— גיב אַ קוק — זאָגן זיי — וויפל גוטע מעלות טראַטאַגוואַי האָט לגבי פּאַלעסטינע: אין ארץ ישראל איז פאַראַן אַן אַראַבער פראַגע און אין טראַטאַגוואַי קענט איר זוכן אַן אַראַבער אויף אַ רפואה; אין פּאַלעסטינע האָבן די ענגלענדער די גאַנצע דעה, און אין טראַטאַגוואַי הערט מען דעם ענגלענדער ווי דעם קאָטער... אַפילו מאַלאַריע איז אין טראַטאַגוואַי ניט בנמצא.

מיר וועלן זיך ניט אַריינלאָזן אין פלאָנטער פון די דאָזיקע פּאָליטישע פּראָבלעמען. ביים סוף ווילן מיר נאָר באַמערקן, אַז טראַטאַגוואַי האָט שוין איר אייגענע ליטעראַטור און איינער אַ יונגער פּאָעט האָט פאַרפאַסט דעם הימן פון דער באַוועגונג, וועלכער הויבט זיך אָן בזה הלשון:

פּאָרט אַ ייד קיין אורוגוואַי,
אַ צווייטער ייד — קיין פּאַראַגוואַי.
פון פּאַראַגוואַי און אורוגוואַי
פּאָרן ביידע קיין טראַטאַגוואַי — — — —

מאָנטאָבאַן (פראַנקרייך), 1941.

# צו א ברעג

# צו אַ ברעג

אַלאַנגע ווײַלע האָבן זיי זיך געשלייכט דורך טונקעלע גענג און קאָרידאָרן. זיי האָבן זיך געשאַרט פּאָרזיכטיק. אויף שריט און טריט זײַנען געלעגן אויסגעצויגן מענטשן, צוזאַמענגעפּרעסט ווי די הערינג — מענער, ווײַבער, קינדער. אַן עלטערער ייד איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אויף די טרעפּ, די באָרד פּאַריסן צום הימל און טיף געכראָפּעט. אין אַ שאָטנדיקן ווינקל האָט זיך געקושט אַ יונג, צוזאַמענגעדריקט פּאָרל. אין אַ ווײַטער קאַבינע האָט געוויינט אַ קינד.

צוערשט האָט געשפּאַנט אַן עלטערער, ברייט־פּלייציקער מאַן. אויפן אונטערשטן דעק האָט ער זיך אַרומגעקוקט און אויפמערקזאַם פּאַרוואָרפן אַ שטריק. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הינטער־אַנאַנדער און זײַנען אַ ווײַלע געבליבן הענגען אין דער לופטן. די שיף האָט זיך געוואַקלט הין און הער. האַרט אונטער די פיס האָט זיך געשוואַרצט דער ים.

— פּאַמעלעך, בערק... געלאַסן... — האָט געזאָגט דער אונטערשטער.

## ח. אַיאַלטי

— יאָ...

— און האַלט זיך נעבן מיר!

— יאָ, טאַטע.

— נו, גוט!... גאָט וועט — — —

ער איז אַראָפּגעשפּרונגען. דאָס וואַסער האָט אַ פּליוך געטאָן. דער קערפּער האָט זיך אונטערגעטונקט און באַלד האָט אַ ווייסער קאָפּ אַרויסגעשטאַרצט פון אויבן. אַ צווייטער שפּרונג. די כוואַליעס, וואָס האָבן געקלאַפּט אָן דעק, האָבן פאַרשלונגען דעם גערויש. ניט ווייט האָט זיך ווי אַ ריזיקער שאָטן געוואַקלט אַ קריגס־שיף: מיט געשטאַפּלטע טורעמס, פאַרצווייגטע לייטערס און צעעפנטע מיילער פון קאַנאָנען. פאַרבאָרגן צווישן די אויסגעלאָשענע בערג האָט גע־לויערט אַ פּראָזשעקטאָר: אַרויסגעקוקט מיט אַ לייכטנדיקן אויג, באַטראַכט דעם ים אַרום און אַרום, געזוכט...

זיי האָבן זיך דערווייטערט פון דער שיף. דער פאָדערשטער האָט אַ ווײַלע צוגעוואַרט.

— שווער, טאַטע?

דער עלטערער האָט ניט געענטפערט. דער זון האָט איבערגע־חזרט מיט אַ פאַרסאָפּעטן קול:

— ווי... דו... וועסט האָבן כוח?

— דאגה ניט פאַר מיר!... כ'האָב שוין — — —

זיי האָבן זיך געהאַלטן נאָענט, ווי מורא געהאַט זיך צו פאַר־לירן אין דער פינצטערניש. וויפל יאָר האָבן זיי זיך אַזוי געהאַלטן צוזאַמען איבער אַ צעבושעוועטן ים? אין די זומפּיקע „מולעס", וואו מען האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין פויערישע שטאַל'; אין די וועל־דער צווישן ליטע און רוסלאַנד, וואו מען האָט געלעבט ווי די חיות, אין די נאָרעס... און דאַן: דער לאַנגער מאַרשרוט דורך דער

צעשטערטער אייראָפּע: צווישן חורבות, דורך אַ תוהו ובוהו פון פּליטים און סאָלדאַטן, הונגער און הולטאַיסטווע, איבער גרענעצן, צווישן פרעמדע פעלקער און פרעמדע שפּראַכן — — — —

„ניש'קשה, שמואל דעם פישער איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו שווימען, דורך קעלטערע וואַסערן!" — האָט דער אַלטער געקלערט וועגן זיך. — „ניט איינמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז מ'וועט פאַרפּאַסטן מיט לעבן... זיך דערוואָרעמט מיט אַ גוטן שנאַפּס און ווייטער צו דער אַרבעט — — —"

די געדאַנקען און בילדער זיינען אויפגעשוואומען און שנעל צעפלאָסן, ווי צעריסן דורך דער אָנשטרענגונג פון אַלע גלידער. אַנטקעגן האָט זיך געהויבן די שטאָט: אַ פיל-גאָרנדיקע, איבער אַ באַרגארויף. זי איז אים פאַרגעקומען פרעמד און אומבאַקאַנט. נאָר בערקע איז שוין פונדערווייטנס דאָרט געווען היימיש. גלייך דעם ערשטן טאָג האָט ער אים אָנגעוויזן: — חיפה!.... און דער באַרג? — כרמל-וויין... יאָ, דער כרמל!...

איבער די הויכע שיפּועים האָבן זיך צוגעוואונקען ליכטער פון הייזער און גאַסן. אַ בלאַנדזשענדיקע שיין פון אַן אויטאָ האָט זיך געדרייט איבער די זיג-זאַגן פון שפּיץ.

זיי זיינען ניט געשוואומען אַהינצו. אויפן ברעג האָט געוואַכט די פּאָליציי: פּאָליציסקע ווי אַלע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געלויערט אין די לעצטע אַכט יאָר: פּוילישע, דייטשע, אוקראַינער, ליטווינער... שוואַרציאָרן... און איצט: דער ענגלענדער!...

פאַרנאַכט האָט בערקע אויסגעקוקט די געגנט, אויסגעפרעגט זיך. מיט איינעם אַן ארץ-ישראלדיקן, וואָס האָט אַרויפגעבראַכט עסן, האָט ער אויך גערעדט. וואָרעם ער קען אפילו לשון-קודש, בערקע, נאָך פון פאַר דער מלחמה, ווען ער איז אַרומגעלאָפן מיט די חברה-חלוצים

מיט די קורצע הויזן. לינקס, האָבן זיי געזאָגט, ליגט אַ יידישער דאָרף. אַן אַראַבישער אויך ניט ווייט. אַ גוי׳אישער, הייסט עס...

אַהין זיינען זיי געשוואומען. ניט אַזוי האָט ער זיך עס פאָרגע־שטעלט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער עלטערער זיינער, יש־ראליק, וועט קומען מקבל פנים זיין דעם טאַטן, וועט אים אָפּוואַרטן ביי דער שיף. ער איז שוין דאָרט לאַנג, ישראליק. בעת דער מלחמה איז ער געווען אַן ארץ־ישראלדיקער סאָלדאַט, מיט אַ מגן־דוד אויפן אַרבל, ווי ביי יענע וואָס פלעגן אַריינקומען אין די „לאַגערן", פלעגן דרש׳נען פאַר דער יונגוואַרג און העלפן אַריבער די גרענעצן. אפשר וועט ער גאָר אַראָפּקומען מיט אַ קאַפּעליע מוזיק... די קאַפּעליע פון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע, אַ שטייגער... מ׳וועט שפּילן אַ פריילעכס. ישראליק וועט פרעגן:

— און וואו איז די מאַמע?

— און וואו זיינען חנה׳טשע מיט די קינדער?

זיי וועלן אַלע דריי וויינען. דער אָרקעסטער וועט אַלץ שפּילן אַ פריילעכס.

באַהאַלטענערהייט האָט ער זיך עס פאָרגעשטעלט בעת דעם לאַנגן וואַנדער־וועג איבער דעם גרויסן היקדש־אייראָפּע. און אָט האָט זיך עס גאָר אַנדערש אויסגעלאָזט: זיך אַראָפּגע׳גנב׳עט אי־בער אַ שטריק, ווי גזלנים פון אַ תפיסה, און מען שווימט נאַקעטער־הייט: ער, רב שמואל דער פישער, אין אַ פּאָר אַלטע תחתונים, וואָס דער שטויב פון אַ צענדליק לענדער האָט זיך אין זיי איינגעגעסן, און בערקע — אין אַן אַמעריקאַנער באָד־אָנצוג, וואָס עפּעס אַ יידישער קאָמיטעט אין ווין האָט אים דורך אַ צופאַל געשענקט...

מיטאַמאָל האָט רב שמואל דערפילט, אַז קיינער שווימט ניט נעבן אים. ער האָט זיך אומגעדרייט און געזוכט איבערן וואַסער. ווייטלעך,

הינטער אים האָט זיך עמעצער באַוועגט. בערקע איז געבליבן הינ-טערשטעליק!... אַ קעלט האָט אים אַדורכגענומען די ביינער. אַ קינד — און טאַמער האַלט ער ניט אויס? דאָס איינציקע שטיקל קינד, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון דאָרטן. חנה'טשען מיט די קינדער האָבן זיי פאַרברענט, די אַלטע איז געשטאָרבן אויפן וועג צום לאַגער, אין אַ גראָבן ביים וועג... ניין, ניט געטאָרט: טאָמער פּאַסירט עפּעס מיטן קינד, וועט ער, דער טאַטע, זיין שולדיק. דאָס האָט ער צוגעטראַכט דעם פּלאַן — — —

ווען די ענגלישע שיף האָט זיי אַריינבאַגלייט אין די וואַסערן פון לאַנד, האָבן זיי געמיינט, אַז אין אַ פּאָר טעג וועט מען אַראָפּ. אָבער באַלד האָבן זיך פאַרשפּרייט ידיעות, אַז מ'וועט ניט אַראָפּ-לאָזן. דער עולם איז אַרומגעלאָפן אויפגערעגט:

— מ'וועט שיקן צוריק?

— קיין דייטשלאַנד?

צומאָרגנס האָט רב שמואל אויפגעכאַפּט אַ ניי וואָרט: „צי-פּערן". דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך באַמיט אָפּצופרישן זיין אַלטן אוצר פון לשון-קודש'דיקע ווערטער. ער האָט אַ פרעג געטאָן בער-קען:

— „ציפּער" איז דאָך אַ פויגל, אמת?

— ניין, ציפּור איז אַ פויגל — האָט יענער אַרויסגערעדט אויף „עברית" — ציפּערן איז אַן אינדזל, וואוהין זיי ווילן אונדז פאַרשיקן.

— פאַרוואָס?

— אין אַ קאָנצענטראַציע-לאַגער...

דער טאַטע האָט מער ניט געפרעגט: וויבאַלד קאָנצענטראַציע-לאַגער, איז דאָך ניט שייך! אויף קאָנצענטראַציע-לאַגער פרעגט מען ניט קיין קשיות... דערווייל האָבן די „גוטע בשורות" זיך

נאָכגעיאָגט, פאַרמערט און פאַרפּלאָנטערט: אַרעסטירט די אַגענץ — — — חרוב געמאַכט דערפער — — — אַרומגערינגלט שטעט — — — רב שמואל האָט כמעט ניט געהערט, איז געווען פאַרטאָן אין דאָס זייניקע: באַטראַכט דעם ברעג, אויסגעפּרעגט, געזוכט אַ שטריק. ערשט אויפן צווייטן אָוונט, ווען דער עולם האָט זיך אָפּ־געזאָגט פון עסן, האָט ער זיך דערוואוסט פון בערקעם מויל וועגן באַ־שלוס:

— אַ הונגער שטרייק!

— אַ תענית, הייסט עס? — האָט דער אַלטער עס פאַר־טייטשט פאַר זיך.

פלינק, פון קיינעם ניט באַמערקט, האָט ער אַראָפּגעלקחנט אַ בי־סל שפּייז פון אַ שיסל, וואָס קיינער האָט זיך צו איר ניט צוגערירט. באַנאַכט, אין זייער ווינקל, האָט ער אונטערגערוקט בערקען אַ שטיק ברויט:

— עס!

— אָבער מאַטע?... גאָט איז מיט דיר!

— עס, זאָג איך דיר! — האָט דער אַלטער אַרויסגערעדט מיט אַ פולן מויל — דאַרפסט זאַמלען כוחות.

ער אַליין האָט שטיל און לאַנג געקייט. ער איז זיך פאַרגעקומען ווי אַ ייד, וואָס שטייט אום יום־כיפור צו נעילה צווישן דער הייליקער עדה אין בית־המדרש און קייט בגנבה אונטערן טלית. די שטיקער זיינען שטיין געבליבן אין האַלדז. ער האָט זיי מיט געוואַלד אַראָפּגע־שלונגען. בערקע האָט ניט געוואָלט טועם זיין.

און איצט זיינען אים אַוודאי אויסגעגאַנגען די כוחות. רב שמואל האָט באַמערקט, אַז זיין זון ראַנגלט זיך קוים מיט די כוואַ־ליעס. זיין שרעק איז געוואַקסן: אויף זיין קאָפּ וועט עס פאַלן!...

ער האָט צוגעטראַכט דעם פּלאַן, ווי דעמאָלט, בעת זיי זיינען אַנט־לאָפן פון געטאָ־צוג אין וואַלד. דעמאָלט איז עס געלונגען. דעמאָלט איז אויך ניט געווען וואָס צו פאַרלירן. אָבער איצט? ביים ברעג? ביים סאַמע ברעג?

ער איז געשוואומען דעם זון אַנטקעגן. באַלד זיינען זיי געווען נאָענט. בערקע האָט זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ. זיין גוף האָט געצויגן אַראָפּצו, צום אָפּגרונט. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע כו־חות:

— שווים צום ברעג! וואַרט ניט, טאַטע!...

דער טאַטע האָט זיך דערנענטערט און אים אָנגעכאַפּט אונטערן אָרעם. דער רוף האָט אים אויפגעשווידערט. ס׳איז געווען ווי אַ בת־קול פון זיין אומגעקומענער טאָכטער. זי האָט דעמאָלט ניט געקענט אַנטלויפן צוזאַמען מיט זיי, צוליב די צוויי קליינע קינדערלעך ביים פּאַרטוך און דעם עופה׳לע אויף דער האַנט. זי האָט געפּליסטערט:

— אַנטלויף, טאַטע, ראַטעווע זיך!... און דו, בערקע, אויך!

בערקע האָט שווער געאָטעמט. דער טאַטע האָט זיך איצט גע־פילט זיכערער און קרעפטיקער: ניש׳קשה, שמואל דער פישער ט׳זיך שוין אַן עצה געגעבן — האָט ער זיך צוגעגעבן מוט. — אויס־געוואַקסן אויף די טייכן... ווען דאָס וואַסער וואָלט נאָר ניט גע־ווען אַזוי געזאַלצן!...

— איצט לאָז מיר, טאַטע! כ׳וועל אַליין...

— אָבער לאַנגזאַם... האָט־אַזוי... האַלט זיך נעבן מיר... אָט־באַלד, אָט איז שוין דער ברעג...

ער האָט זיך אַראָפּגעטונקט און איז צוריק אַרויפגעשוואומען. איין מאָל און באַלד נאָך אַמאָל. בערקע האָט זיך געראַנגלט מיט די

לעצטע כוחות. שמואל האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט און איז דאָס מאָל שטיין געבליבן אויף די פיס, ביזן האַלדז אין וואַסער:

— גרונט, בערקעלע... גרונט! אהערצו, בערטשיקל!... אָ, מיר זיינען געראַטעוועט!

ער האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן אָרים און אַ ציִ געטאָן צו זיך:

— פאָרזיכטיק... עס קענען זיין גריבער.

זיי האָבן געשפּאַנט נעבנאַנאַנדער, טאַפּנדיק פאָרויס מיט די פיס. באַלד זיינען זיי געשטאַנען אויף אַ נאַקעטן, זאַמדיקן ברעג. בערקע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. דער טאַטע האָט זיך איינגעבויגן איבער אים:

— נו?

— נאָר אַ ווייַלינקע אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— דו זעסט? אָט זיינען מיר דאָ!

ביי זיך האָט דער אַלטער אָפּגעמאַכט, אַז די היינטיקע „צוציקעס" זיינען דאָך ניט דאָס, וואָס אַמאָל: ער, אין זיינע יונגע יאָרן, פלעגט אַרונטערזופּן אַ קוואַרטירל בראָנפן מיט איין ציִ און פלעגט זיך ניט פאַרקרימען. פון זיין ווייסער באָרד האָט געטריפט דאָס געזאַלצענע ים-וואַסער. די אויסגעווייקטע תחתונים האָבן זיך אָפּנים אויך גוט דורכגעוואַשן — ס'איז פון זיי אַראָפּגערונען די שמוץ פון די אַלע איראָפּעישע לענדער, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט אַדורכגעוואַנדערט.

ערשט ווען בערקע האָט זיך אויפגעהויבן און זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט וואוהין צו גיין, האָט זיך דער אַלטער אַ ביסל פאַרלאָרן:

— וואוהין גייט מען איצט?

— אין וועלכן פענסטער קלאַפּט מען אָן?

— ווער מען אַריינלאָזן?

זיי האָבן לאַנג באַטראַכט די געגנט. ווייט, איבערן וואַסער האָבן זיך געהוידעט די ליכטער פון דער שיף; די פייערלעך פון דער שטאָט האָבן געקלעטערט באַרג-אַרויף, פון פּאָרט צום הר הכרמל. אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג האָט אַ פלעמל געמיגניעט צווישן פעלדער. אַהין האָבן זיי זיך געלאָזט.

ווידער האָבן זיי געבלאָנדזשעט איבער פעלדער און שטעגן. אין דער געדיכטעניש זייַנען אויפגעטויכט די נעכט אין די זומפּיקע „מולעס", אין אַ סטויג־היי אויף אַ פרעמדן פעלד, אין אַ נאָרע פון אַ פאַרשנייטן וואַלד. ווען זיי האָבן זיך דעמאָלט אַדורכגעגליטשט צווישן די וועכטער פון שחיטה-צוג, האָט דער אַלטער גלייך באַשלאָסן צו גיין אין די „מולעס". ס'איז געווען דער זיכערסטער אָרט: איינציקע פויערשע באַטקעס צווישן זומפּן און וועלדער. דער טייוול גופא האָט דאָרט ניט געקענט טרעפן. בייטאָג האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין גריבער און צווישן געדיכטע קוסטעס, ביינאַכט — זיך געשאַרט ווי די שאָטנס. אויפן פערטן אָוונט זייַנען זיי אָנגעקומען. רב שמואל האָט שטיל אָנגעקלאַפּט ביי דער „ווייסער היטל" אין פענסטער.

— קטאָ טאַם?

— איך, שמואל דער ריבניק.

— ווער? שמואלקאָ?

דער שאָטן אין פענסטער איז צוריקגעטרעטן אַ דערשראָקענער און זיך איבערגעצלמט, ווי ער וואָלט דערזען אַ געשפּענסט. ערשט אַ ווילע שפּעטער איז ער געקומען צו זיך:

— דו לעבסט? — מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט אייך אַלעמען...

— עפן!

— ביסט אַליין?

— מיט מיין זון, מיט בערקאָ'ן.

— וואַרט א ווײַלע!

מען האָט אים געקאָנט אין דער גאַנצער געגנט פאַר א ווייסל פון אויג. אַפילו זיין ווייסע פּאַפּאַכע, וואָס נאָך איר האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן, האָט ער ערגעץ־וואו צוגע'לאַקח'נט אָדער גאָר אַראָפּגעשלעפּט פון אַ טויטן קאָזאַק, בעת דער ערשטער מלחמה. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס אין שטעטל איז פאָרגעקומען, שוין באַוויזן אַפילו זיך דאָרט אַראָפּצוכאַפּן און איז צוריקגעקומען מיט זעק „שיריים” פון יידישע הייזער, וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט פאַרן פוילישן ערב־רב.

אָבער פאַר רב שמואל'ן איז ער געווען דאָס לעבן. שמואלקאָ דער פישער האָט אים צוויי מאָל דאָס לעבן געראַטעוועט: איין מאָל, ווען זיין פאַרלאַטעטע לאָדקע האָט זיך געעפנט אין מיטן טייך און א צווייט מאָל — ווען דער פריץ האָט אויף אים אָנגערייצט די הינט, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט א נעץ אויפן הויפישן סטאַוו. ער איז שיעור ניט אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. רב שמואל האָט אים אַרויפגענומען אויף זיין פור, געבראַכט אַ דאָקטאָר, געשיקט פון זיין קעשענע נאָך מעדיצין...

אַ וואָך צייט זיינען זיי דאָרט אָפּגעלעגן. באַנאַכט האָט ער זיי געבראַכט וואַסער מיט א שטיקל ברויט, האָט אָנגעשאָטן פרישן היי, כדי עס זאָל זיי זיין ווארעם און קיין פרעמד אויג זאָל זיי ניט דער־זען. אָבער די דייטשן זיינען געווען ערגער פאַרן טייוול: זיי האָבן אויך אַהין פאַרשמעקט, און איין מאָל איז די „ווייסע היטל” געקומען און זיי איבערגעבעטן:

„ער קען ניט מער. דאָס האַרץ טוט אים ווי אָבער... אין

אַ שכנות'דיקן דאָרף האָבן זיי אַ גאַנצע פֿאַמיליע אויפֿגעהאַנגען, ווייל מען האָט געפֿונען אײן ייִדן אין שטאַל..."

עטלעכע יאָר האָבן זיי געלעבט אין די נאָרעס, ווי די חיות, זיך אויסבאַהאַלטן אין קוסטעס, ביי די זומפּן, געוואַנדערט אין די וועלדער. באַנאַכט פֿלעגט מען אַרויסקריכן גנבֿ'נען קאַרטאָפֿל אין אַ פֿעלד. מען האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַ שאָרך, מורא געהאַט אָנצוקלאַפּן אין אַ פֿענסטער, בעטן אַ שטיקל ברויט, טאָמער לויערט דאָרט דער שונא אָדער אַזאַ איינער וואָס וועט אַרויסגעבן.

אויפֿן לאַנגן וועג איז רב שמואל געקומען צו זיך. די לאַנגע מאַרשרוטן איבער גרענעצן און לענדער, די האַרטע געלעגערס אין די אַכסניות און די ענגשאַפֿט אויף דער שיף האָבן אים ניט געאַרט. ניש'קשה, ער וועט נאָך ווידער אַמאָל ווערן אַ פֿישער, ער און זיינע צוויי בנים. מע'ט נאָך דערלעבן אייניקלעך. אין ארץ־ישׂראל זיינען זיכער פֿאַראַן גאָר וואַזשנע פֿישעלעך.

איצט איז ער ווידער געוואָרן אַפּהענטיק. די פֿרעמדקייט האָט אים אַנטמוטיקט, אָנגעפֿילט מיט אַ גרויסער שרעק. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אַ דערפֿל און זיינען אַריין אין אַ גאַס. קליינע הייזקעס מיט גערטנדלעך אין הויף. דער אַלטער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט חשד:

— וואו קלאַפּט מען אָן?

— אַלצאיינס... דאָ אָדער דאָרטן...

— מיינסטו, אַז דאָ וואוינען ייִדן?

— דאַכט זיך, אַז יאָ...

דאָס מאָל האָט בערקע אָנגעקלאַפּט אין אַ פֿענסטער. ער האָט זיך דאָ געפֿילט מער מחותן, זיכערער. אינעווייניק האָט אַ יונג קול'כל עפּעס גערופֿן. אַ הונט האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ געביל צו די

שטאַכעטן. באַלד האָט אַ שיין געטאָן ליכט אין די פענסטער. אַ מאַן האָט האַלב געעפנט די טיר און איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל, שפּילענדיק אַ פאַרוואָרפן רעקל איבער זיין פּידזשאַמע:

— מי זה?

— אנחנו... אניה... ים... — האָט בערקע אַ שטאַמל געטאָן, פאַרגעסנדיק צוליב דער אויפרעגונג זיין „עברית”.

דער אומבאַקאַנטער האָט ניט פאַרשטאַנען:

— מה? ווער זיינט איר?

— יידן! יידן!... אחינו בני ישראל — האָט אויך רב שמואל גערעדט האַלב יידיש, האַלב לשון קודש.

די אויגן פון אומבאַקאַנטן האָבן זיך דערווייַלע צוגעוואוינט צו דער פינסטערניש. ער האָט באַמערקט זייער הילוך. פּלוצלונג האָט ער תופס געווען די ווערטער פון האַלב־נאַקעטן בחורל:

— אָ?... קומט, קומט אַריין! — האָט ער אייליק אַ שפּרייז געטאָן און געעפנט אַ פאָרטקע צום הויף.

אַ דיקער, קודלאַטער הונט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיי מיט אַ געביל. דער בעל־הבית האָט אים אָפּגעטריבן. פון שטוב איז אַרויסגעלאָפן אַ יינגל און אַ כאַפּ געטאָן דעם הונט ביים האַלדז:

— הס, געהרינג! געהרינג, שוויג!

— דו, עוזי, גיי שלאָפן! — האָט דער פאָטער אַ רעד געטאָן שטרענג צום יינגל.

— באַלד, טאַטע, כ׳וועל נאָר צובינדן „געהרינגן” אויף דער קייט.

אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל האָט דער גאַסט־געבער אַ שמייכל געטאָן צו בערקען:

— געהרינג זהו הכלב... שמו געהרינג.

רב שמואל האָט די גאַנצע צייט אָנגעשפּיצט די אויערן. איצט האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוודאי איז געהרינג אַ כלב! אַ כלב שבכלבים!

— ניין, מיר ריידן וועגן הונט. זיי האָבן אים אַזוי אַ נאָמען געגעבן.

— דעם הונט? אַ צער בעלי-חיים, אויף מיין וואָרט — — —

— נאָך פאַר דער מלחמה! — האָט דער יונגערמאַן זיך אַנטשול-דיקט — און טאַקע אַ שאָד! — דווקא אַ וואוילער הונט, אַ געטרייער..

ער האָט געעפנט אַ טיר צו אַן אינעווייניקסטן צימער און עפּעס אַריינגערעדט אויף גיך. פון אינעווייניק האָט געענטפערט אַ פרויען-שטימע. באַלד האָט אַ יונג ווייבל זיך באַוויזן אויפן שוועל. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די אורחים און אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— אהרון, פאַרוואָס שטייען זיי ביי דער טיר?... מען דאַרף זיי געבן עפּעס צום עסן... כ'וועל גיין זען...

— מען דאַרף ניט... מען דאַרף ניט — האָט בערקע אַ מורמל געטאָן.

— איר זיינט אַזוי אַריבערגעשוואָומען? — האָט די פרוי זיך אומגעדרייט צום אַלטן.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— כ'וועל גיין זען אַ פּאָר מלבושים — און איר קול זיינען געשטאַנען טרערן — אפשר ווילן זיי מאַכן אַ דוש, אהרון?

זיי זיינען אַלע געשטאַנען ביים שוועל, ווי מורא געהאַט שמור-ציק צו מאַכן די ריינע פּאָדלאָגע. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ געררוי-מען צימער מיט העל-געקאַלכטע ווענט און אַליין-געפאַרבטע מעבל פון ווייסן האָלץ. עטלעכע ביכער האָבן אַראָפּגעקוקט פון אַ שטייענ-דיקער פּאָליצקע. עוזי איז אונטערגעשפּרונגען און צוגעגעבן מוט:

— קומט אין מקלחת! קומט!

דער גאַסט-געבער, אהרון, האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט ניט קיין היים וואַסער: מען קען אָנשטעלן דעם פּרימוס, אָבער עס וועט פאַרנעמען צופיל צייט. רב שמואל האָט אַלץ באַטראַכט מיט דערשטוינונג, ווי אין אַ הינער-פּלעט: די מידלענדיקע זייף, די וויי-סע האַנטוכער, די וועש און מלבושים, וואָס די יונגע פרוי האָט אריינגעשיקט דורך עוזי׳ן. אין עס-צימער האָט געוואַרט אַ געדעקטער טיש: וואַרימע מילך, פּוטער, חלה, קעז. די יונגע פרוי איז געשטאַ-נען איבער זיי און צוגערעדט מיט אַ ציטערנדיקער שטימע:

— עסט, שעמט זיך ניט!

— שמירט פּוטער אויפן ברויט.

ביי רב שמואלן האָט געציטערט דער קין. ער האָט קוים צוגע-טראָגן די גלאָז צום מויל. די מילך האָט אָנגעפילט אַלע גלידער מיט אַ וואַרימקייט. זיינע אויגן האָבן געפינטלט אַנטקעגן ליכט. בערקע האָט אויסגעזען אינגאַנצן פאַרענדערט: אין קורצע בלויע הייזלעך און אַ ווייסער, אָפענער בלוזע. ער האָט זיך עפּעס מיישב געווען מיט די בעלי-בתים און דאַן אים אַ פרעג געטאָן:

— ווילסט נאָך געקענט מאַכן אַ שטיקל שפּאַציר?

— וואוהין? — האָט זיך דער אַלטער דערשראָקן, ווי מען וואָלט אים געוואָלט פאַרטרייבן פון גן-עדן.

— אין אַ צווייטן דאָרף. דאָ קענען „זיי” נאָך קומען זוכן. ס׳איז ביים ברעג ים...

— ער וועט מיטגיין? — האָט דער אַלטער געוויזן אויף אהרון׳עז.

— יאָ.

— איך וועל אויך מיטגיין! — האָט עוזי זיך אַ כאַפּ געטאָן.

## צו אַ ברעג

— דו וועסט גיין שלאָפן!

— נעם מיך מיט, טאַטע! איך מיט „געהרינגן" וועלן אויס־קוקן דעם וועג...

אין הויף האָט דער אָפּגעבונדענער הונט באַשנאַפּט די פיס פון די פרעמדע און דערשמעקנדיק דעם ריח פון די קליידער, האָט ער אָנגעהויבן ווידלען פריינטלעך מיטן קודלאַטן עק. ער מיט עוזי'ן זיינען געגאַנגען פאָרויס. ווידער האָבן זיי געשפּאַנט דורך פעלדער און סטעזשקעס. אָבער רב שמואל האָט זיך מער ניט געפילט פרעמד.

די שאָטנדיקע בערגלעך, די צוזאַמענגעטולעטע ביימער און דער טונקעלער אַרום האָבן ניט אָנגעוואָרפן קיין שרעק. עמיצער האָט זיי געפירט. די מאכלים האָבן אָנגעגאָסן אַ זיסע שלעפערדיקייט אין אַלע אברים. די אינסטינקטן האָבן מער ניט געמוזט זיין אויף דער וואַך און די כסדר'דיקע געשפּאַנטקייט פון די לעצטע יאָרן האָט ביסלעכ־ווייז נאָכגעגעבן. רב שמואל איז פּאַמעלעך אַריינגעפאַלן ווי אין אַ חלום און אין דאָזיקן חלום האָט אים פּאַסירט אַ „קפיצת הדרך".

באַלד זיינען זיי געווען אין אַ נייעם דאָרף, צווישן אַ סך יונגע חברה. בערקע אין די בלויע הייזלעך און ווייסן העמד, איז געווען ווי איינער פון זיי. אַ שאָד, נאָר, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען די אַלע רייד! ווידער האָט מען דערלאַנגט עסן צום טיש. עמיצער האָט אַרויפגעשטעלט אַ פלעשל וויין. דאָס איז שוין געווען צופיל! וויפל יאָר האָט ער שוין נישט געמאַכט קיין שנאַפּס? און דאָ וויין נאָר — רויטער וויין, ווי צום „קידוש"!... ווען חנה'טשעס קינ־דער וואָלטן געווען, וואָלטן זיי געכאַפּט אַ זופּ, ווי בעת דער „הבֿ־דלה" אין שול...

צוויי מיידלעך האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער זיינע צעקייטשטע

באַקן און זיך אַריינגעמישט אין דער ציטערנדיקער גלאָז. אַ יונגע מיידל האָט אים אַריינגעפירט אין אַ צימער און אָנגעוויזן אויף אַ בעט. פאַרשלאָפענערהייט האָט ער זיך אויסגעטאָן און אָפּגעדעקט די קאָל־דרע: אַ שמעקעדיקער שעניק, ווייסע לײַלעכער, אַ פריש העמד, ווי פרייטיק־צונאַכט און דער היים... אפשר וועט ער דאָ קענען בלייבן? ער מיט זיינע צוויי בנים וועלן זיך פאַרנעמען מיט פישעריי. נישקשה, שמואל דער פישער קען נאָך ברענגען נוצן. אין די וואַסערן פון ארץ־ישראל מוזן זיין גאָר וואַזשנע פישעלעך, וואָרים דער לויתן גופא דרייט זיך דאָ אַרום ביי די ברעגעס פון לאַנד און וואַרט, אַז משיח זאָל קומען און אים כאַפּן...

אין די פענסטער האָט אַריינגעגרויט דער באַגינען. אַרום זיינען חברה אויפגעשטאַנען צו דער אַרבעט. רב שמואל האָט זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּן דעם באַדייט פון זייערע רייד. אין די אויערן האָבן אַ קלונג געטאָן די לשון־קודש׳דיקע תפילות, וואָס ער האָט שוין אַזוי פיל יאָרן ניט געהערט. דער קליינשטעטלדיקער בית־המדרש האָט אויפגעטויכט פאַר די אויגן: מיט אָנגעצונדענע ליכט און אַ שבת׳־דיקן עולם, וואָס קומט אָקאָרשט פון מרחץ: די חשובע בעלי־בתים ביי דער מזרח־וואַנט און פּראָסטע בעלי־מלאכות ביי די טישן הינטער דער בימה. דער חזן ביים עמוד איז מקבל שבת...

די בחורים מיט די מיידלעך, וואָס האָבן זיך געאײַלט אין עס־צימער און צו דער אַרבעט, זיינען אַ ווײַלע שטיין געבליבן אינמיטן הויף און צוגעהערט. פון באַראַק האָט זיך געטראָגן דער געזאַנג פון שמואל דעם פישער — אַ סקאַרבאָווער, עטוואָס שטורמישער פרייטיק־צונאַכטיקער ניגון, מיט אַלט־באַקאַנטע ווערטער:

„לכו נרננה ל־ה׳ נריעה לצור ישענו...״

ניו־יאָרק, 1946.

# פון ווייטן וועסטן זען
# דאס לאנד

# פון ווייטן וועסטו
# זען דאָס לאַנד

דוב איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון עולם אויפן דעק. פּאָרנט, ביי דער פּאַרענטשע, האָבן די מענטשן אַרויסגעקוקט אין טונקעלען ווייט: אפשר וועט זיך ערגעץ-וואו ווייזן אַ ברעג? פון צייט צו צייט האָט עמיצער דערזען לאַנד אויפן האָריזאָנט: קאָנטורן פון בערג, אַ בוכטע צופוסנס, געשטאַפּלטע דעכער פון אַ שטאָט אַפילו.

באַלד איז זיך דער מיראַזש צעשוואומען. די שפּילנדיקע וואָלקנס האָבן זיך אַ גליטש געטאָן אין רוים און געצייכנט נייע בילדער אויפן פּאַרנאַכטיקן הימל. איצט האָט עמיצער באַמערקט אַ קריגס-שיף, וואָס האָט געלויערט אויפן האָריזאָנט. ער האָט אַפילו אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן געקרייזלטן רויך פון קוימען. דער אומרו אויפן דעק איז געשטיגן. די געזומלעך האָבן זיך באַוועגט, האָבן זשעסטיקולירט שאַרפער און די קולות האָבן אָפּגעהילכט הייזעריקער. אומגעדולדיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך געלאָזט צו די טרעפּ און זיינען פאַרשוווּנדן אין גרויען ליכט פון געדרייטן גאַנג. פון אונטן זיינען אָנגעקומען נייע.

דוב האָט כמעט ניט אויפגעכאַפּט די רייד פון די אַרומיקע. ער

האָט פֿאַרשנדיק אַריינגעקוקט אין די נייע פּנים׳ער. אפשר וועט דאָרט באַלד אַרויף? אַ גאַנצן טאָג איז זי ניט דערשינען אויבן. די פֿער־זענלעכע מחשבות האָבן ווי אויפגעשטעלט אַ מחיצה צווישן אים און דעם שוימענדיקן עולם אַרום. אַן אומגעדולדיקער האָט ער שפּאַן געטאָן צום הינטערשטן דעק. איצט האָט ער זיך אויף יעדן שריט אָנגעשטויסן אָן שפּורן פֿון זייערע געמיינזאַמע צוויי וואָכן אויף דער שיף: דאָ זיינען זיי אָפֿט געשטאַנען אַרומגענומען און אַריינגעקוקט אין דער נאַכט; טיילמאָל האָבן זיי זיך געטוליעט אין די פֿאַלדן פֿון דער פֿלאַכטע, וואָס איבער דעם באַנאַזש־לאַגער. אין דער אַרומיקער ענגשאַפֿט איז שווער געווען צו געפֿינען אַן אַנטרינונג פֿאַר אַ ביסל ליבע. אין לייכטער שיכרות האָבן זיי אויפגעהאָרכט צווישן דעם ברו־מען פֿון די כוואַליעס, צי עס דערנענטערן זיך ניט קיין טריט.

— די שיף איז אַזוי געפּאַקט! — האָט ער זיך יעדעס מאָל אַנטשולדיקט פֿאַר איר.

— מיך אַרט עס ניט!

זינט זי האָט באַשלאָסן מיטצופֿאָרן, האָט דוב געפֿילט די אחריות פֿאַר אַלע פּרטים פֿון זייער צוקונפֿט, פּונקט ווי ס׳וואָלטן געווען נאָר זיין שיף, זיין ארץ־ישראל און זיינע יידן...

די ערשטע אָוונטן האָט זי פֿאַרבראַכט מיט דער יונגוואַרג אויבן. מען האָט געזונגען ביז אַ האַלבער נאַכט און זיך אָפּטמאָל אַפֿילו געלאָזט אין אַ „האָרא". ער איז געווען צופֿרידן, וואָס זי לעבט זיך שנעל צונויף מיט זיינע מענטשן און פֿילט זיך שוין ווי אַן אייגענע. אָבער באַלד האָט ער אָנגעהויבן ציטערן איבער איר ווי אין די ערשטע טעג. אַ הויכע, מיט שלאַנקע פֿיס אין בלויע אַרבעטער־הויזן, אין אַ קאַלירטן סוועטער, וואָס האָט זיך געפּרעסט איבער אַ פֿלאַטערנדיקער ברוכט האָט זי צוגעצויגן די בליקן פֿון די יינגערע חברה. צווישן זיך

האָבן זיי זי אין דער שטיל גערופן „די טשעכישע מענצערין".

און הגם זיי זיינען שוין איצט געווען צוזאַמען אין וועג און דאָרט איז געווען איבערצייגט, אַז זי וועט גיין „אויף לאַנד" און דווקא אין אַ קיבוץ, האָט זי נאָך אַלץ אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי דער טרוים פון דער גרויסער וועלט, וואָס פון פאַרן מבול נאָך. די גרויסע וועלט, קולטור, ציוויליזאַציע, קונסט — אין זיין שטעטל האָט מען געהאַלטן פון די דאָזיקע זאַכן עולם ומלואו. פאַר דער צייט האָבן זיך אַ סך פון יענע ליכטער אויסגעלאָשן. ער האָט דורכגעוואַנדערט אַ סך לענדער און אָנגעקוקט די גרויסע וועלט מיט די אייגענע אויגן — פון הינטער שטעכל-דראָט. אפשר האָט ער טאַקע דערפאַר זיך אַזוי געקלאַמערט אָן איר, ווייל זי האָט פאַרגעשטעלט יענע אויסגערונענע אילוזיעס?

* * *

ער האָט זי באַמערקט אין לאַגער כמעט גלייך נאָך דער באַפריי-אונג. זי האָט זיך געהאַלטן פון דער זייט, איז ניט געקומען אויף די פאַרזאַמלונגען און האָט זיך ניט אַריינגעמישט אין די הייסע וויכוחים. דוב האָט געהערט צו אַ סך קאָמיסיעס און כסדר געהאַט זיצונגען. איינמאָל האָט מען דערציילט, אַז דאָרט איז אַ טענצערין און מען האָט זי איינגעלאַדן צו געבן אַ פּאָר נומערן אויף אַ קולטור־אָוונט. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט.

זי איז שנעל געקומען צו זיך. אין איר זאַמשענעם ספּאָרט-רעקל מיט דעם פאַרהאַנגענעם לעדער-טאַש, וואָס זי האָט פון ערגעץ־וואו באַקומען, האָט זי אויסגעזען ווי אַ טוריסטקע אין די בערג. איר פּנים האָט באַקומען פאַרב, איר גאַנצע געשטאַלט איז ווי העכער געוואָרן

און אירע גלידער האָבן זיך צעבליט ווי די צווייגן פון אַ בוים נאָך אַ לאַנגן ווינטער.

תחילת האָט זי נאָר געוועקט זיין נייגעריקייט. באַלד האָט ער אָנגעהויבן איר נאָכקוקן און האָט אויסגעפרעגט וועגן איר ביי דעם און ביי יענעם. אָפּטמאָל איז זי פאַרשוווּנדן אויף אַ גאַנצן טאָג פון לאַגער און איז אַפילו צום עסן ניט געקומען. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו קומען מיט איר אין אַ מגע ומשא און גלייכצייטיק מורא געהאַט פאַר אַזאַ טרעפונג.

איינמאָל איז ער געשטאַנען פאַרן באַראַק און צעבונדן אַ פּעקל, וואָס ער האָט אָפּגענומען פון דער פּאָסט. דאָרט איז פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ האַנטוך אין האַנט. זי פלעגט אויפשטיין שפּעט. איצט האָט זי זיך געאײַלט צו דעם קראַן.

— כ׳שטאַרב רויכערן! — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און געוואָרפן אַ בליק אין צעעפנטן קאַרטאָן — כ׳האָב ניט געקענט צומאַכן קיין אויג און אויסגערויכערט ביז אַ ברעקל.

ער האָט אַ נישטער געטאָן צווישן די מלבושים און בלעכענע פּושקעס, און אָנגעטאַפּט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן. אָן אַ וואָרט האָט ער איר אויסגעשטרעקט דאָס גאַנצע פּעקל.

— ווי טייער? — האָט זי געפרעגט.

— איך האַנדל ניט! — האָט ער זיך באַליידיקט.

— אַנטשולדיקט! כ׳האָב געמיינט... אומזיסט גיט מען דאָך גאָרניט אויף אונדזער וועלט, ניין?

אירע אויגן האָבן געקוקט שעלמיש, פון אַ זייט. ער האָט זיך פאַרדרייט. זי האָט באַטראַכט די פּאַפּיראָסן:

— קעמלס! אמת׳ע אַמעריקאַנער! — האָט זי אויסגערופן מיט התפּעלות.

— באַקומען פון מיינע קרובים אין ניו-יאָרק.

זי איז געוואָרן נייגעריק:

— איר פאָרט קיין אַמעריקע?

— ניין.

זיי ווילן אייך ניט אַריבערנעמען, אייערע קרובים?

— אפשר וואָלטן זיי געוואָלט. כ'האָב זיי געשריבן, אַז איך וויל קיין ארץ־ישראל.

דאָרט האָט אַ זוך געטאָן אין די הויזן־קעשענעס און אַרויסגע-שלעפּט שוועבעלעך. זי האָט פאַרויכערט.

— און איר? — האָט ער געפרעגט.

— איך ווייס ניט. קיין אַמעריקע וואָלט איך געפאָרן. אָבער איך האָב דאָרט קיינעם ניט.

אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. זי האָט גיריק געשלונגען דעם רויך.

— איך קען נעמען נאָך איינעם אויף שפּעטער...

— נעמט אַלע!

זי האָט אים אָנגעקוקט און זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. דערנאָך האָט זי באַדאַנקט און זיך געלאָזט גיין. דוב'ן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ: שוין... געענדיקט!... אַ פּאָר שריט ווייטער איז זי שטיין געבליבן און זיך אומגעדרייט:

— איר זענט שטענדיק פאַרנומען, אמת?

— אָפט.

— און אין שטאָט קומט איר קיין מאָל ניט?

— איך? זעלטן...

— זיך צוגעוווינט צו דער תפיסה, וואָס? — האָט זי איראָניש אַ לאַך געטאָן.

— ניין, אָבער מען איז שטענדיק פאַרנומען, זיצונגען... קאָ־מיטעטן... איר ווייסט דאָך, עמעצער מוז דאָך עפּעס טאָן.

ער איז זיך פאָרגעקומען ווי אַ באַרימער און איבערגעהאַקט. זי האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון פאַרלעגנהייט:

— איר ווילט זיך מאָרגן אַראָפּכאַפּן אין שטאָט? זינט מען איז פריי געוואָרן קען איך ניט איינזיצן אויף אַן אָרט.

צומאָרגנס האָט ער זי אָפּגעוואַרט ביי אַ גרויסן קאַפע-הויז אין צענטער. זיי זיינען אַריין צוזאַמען. אינעווייניק איז דער לאָקאַל געווען געפּאַקט. אין די אויגן האָבן זיך געוואָרפן מיליטערישע אוניפאָרמען און בלאָנדע פרויען-קעפּ. זיי האָבן זיך צוגעזעצט. עטלעכע געסט פון שכנות׳דיקע טישלעך האָבן אַ נויג געטאָן צו דאָראָן מיטן קאָפּ. דער קעלנער האָט זי מקבל פּנים געווען מיט אַ שמייכל. דוב האָט זיך דערפילט אומהיימלעך:

— איר קומט דאָ אָפט?

— כ׳פלעג דאָ קומען. ערגעץ-וואו מוז מען דאָך זיין, און אין באַראַק קען איך ניט איינזיצן.

— ווער איז דער עולם דאָ?

— איר זעט דאָך: אַמעריקאַנער סאָלדאַטן מיט זייערע פרײַלנס און געוועזענע וועלט-דעראָבערער, וואָס זוכן שיריים פון פּאַפּיראָסן — האָט זי אָנגעוויזן אויף אַ מאַן אין אָפּגעבלאַקעוועטע מלבושים, וואָס האָט זיך געבויגן צווישן די שטולן.

זי האָט זיך אומגעדרייט און אַ פּליסטער געטאָן:

— און דאָרט הינטן האַנדלט מען: „לייקאַ-אַפּאַראַטן”. ברויט-קאַרטן, דאָלאַרן...

— מען דאַרף פון דאַנען אַנטלויפן ווי פון אַ מגפה! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

— אָבער וואוהין? ס'איז אַוודאי אומעטום איין וועלט.

דער קעלנער האָט דערלאַנגט אַ שוואַרצן געטראַנק, וואָס איז גע-וועזן ענלעך צו קאַווע. ביי אַ שכנות'דיקן טישל האָט אַ סערזשאַנט אַ צי געטאָן אַ פלעשל פון קעשענע און גיך אַנגעגאָסן אין די אויס-געליידיקטע טעפּעלעך. דאָראַ האָט באַטראַכט זיין פלינקע באַוועגונג. ער האָט איר צוגעשמייכלט מיט אַ וואונק פון אויג.

— איר ווילט טאַקע פאָרן קיין ארץ־ישראל? — האָט זי געפרעגט.

— מען לאָזט דאָך ניט אַריין.

אַ חשד איז דורכגעלאָפן זיין קאָפּ. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט. אָבער זי איז געווען פאַרטאָן אין אירע געדאַנקען:

— און וואָס וועט איר דאָרטן טאָן?

— כ'וויל גיין אַרבעטן אויף לאַנד, אין אַ קיבוץ... אַ קאָלעק-טיוון דאָרף הייסט עס — האָט ער פאַרטייטשט.

— יאָ, איך פאַרשטיי. איר מיינט, אַז איך ווייס גאָרניט? איך ווייס אַלץ, כאָטש איך קום ניט אויף די אַסיפות. דיסקוסיעס לאַנגווייליקן מיך.

דער סערזשאַנט מיט דער פריילן אין שכנות האָבן צוגעקלאַפּט „צו געזונט" און דערלאַנגט עטלעכע לאַנגע זופּן. ביים מיידל האָבן אַ גלאַנץ געטאָן די אויגן. דער מאַן האָט זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע. זי האָט זיך געלאַשטשעט צו אים און געפּליסטערט האַלב דייטש האַלב ענגליש:

— מיין שאַץ! דאַרלינג!

דאָראַ האָט געקוקט אונטערן טיש, וואו זייערע קני האָבן זיך באַריִרט. מיטאַמאָל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט גאָר וואָס? איך וועל מיטפאָרן.

— וואוהין?

— קיין פּאַלעסטינע.

די ווערטער האָבן דוב׳ן פאַרשלאָגן דעם אָטעם. אויפן קול האָט ער׳ געזאָגט:

— גיי! גייט, איר לאַכט פון מיר.

— פאַרוואָס? איך מיין עס ערנסט.

— אָט אזוי־אָ, פּלוצלונג?

זי האָט זיך א ווײַלע פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט געזוכט די ריכ־טיקע ווערטער:

— אמאָל בליצט אויף א געדאַנק פּלוצלונג — האָט זי געזאָגט — און אפשר איז עס גאָר ניט אזוי אומגעריכט. איך האָב שוין לאַנג א געפיל, ווי כ׳וואָלט געשטאַנען ביי א תהום. צו וואָס בין איך איי־גנטלעך לעבן געבליבן? טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אז כ׳בין ווי אַן אָפּגעריסן בלאַט אין הארבסט, וואָס יעדער ווינט קען פאַרטראָגן. כ׳האָב נאָר ניט געוווּסט ביז איצט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

דוב האָט זיך דערפילט דרייסטער:

— איר זענט דאָך אמאָל געווען א טענעצערין, אמת?

— געווען? ניין, כ׳האָב נאָר געוואָלט ווערן. כ׳האָב געלערנט אין פּראַג. מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין די סודעטן.

— אָ, די סודעטן! — האָט ער אויסגערופן.

— יאָ, דעמאָלט האָבן מיר געמיינט, אז נאָר דאָרט האָט זיך אריינגעכאַפּט די פּעסט. מיר האָבן געוואָלט פאַרגעסן. און אין פּראַג האָט מען געקענט פאַרגעסן. א פּרעכטיקע שטאָט! מיינע באַקאַנטע האָבן געהאַט אַן אויטאָ, אין אָוונט פלעגט מען גיין אין קאַפע, ס׳פלעגן קומען יונגע שרייבער, מאָלער...

זי האָט געוואָרפן א שנעלן בליק אויפן שכנות׳דיקן טיש און א זופּ געטאָן פון מוטנעם געטראַנק:

— נאָך אַלעמען זיינען עס געווען אינטערעסאַנטע יאָרן!

איר דערציילונג האָט דוב'ן אַ ברי געטאָן. זי האָט זיכער געהאַט אַ געליבטן. ער האָט זיך געשעמט אויספרעגן גענויער:

— און איצט? — האָט ער געפרעגט.

— איצט ווייס איך ניט. גלייך נאָך דער באַפרייאונג האָב איך געמיינט, אַז מען וועט קענען פאַרזעצן יענעם לעבן. כ'האָב עס אַפילו פּרובירט. אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן. יענע וועלט איז מער ניטאָ, בכל אופן ניט פאַר אונדז. איך פיל כסדר די שרעק, ווי איך וואָלט געשטאַנען פאַר אַ תהום, אין וועלכן איך קען זיך אַ ליאַדע מינוט אַראָפּקייקלען.

דער סערזשאַנט האָט ווידער אָנגעגאָסן די טעפּעלעך. ער האָט אויפגעהויבן איינס און געוואָלט אַריינגיסן זיין באַגלייטערין אין האַלדז. זי האָט זיך ניט געלאָזט. די משקה איז איר אַראָפּגערונען אין בוזעם. זי האָט געהירזשעט אויפן קול.

— נו, איר וועט מיך מיטנעמען? — האָט דאָרא געפרעגט.

— איר מיינט עס טאַקע ערנסט?

— זיכער! פאַרוואָס דו יאָ און איך ניט.

אַ האָפענונג איז אויפגעגאַנגען אין אים. דרעמלענדיקע באַגערן זיינען וואַך געוואָרן און אים באַרוישט. פונדעסטוועגן האָט ער זי אָפּגעשלאָגן:

— ביי מיר איז עס שוין אַ ענין פון יאָרן. אַזעלכע זאַכן באַשליסט מען דאָך ניט אויף איין פוס. איך האָב שוין פאַר דער מלחמה געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל.

— וואָסי, איר האָט שוין דעמאָלט געוווסט, אַז איר וועט ווערן אַ ד'. פּי.?

ח. אַ י אַ ל ט י

די איראָניע אין קול האָט אים צעטומלט. זי האָט צעשטערט זיין גלייכגעוויכט.

— ניין, ניט דאָס... — האָט ער אַ שטאַמל געטאָן.

— יאָ, איך פאַרשטיי — האָט זי חרטה געקראָגן. אירע פינגער האָבן אָנגערירט זיין האַנט.

— איז' פאַרשטייט — — —

— קענסט מיר זאָגן „דו".

— דו פאַרשטייסט, מיר האָבן שוין דעמאָלט געוואָלט בויען אַ יידיש לאַנד און אויסערדעם האָב איך געוואָלט גיין אין אַ קיבוץ, מיר האָבן געוואָלט שאַפן אַ געזעלשאַפט, וואו עס זאָל אויסוואַקסן אַ נייער מענטש, וואו אַלע זאָלן זיין גלייך און פריי.

ער האָט געוואָלט זיך דערמאָנען און צוגעמאַכט די אויגן. אָבער דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט אין זיינע געדאַנקען. איז עס אַלץ געווען נאָר אַ חלום פון יונגע אידעאַליסטן? איז זיין גלויבן אַוועק מיטן רויך פון די קרעמאַטאָריעס? דער שטן האָט אים אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן די שטייפע ס. ס.-לייט, ווי זיי טרייבן מיט בייטשן לאַנגע רייען פון מענער, פרויען און קינדער:

„דער מענטש? וואָסאַרא מענטש?" — האָט ער זיך גערייצט מיט אים.

— מיר גלויבן, אַז דער מענטש קען בעסער ווערן — האָט ער זיך באַמיט צו איבערצייגן דאָראָן.

אין דרויסן איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט, אינעווייניק האָט מען ניט אָנגעצונדן קיין ליכט און אַ טונקלקייט האָט זיך צעלייגט צווישן די פיר ווענט. דאָס פרייזלן מיטן סערזשאַנט דאַנעבן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק. הינטן האָבן זיך באַוועגט די פּליסמערנדיקע שאָטנס פון די שוואַרצער-מאַרק-ספּעקולאַנטן.

— דו קומסט מיר פאָר ווי אַ משיח-פרייידיקער בעתן אונטערגאַנג פון רוים — האָט אַ זאָג געטאָן דאָראַ.

— איך פרייידיק ניט. און אויסערדעם — אויב דו ווילסט טאַקע פאָרן? ארץ-ישראל איז דאָך ניט נאָר קיבוצים, פאַראַן אויך שטעט מיט קאַפע-הייזער, קולטור, טאַנץ-שול; אויך...

— ניין, ניין! — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — אויב שוין יאָ אַהין איז אויף לאַנד. כ'וועל אַרבעטן אין פעלד, אין גאָרטן, אין שטאַל.

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן שטיל:

— און איך וועל האָבן אַ קינד!

— אָבער ניט דאָ — האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט — ניט דאָ!

זי האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זיך פאַרשעמט און פאַרלעגן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

⁂

דער בין-השמשות איז גרויער געוואָרן. דער גלאָק האָט גערופן צו וועטשערע און דער עולם פון דעק האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די טרעפּ. די זאַלן און קאַבינעס, די קאָרידאָרן אַפילו זיינען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט נאַרעס, וואָס האָבן זיך געהויבן שיכטנווייז איבער אַן אַנדער אַזש ביז צום סופית. דוב איז אַרויפגעקלעטערט מיטן לייטער. אין האַלב-טונקל האָט ער זיך פאָרזיכטיק צוגעשאַרט צו זיין פּלאַץ. אויף דער נאַרע האָט ער זיך אונטערגעהויבן און געזוכט מיט די אויגן אַרום. דער חלל פון שיף האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער בינשטאָק. הונדערטער מענטשן זיינען געזעסן אָנגעלענט אויף די שעניקעס און

געוואָרט אויף די פּאָרציעס שפּייז, וואָס די דיזשורנע האָבן געטיילט: א פּעניץ ברויט און א האַלבע גלאָז וואַסער פער קאָפּ.

— וואָס מיינט איר, חבר, מ׳עט טאַקע היינט ביינאַכט אָנקומען?

דער מאַן, וואָס האָט גערעדט, איז געלעגן אויף א שכנותדיקער נאַרע. ער איז געווען באַוואַקסן, מיט א צעשויבערטער טשופּרינע. זינט דעם לעצטן שטורעם האָט ער זיך ניט גערירט פון זיין געלעגער.

— מסתמא — האָט דוב געזאָגט — די מאַטראָזן זאָגן, אַז יאָ.

— און מ׳עט אַראָפּגיין אויף לאַנד.

— אויב „זיי" וועלן אונדז פריער ניט דערטאַפּן...

אין איין ווינקל איז שוין דער מאָלצייט געווען געענדיקט. די עלטערע לייט האָבן זיך צוגעשפּאַרט שלאָפן, אָבער די יונגוואַרג האָט זיי ניט געלאָזט צומאַכן קיין אויג: זיי זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר איבער די ברעטער, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די לייטערס און אַרויס־געקלעטערט אויפן דעק. ווען דוב איז אַרויף אויבן, איז שוין געווען נאַכט. די שאַרפע, קילע לופט האָט אים אויפגעוועקט פון זיינע מחש־בות. ער האָט זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט, הלמאי ער האָט דעם גאַנצן אָוונט געטראַכט נאָר וועגן דאָראַן. וועלן זיי טאַקע באַלד אָנקומען? וועלן די חברים פון ברעג צוקומען, איידער מען וועט זיי באַמערקן? און אפשר וועט קומען צו א געשלעג?

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער הימל איז געווען פאַר־וואָלקנט. אין אַזאַ נאַכט וועט לייכטער זיין אויסצומיידן די קריגס־שיפן. איז עס מעגלעך, אַז מאָרגן וועלן זיי מער ניט זיין קיין פּליטים, נאָר מענטשן?

די שיף האָט זיך געהוידעט און אויפן האָריזאָנט האָט זיך גע־שאָקלט אַן איינזאַמער שטערן. ער האָט אויסגעזען ווי א לאַמטערן אין ווינט אויפן ראָג פון א גאַס. דוב׳ן האָט ווידער אַרומגעכאַפּט א בענק־

שאַפט. וואו קען זי זיין? אפשר איז זי פאַרקראָכן מיט עמיצן אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל, ווי זי האָט עס אַזוי פיל מאָל געטאָן מיט אים? דעם וואָלף ציט אין וואַלד! — האָט ער פאַרביטערט אַ טראַכט געטאָן און זיך באַלד פאַרשעמט פאַרן דאָזיקן געדאַנק.

זיי זיינען דעמאָלט שנעל געוואָרן גוטע פריינד. באַנאַכט פלעגט ער מיט אומגעדולד וואַרטן די זיצונגען זאָלן זיך ענדיקן, כדי צו זיין וואָס גיכער מיט איר.

— לעבן דיר האָב איך צוריקגעפונען מיין אייגענעם „איך" — האָט ער איר איינמאָל געזאָגט.

— מען געפינט שטענדיק נאָר „זיך" — האָט זי באַמערקט מיט אַ שמייכל — אפילו אין יענעם.

— ניין, כ׳מיין עס ערנסט — האָט ער געזאָגט — זינט מען האָט אונדז דאָ אַריינגעפּאַקט אין אָנגעפּאַקטן וואַגאָן האָב איך פאַר־לוירן מיין פּערזענלעך לעבן. אפילו שטאַרבן האָט מען דאָך געמוזט בציבור. אָבער ליב האָבן קען מען נאָר ביחידות.

זי האָט זיך גענומען לערנען העברעאיש. אַלע זאָרגן פאַר דער צוקונפט האָט זי אים איבערגעלאָזט: ווען מען וועט זיך לאָזן אין וועג, וואָס פאַרא פּאַפּירן מען דאַרף מיטנעמען, וואָס מען וועט טאָן, ווען מען וועט אָנקומען.

— דו ביסט איצט פאַר מיר ווי אַ פאָטער — האָט זי אים געזאָגט.

— איך האָב שטענדיק געהאַט אַ פאָטער־קאָמפּלעקס. פאַרשטייסט וואָס איך מיין?

— יאָ. ס׳איז פון דער פּסיכאָאַנאַליזע, אמת?

— האָסט געהערט וועגן פּסיכאָאַנאַליזע?

— פאַרשטייט זיך, ביי אונדז אין שטעטל האָט מען געוואוסט פון אַלץ: קאַרל מאַרקס, די בינעזישע קולים, אָטאָ וויינינגער אפילו...

ח. אַיאַלטי

— אַ מאָדנע וועלט געווען ביי אייך — האָט זי געזאָגט — אָפּגעשלאָסן און אַלץ־ווייסנדיק, גלויביק און גלייכצייטיק סקעפּטיש.

— לגבי אַנדערע האָסטו אויך געהאַט אַזאַ קאָמפּלעקס? — האָט ער אומגעריכט אַ פרעג געטאָן.

— און שרעקלעך נייגעריק.

— וועסט דאָך ניט זאָגן, אַז אַלע זיינען געווען נייגעריק בנוגע דיין פאַרגאַנגענהייט?

— גוט וואָס דו נעמסט עס ניט צו ערנסט. און וואָס איז דיר די נפקא מינה? — וויכטיק איז דאָך דער איצט, ניין?

איצט איז אויסגעקומען צו זוכן אַ באַהעלטעניש, וואו זיי זאָלן בלייבן אַליין. אין די באַראַקן האָט מען געלעבט אין גרופּעס, שטענדיק אונטער פרעמדע בליקן. זי האָט געפילט זיין שטייגנדיקע אויפרעגונג און געוואַרט.

— ווילסט מיך ניט ריכטיק? — האָט זי איין מאָל פאַרלאָרן די געדולד.

— דאָ? עמיצער קאָן אָנקומען.

— איך פייף אויף דער וועלט! זי זאָרגט דען פאַר אונדז, די וועלט?

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זי אַריינגעוואָרפן:

— כ׳וואָלט געקאָנט אויסבאָרגן ביי עמיצן אַ צימער אין שטאָט. אויף אַן אָוונט.

דוב האָט געשוויגן. זי איז צוגעשטאַנען:

— דו ווילסט ניט?

— יאָ, אָבער ניט דאָ, אין דאָזיקן לאַנד.

— האָסט מורא צו בלייבן איבער נאַכט אויסערן לאַגער?

— ניין, כ׳האָב מורא... כ׳וויל ניט, אַז אונדזערס אַ קינד זאָל געבאָרן ווערן דאָ אין לאַנד.

זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ הויכן געלעכטער:

— מיין גאָט, ווי נאַאיוו דו ביסט! — האָט זי אויסגערופן.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. זי האָט אים געגלעט איבער די האָר. מיט עקשנות האָט ער איבערגע׳חזרט: ער וויל ניט, אַז זיין קינד זאָל געבאָרן ווערן אין לאַגער און האָבן אַן אויסגעברענטן נומער אויפן אָרעם.

— אָבער וואָס רעדסטו, דוב, ווער ברענט דען איצט אויס נומערן?

— אַלצאיינס, מען ברענט זיי אפשר ניט, אָבער זיי זיינען דאָ. כל זמן מיר זיצן אין לאַגער זיינען מיר נומערן.

צומאָרגנס איז זי אַראָפּגעקומען מיט אַ טעאָריע:

— דו ווייסט, דוב, דו האָסט מורא, דו האָסט אַ מוטער-קאָמפּלעקס לגבי מיר.

— מיין גאָט, ווי נאַאיוו דו ביסט! — האָט ער ביטער געשמייכלט — צו וואָס דאַרפסטו זוכן אַזוי וויט, אַזש אין דער טונקעלער קינדהייט?

אַ פּאָר חדשים שפּעטער האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג. זיי האָבן געוואַנדערט קיין דרום. מען האָט געמוזט גנב׳ענען גרענעצן, אָפט איז אויסגעקומען צו שלאָפן אונטערן פרייען הימל, אין פעלד אָדער אין וואַלד. אַ פּאָר מאָל האָט זי אים געוואָרנט מיט אַ געלעכטער:

— איך וועל מיר אויסזוכן אַן אַנדער מאַן!

אין איטאַליענישן פּאָרט זיינען זיי געבליבן אַ פּאָר וואָכן. דאָרט האָט געקענט די שטאָט פון אַ פאַר׳מלחמה׳דיקער רייזע. ביינאַכט האָט זי אים אַרויסגעפירט שפּאַצירן איבער דער אַלטער שטאָט. זיי זיינען געווען אַליין צווישן די חורבות פון די אַלטע איינגעפאַלענע,

רוימישע געביידעס. מיטאַמאָל האָט זיך צעריטשעט אַ סירענע פון אַ שיף. זי האָט אים אַרומגענומען:

— מאָרגן פאַרלאָזן מיר אייראָפּע! — האָט זי געזאָגט.

* * *

אַ האַנט האָט לייכט אָנגערירט זיין אַקסל און אים אַרויסגעריסן פון די טרוימערייען. ער האָט אַ ציטער געטאָן און זיך אומגעדרייט. הינטער אים איז געשטאַנען דאָראַ.

— כ׳האָב דיך געזוכט — האָט זי אַ פליסטער געטאָן.

— וואו ביסטו געווען די גאַנצע צייט?

— אונטן.

— די גאַנצע צייט אונטן?

— כ׳האָב זיך געפילט ניט גוט, כ׳בין געלעגן.

— פאַרוואָס ביסטו ניט אַרויף אויפן דעק?

— אויפן דעק? אויפן דעק זיינען שטענדיק פאַראַן אַזוי פיל מענטשן.

זי האָט זיך געטוליעט צו אים. ער איז אַלץ געווען אויפגעבראַכט:

— כ׳האָב אַריינגעקוקט אין אייער צווישנדעק, האָב איך דיך אין ערגעץ ניט געזען — האָט ער געזאָגט מיט פאָרוואורף.

— פאַרמיטאָג בין איך געווען ביים דאָקטאָר. פאַראַן אַזוי פיל קראַנקע און כ׳האָב געמוזט לאַנג וואַרטן.

ערשט איצט איז ער געוואָרן אומרואיק:

— ביסט נישט געזונט? וואָס איז דיר?

— ניין, אין בעסטן געזונט. דוב, איצט וועט עס דאָך דיר גימן אַרן?

— וואָס?

זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים און אָ פּליסטער געטאָן:

— דוב, מירן האָבן אַ קינד.

דער ווינט האָט אויפגעכאַפּט אירע ווערטער. דוב האָט זיי קוים געהערט.

— אַ? — האָט ער איבערגעשריען דעם גערויש פון די כוואַליעס.

— ביסט צופרידן?

— יאָ!...

— איצט אַרט דאָך דיר ניט, אמת? — איז זי ניט געווען אינגאַנצן זיכער, צי ער איז טאַקע צופרידן — מיר זיינען דאָך שוין ביים ברעג. מאָרגן וועלן מיר זיין אין לאַנד, אמת?

— יאָ — האָט ער געזאָגט אומזיכער — מאָרגן וועלן מיר זיין אין לאַנד.

מיטאַמאָל איז זיך זיין אומרו צעשוומען. אַ פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט. ערשט איצט האָט ער באַגריפן, וואָס זי האָט דערציילט. דאָס קינד וועט ניט האָבן קיין נומער. ער האָט זי אַרומגענומען:

— איצט איז גוט. דו ביסט מיין ליבע, יאָ? און ער וועט האָבן אַ היים. עס וועט זיין אַ זון, אמת?

— כ'ווייס ניט — האָט זי געשמייכלט.

— יאָ! — האָט ער פאַרזיכערט.

זיין פרייד האָט זי אָנגעשטעקט, זי פאַר'שיכורט. זי האָט געקוקט אין דער נאַכט, געזוכט דאָס לאַנד אין דער ווייט און טרוימעריש גערעדט:

— ער וועט אויפוואַקסן אין אַ דאָרף, וועט זיך שפּילן צווישן גערטנער און פעלדער.

ער איז געשטאַנען פאַר אירע אויגן, אַ פאַרשפּילטער און שמייכלענדיקער. זי האָט זיך געקלאַמערט אין דוב'ס אָרעמס.

— ביסט זיכער? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן אומרואיק.

— יאָ, דער דאָקטאָר מיינט אויך אַזוי. איך בין שוין דעמאָלט געווען זיכער — האָט זי שעמעוודיק צוגעגעבן — ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, פון דער אַלט־שטאָט...

— ס׳איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז משיח וועט געבוירן ווערן אויף די חורבות פון רוים. — האָט ער געזאָגט.

— באמת? — האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין דער ווייט. מיטאַמאָל האָט זי אויסגערופן:

— קוק, ליכטער!

אויך פאָרנט האָבן די מענטשן באַמערקט די ליכטער. אין אַלע עקן האָבן אָפּגעקלונגען קולות:

— מען זעט שוין דאָס לאַנד!

— אַ שטאָט!

דער דעק האָט זיך אַ רודער געטאָן. פון אונטן זיינע אָנגעלאָפן האַלב־געקליידעטע פּאַסאַזשירן. מען האָט זיך אָנגעוויזן די פייערלעך, וואָס האָבן געמיגניעט איבער די כוואַליעס. אַ מאַטראָז האָט זיך דורכגעשאַרט צווישן עולם און אַראָפּגעקוקט צום ים:

— ס׳איז ניט קיין לאַנד, נאָר אַ שיף. די ליכטער באַוועגן זיך ביי אונדזער זייט.

ער האָט אָנגעהויבן דערקלערן אין וועלכער ריכטונג דאָס לאַנד ליגט. תחילת האָט מען אים ניט געוואָלט הערן. באַלד איז די אויפ־רעגונג אַריבער אין אַנטוישונג: אַן ענגלישע שיף, אוודאי? — האָט אימיצער אַ מורמל געטאָן. — אַ קריגס־שיף?

אַ יאוש האָט אַראָפּגענידערט אויפן עולם. מען איז געשטאַנען שטום און געקוקט אין דער נאַכט. אויך פון דער אַנדער זייט האָבן אויפגעשיינט ליכטער. זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען איבער די קעפּ

פון שווייגנדיקן עולם. דאָרט האָט זיך דערפילט שולדיק. זי האָט זיך צוגעדריקט נענטער צו דוב'ן.

— גיי אַראָפּ שלאָפן — האָט ער געזאָגט — דאַרפסט זיך ניט אויפרעגן.

— ניין, כ'וויל שטיין לעבן דיר.

— כ'וועל סיי-ווי באַלד אַראָפּגיין צו די חברים. מיר דאַרפן באַשליסן וואָס צו טאָן.

— וואָס וועלן מיר טאָן?

— כ'ווייס ניט. מיט גוטן וועלן מיר אין לאַגער ניט גיין.

— ביסט ניט בייז אויף מיר, דוב? וויבאַלד...

— אָבער רעד ניט קיין נאַרישקייטן. גיי אַראָפּ און טו זיך אויס.

מיטן גרויען פון פאַרטאָג האָט זיך באַוויזן דאָס לאַנד. בערג און טאָלן האָבן זיך אַרויסגעשיילט פון דער טונקלקייט. די שיף האָט זיך געגליטשט לענגאויס דעם ברעג. די ענגלישע קריגס-שיפן זיינען געשוואומען פון הינטן און זי ניט אַראָפּגעלאָזט פון אויג.

אין חיפה איז צוגעשוואומען אַ לאָדקע מיט ענגלישע סאָלדאַטן. די ענגלישע אָפיצירן האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער עולם זאָל אַריבער אויף אַן אַנדער שיף, וואָס וועט זיי אָפּפירן קיין ציפּערן. — „מיר זיינען געווען גענוג אין לאַגערן!" — האָבן קולות געשריען פון אַלע זייטן. די סאָלדאַטן האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערשטער ריי; פון אַ ווינקל האָבן אָנגעהויבן האָגלען פושקעס און פלעשער אויף די אָנגרייפער. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן, ווי אַ כוואַליע פון צאָרן, און זיך געוואָרפן מיט פאַרביילטע פויסטן און קולות אויף די באַוואָפנטע זעלנער. צוויי בחורים האָבן אויפגעהויבן אַ סאָלדאַט און אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. די איבעריקע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דעם געפלאָכטענעם לייטער.

ח. איאַלטי

— אינדישע סאָלדאַטן! — האָט דוב אַ זאָג געטאָן מיט אויפרעגונג.

— סאָלדאַטן, וואָס איז דער אונטערשייד? — האָט זי ניט פאַרשטאַנען.

אין אַ שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע שלאַכט. דאָס מאָל זיינען אויך די סאָלדאַטן געווען ענגלענדער. זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט די קאָלבעס פון די ביקסן אויפן פאַרזאַמלטן עולם. אַנדערע האָבן געשלעפט די מענטשן צום אַראָפּגאַנג. אין גערანגל האָט דוב פאַרלאָרן דאָראַן. באַלד האָט ער דערזען, ווי אַ סאָלדאַט ציט זי פאַר די הענט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן אַהינצו, האָט אויפגעהויבן די פלאַש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און זי אַראָפּגעלאָזט מיט אַלע כוחות אויפן סאָלדאַטס קאָפּ.

עס האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע שאָסן. ער איז געפאַלן אויפן דעק.

* *
*

ווען ער איז געקומען צו זיך איז שוין געווען פאַרנאַכט. די שיף האָט זיך לייכט געוויגט און דוב'ן איז פאַרגעקומען ווי די גאַנצע וועלט אַרום וואַלט זיך געוואַקלט. צווישן די פיר ווענט האָט געהערט די טונקלקייט, נאָר מאָמענטנווייז האָט אַ שטאַרקע שיין אויפגעבליצט אין קליינעם פענצטערל, אַריינגעדרונגען אינעווייניק, זיך באַוועגט איבערן צימער און איז פאַרשוווּנדן. ער האָט פּרובירט זיך אַרומקוקן און דערפילט אַ ווייטיק אין גאַנצן גוף. זיין קאָפּ איז צוריקגעפאַלן.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. פון אַ ווינקל פון די אויגן האָט ער דערזען דאָראַן. זי איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער.

— מיר זיינען אַלע אויף דער שיף? — האָט ער געפרעגט.

— יאָ.

— און וואו זיינען אַלע?

— מען האָט זיי אָפּגעפירט. מיך האָט מען געלאָזן צוליב דיר. מאָרגן וועט מען דיך אפשר קענען אַריבערטראָגן אין שטאָט.

— העלף מיר זיך אויפהויבן! — האָט ער געבעטן.

— ניין, דאַרפסט ליגן רואיק. — האָט זי געזאָגט מיט בקשה אין קול. זי האָט אים אָבער געהאָלפן. ער האָט קוים דערגרייכט צום פענצטערל. פאַר די אויגן האָבן אַ שוועב געטאָן די ליכטער פון דער שטאָט, וואָס האָט זיך געדראַפּעט הויך אויף אַ באַרג. ער איז צוריק-געפאַלן אויפן בעט.

— ווער ווייסט, איך וועל אפשר קיין מאָל ניט זען דאָס לאַנד — האָט ער געזאָגט, אָטעמענדיק שווער.

— טאָרסט ניט רעדן קיין סך — האָט זי אים געגלעט איבערן קאָפּ — וועסט געזונט ווערן.

— ס׳איז אמת, וואָס דו האָסט מיר נעכטן באַנאַכט געזאָגט, אָדער כ׳האָב גע׳חלום׳ט?

— ניין, ס׳איז ריכטיק. אָבער זאָרג זיך ניט וועגן דעם.

— איצט בין איך זייער צופרידן. דאָס קינד וועט אויפוואַקסן אין לאַנד. עס וועט ניט האָבן קיין נומער, אמת?

— יאָ.

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט:

— האָסט אַמאָל געזאָגט, אַז מיר האָבן אַלץ געוואוסט...

— יאָ, אָבער ניט איצטער. טאָרסט ניט רעדן קיין סך.

— נאָר דאָס וויל איך דיר זאָגן. ניט נאָר געוואוסט. מיר האָבן געפיבערט מיט דער וועלט. אינדישע סאָלדאַטן! האָסט געדאַרפט זען,

### ח. אַיאַלטי

וואָס ס'האָט זיך ביי אונדז געטאָן מיט דער אינדישער באַפריי־אונג!... און דער שטרייק פון ענגלאַנד?... די כינעזישע קולים...

עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס קיילעכדיקע פענצטערל האָט זיך אַ צונד געטאָן און די העלע שיין האָט זיך אַריינגעגליטשט אין צימער. זי האָט זיך באַוועגט. באַלד איז זי געפאַלן אויף דאָס פּנים.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ליכט?

— ס'איז דער שיינוואַרפער פון חיפה. ער ווייזט אַ וועג די שיפן.

— עס וועלן נאָך קומען אַ סך שיפן... אַ סך שיפן... — האָט ער אַ מורמל געטאָן.

ניו־יאָרק, 1947.

# שווער צו ווערן א גוי

# שווער צו ווערן א גוי

פֿונקט ביים אַראָפּגיין פֿון דער שיף קומט צו מיר צו אַ מאַן אין אַן אוניפֿאָרם און זאָגט צו מיר אַזוי:

— איר קענט ניט אַראָפּגיין!

— וואָס הייסט? איך האָב דאָך אַ וויזע!

— אַ וויזע אַהין, אַ וויזע אַהער — זאָגט ער — איר ווייסט דען ניט, אַז ביי אונדז איז פֿאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע? ס'איז פֿאָרגעקומען ביי אונדז אַ רעוואָלוציע און מען האָט בטל געמאַכט אַלע וויזעס פֿון די פֿריערדיקע קאָנסולן.

קוק איך אים אָן און איך זע, אַז ער איז אַ הויכער, אַ ברונעטער, מיט אַ שמאָלער וואָנצקע און אויגן ווי שפּיזן — אַן אמת'ער קאָנקיסטאַדאָר. איך לייג אַריין אַ צען-דאָלער-שיין אין מיין פּאַספּאָרט און שטרעק זיי בײדן אויס צום מאַן אין אוניפֿאָרם. קוקט ער אין מיינע פּאַפּירן און קוקט, און איך זע באַלד, אַז לייענען קען ער טאַקע ניט, אָבער אויף דאָלאַרן פֿאַרשטייט ער זיך יאָ, וואָרן ער שטעקט

ח. א י א ל ט י

אריין דעם צען-דאָלער-שיין אין הויזן־קעשענע און זיין שאַרפער בליק ווערט מילדער:

— הערט זיך איין! — זאָגט ער — אַריינלאָזן אייך אין לאַנד קען איך ניט, וואָרן אונדזער לעצטע רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט כאַבאַר און קאָרופּציע. אָבער אַן עצה קען איך אייך געבן.

— אַנו, לאָמיר הערן!

— איר זעט דאָרט איבערן טייך? — ווייזט ער מיר אָן מיט דער האַנט אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג פון לאַ-פּלאַטאַ — דאָרט ליגט די מדינה אורוגוואַי. ס'איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, אורוגוואַי. און כאָטש מיר אַליין האַלטן דווקא פון דיקטאַטור, זיינען מיר אָבער צופרידן, וואָס אורוגוואַי איז דעמאָקראַטיש. וואָרן ווי נאָר עס מאַכט זיך ביי אונדז אַ רעוואָלוציע, אַנטלויפט דער אָראָפּגעזעצטער פּרעזי-דענט קיין מאָנטעווידעאָ, וואָס איז די הויפּט־שטאָט פון אורוגוואַי. און ניט נאָר אונדזער פּרעזידענט — דאָרט וווינען שוין אָן אַ גוזמא צוויי טוץ בראַזיליאַנער פּרעזידענטן, אַ צענדליק פּאַראַגווייער דיקטאַ-טאָרן, באָליוויאַנער, טשילענער און אַזוי ווייטער.

— אָבער איך בין דאָך ניט קיין פּרעזידענט — זאָג איך.

— אייער גליק! — זאָגט ער — איר דאַרפט וויסן, אַז אַחוץ די אַנטלאָפענע פּרעזידענטן האָט מען שוין אַ היפּשע צאָל דערשאָסן אויך.

און ער עצה'ט מיר, אַז איך זאָל אַריבערפאָרן קיין מאָנטעווי-דעאָ און דאָרט צוּוואַרטן עטלעכע וואָכן ביז עס וועט ביי אים אין לאַנד אויסברעכן אַ רעוואָלוציע. פאַר פופציק דאָלער באַהאַלט ער מיך אויס אין אַ שפּייכלער ביז אין אָוונט. דעם זעלבן אָוונט נעם איך אַ שיף און צומאָרגנס גאַנץ פרי בין איך שוין אין מאָנטעווידעאָ, אין אַ האָטעל פון פּאָסיטאָס-קוואַרטאַל, וואָס ליגט ביים ברעג פון זיסן ים לאַ-פּלאַטאַ.

* *
*

די פּלאַזשע פון פּאָסיטאַנאָ איז זייער אַ ברייטע, אין אַלע זייטן הויבן זיך שלאַנקע גרינע פּאַלמען, אָפּגעברוינטע מענער און פרויען ליגן אויפן גילדערנעם זאַמד, אונטער קאָלירפולע שירעמס אָדער טראָגן זיך איבער די כוואַליעס פון וואַסער. „זאָל זיין, אַז דאָס זיינען אַלע אַנטלאָפענע פּרעזידענטן מיט זייערע ווייבער און סוויטעס, וואָס פּראַווען גלות?" און מיטאַמאָל רופט אַ שטימע הינטער מיר.

— אַללעי, סעניאָר!

איך דריי זיך אום און דערזע אַ יונגע אומבאַקאַנטע פרוי אין אַ געפּרעסטן באָד-קאָסטיום, מיט אַ גרויסן דעקאָלטע פון פאָרנט און אַן אָפּגעברוינטער פּלייצע פון הינטן.

— איר דערמאָנט זיך ניט, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אין פראַנקרייך? — פרעגט זי.

— אין פּאַריז! — דערלאַנגט עס מיר אַ בליץ אין מוח.

— אין לאַטיינישן קוואַרטאַל — שמייכלט זי.

— אין האָטעל אויף „פּיר רי לאַפּלאַס" — זאָג איך און גלייך דערמאָן איך זיך אַז מיין אומבאַקאַנטע הייסט מאַדמואַזעל עדיט בלור-מענפעלד און אַז זי איז דעמאָלט געווען אַ פּליכטלינג פון דייטשלאַנד און האָט געפירט אַ טראַגישע ליבע מיט איינעם אַ מעסיע ראָבערט באַיער, אויך אַ פּליכטלינג. ראָבערט האָט אַפילו יאָ געוואָלט חתונה האָבן מיט איר, אָבער זיין מוטער, פרוי דאָקטער באַיער, האָט איינ-געלייגט וועלטן, אַז דער שידוך זאָל ניט צושטאַנד קומען.

ווי מיר שטייען אַזוי, הויבט זיך אויף אַ קינד פון פּלאַזשע, לויפט צו עדיט'ן און שרייט:

— מאַמיטאַ, מאַמיטאַ, קויף מיר אַ פראַנקפורטער!

— גיי צו סעניאָרא באַיער! — שיקט אים די מוטער צוריק — זי וועט דיר קויפן.

— אייער קינד? — פרעג איך עדיט׳ן.

— יאָ.

— און יענע עלטערע פרוי אויפן זאַמד איז פרוי דאָקטער באַיער?

— יאָ — שמייכלט עדיט.

— הייסט עס, אַז איר האָט דאָך חתונה געהאַט מיט ראָבערט׳ן?

— זאָג איך — מזל טוב אייך!

— אַ דאַנק, — זאָגט זי — אָבער ראָבערטאָ האָט חתונה געהאַט מיט מאַרגאַריטאַ דע סאַנטאַ-מאַרינאַ.

— מיט וועמען?

— מאַרגאַריטאַ דע סאַנטאַ-מאַרינאַ. איר האָט קיין מאָל ניט געהערט פון די סאַנטאַ-מאַרינאַ׳ס? איינע פון די חשוב׳סטע משפּחות אין אורוגוואַי, פון דער סאַמער אַריסטאָקראַטיע. זיי ציען זייער יחוס פון די ערשטע קאָנקיסטאַדאָרן, פאַרמאָגן טויזנטער אַקערס לאַנד, וואו עס פּאַשען זיך צענדליקער טויזנטער שאָף און רינדער... אַ מדינה אַ גאַנצע!

— פרוי דאָקטער איז אַוודאי שטאָלץ מיט אירע מחותנים?

— פאַרשטייט זיך! — זאָגט עדיט — איר ווילט גיין שפּאַצירן?

— יאָ, און פאַרוואָס ניאַנטשעט זי זיך מיט אייער קינד?

— קומט; כ׳וועל אייך דערציילן.

מיר לאָזן זיך גיין לענגויס דעם זיסן ים לאַ־פּלאַטאַ. גרין-בלויע כוואַליעס שוימען אויפן ראַנד פון גילדערנעם זאַמד. און עדיט דערציילט מיר איר געשיכטע און די געשיכטע פון דער משפּחה באַיער.

הער דאָקטער באַיער איז אין די גוטע צייטן געווען לאַנדראַט

פון מאַגדעבורג, וואָס אין דייטשלאַנד. ווי דער שטייגער האָט ער זיך באַמיט צו דערווייטערן וואָס מער פון יידן. ער גופא איז אַרויסגע־טרעטן פון דער „געמיינדע" און פּאַרוואָס ער האָט דווקא חתונה געהאַט מיט אַ גע'שמד'טער יידישקע ווייסט איין גאָט אין הימל. אין זייער דריי־גאָרנדיקן הויז פּלעגט אַריינקומען די סמעטענע פון דער אָרטיקער געזעלשאַפט: עכטע פּרייסישע באַאמטע, עטלעכע פּראָווינ־ציעלע קינסטלער און אַ פּאָר אמת'ע פּאָן'ס. טאָמער זיינען געווען עטלעכע יידן אין מאַגדעבורג, האָט מען זיך געקענט מאַכן ניט ווייסנדיק פון זייער עקזיסטענץ. אַפילו מיט די אייגענע קינדער האָט מען אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם „דאָזיקן ענין". ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן האָבן זיי געוואוסט, אַז וועגן געוויסע זאַכן רעדט מען ניט אַפילו צווישן זיך.

— מיט ראָבערט'ן האָב איך זיך באַקאַנט בעת'ן ערשטן שול־יאָר אויף דער אוניווערזיטעט — איז עדיט אַריבער צו איר פּערזענ־לעכער געשיכטע — אַ לענגערע צייט האָבן מיר אונדזער ליבע גע־האַלטן שטרענג געהיים, ווייל איך האָב געשטאַמט פון פּוילישע עלטערן און ער האָט געוואָלט פאַרמיידן אַ סקאַנדאַל אין דער היים. דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט „די נייע אָרדענונג" מיט די „נייע געזעצן". אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיינען מיר אַלע געווען פּליכטלינגען אין „גלות". אויפן וועג קיין פּאַריז האָט ראָבערט דערציילט זיינע עלטערן, אַז ער וויל חתונה האָבן מיט מיר. הער דאָקטער איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט, לאחר יאוש ממש, אַז ער האָט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אָבער פרוי דאָקטער האָט איינגעלייגט וועלטן:

„שוין געגנוג, אַז איך און פּאַפּאַ האָבן אָפּגעטאָן אַזאַ נאַריש־קייט!" — האָט זי איינגע'טענה'ט מיט ראָבערט'ן — צוליב אונדז

זיינט איר, די קינדער, גאַנצע יידן... און איצט ווילסטו אָנהויבן די גאַנצע געשיכטע פון בראשית?״

אַט אַזוי רעדנדיק, דערווייטערן מיר זיך פון דער זאַמדיקער פּלאַזשע. מיר שפּאַנען איבער פעלזן און קומען צו אַ קליינער בוכטע. יאַכטן און זעגל-שיפלעך וויגן זיך דאָרט איבער די שטילע וואַסערן און פּאַכען מיט זייערע ווייסע זעגלען, ווי זומער-פייגעלעך אין רוים. עדיט דערלאַנגט אַ ליכטן זיפץ.

— ראָבערטאָ האָט אַן אייגענע יאַכט־שיף — זאָגט זי.

— אַ מתנה?

— יאָ, דרשה-געשאַנק פון די סאַנטאַ-מאַרינאַ׳ס. מאַרגאַריטאַ איז עלטער פון אים אַמווייניקסטנס מיט צען יאָר. אַ מיוחס׳דיקע פּריצה׳טע האָט זי משמעות צו לאַנג איבערגעקליבן און זיך פאַרזעסן. זי האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט זוכן איר באַשערטן. מיט ראָבערט׳ן האָט זי זיך באַקאָנט אין קלוב פון פּאָטסדאַמער אַדל און זיך גלייך פאַרליבט אין אים איבער די אויערן. צוריק אין אורוגוואַי, האָט זי אים פון דער „עסטאַנסיאַ״ פאַרוואָרפן מיט ליבע-בריוו. ער האָט קוים געענטפערט. אָבער פרוי דאָקטער האָט געהאַט די זאַך גוט אין זינען. דער שידוך איז איר שוין דעמאָלט געווען שטאַרק צום האַרצן: עס האָט געשמעקט מיט עכטן קאַטאָליציזם און איינגעפונדעוועטער אַריסטאָקראַטיע. און שפּעטער, אין פראַנקרייך, האָט ראָבערט זיך געמוזט מקריב זיין פאַר דער משפּחה: די סאַנטאַ־מאַרינאַ׳ס האָבן אַן איינפלוס אין דער רעגירונג און האָבן שנעל אויסגעפּועל׳ט וויזעס פאַר אַלע באַיער׳ס. אין אורוגוואַי איז שוין נאָכהער אַלץ געגאַנגען ווי אַ מזמור...

—און פאַרוואָס ניאַנטשעט זיך פרוי דאָקטער באַיער מיט אייער קינד? — בין איך צוריק געקומען צום אָנהויב פון דער געשיכטע.

— אַן עלטערע פרוי, איר האַרץ גייט אויס נאָך אַן אייניקל.

— ראָבערט האָט ניט קיין קינדער?

— יאָ, אָבער די סאַנטאַ-מאַרינאָ׳ס האַלטן זיך ווייט פון זייערע מחותנים. אין זייערע אויגן זיינען די באַיער׳ס דייטשן, וואָס צוליב דער מלחמה איז עס ניט אין דער מאָדע, און דערצו נאָך יידן, וואָס איז סתם ניט אין דער מאָדע. נו, איז קומט די אַלטע צו מיר...

אויפן צוריק וועג באַגריסט זיך עדיט מיט אַ הויכן, עלטערן מאַן, וואָס שפּרייזט לאַנגזאַם, פאַרזונקען אין מחשבות. זיין לייבן-קאָפּ איז איינגעראַמט אין גרויע, געדיכטע ברעמען, וואָס טרייסלען זיך אין גאַנג.

— דאָס איז געהיים-ראַט דר. פראַנקנשטיין — מורמלט מיר עדיט אויפן אויער — ער באַטראַכט מסתמא אַ נייעם פּלאַן פאַר דער קבורה פון די „אַרישע" פרויען.

— וואָס איז ער, אַ קברן? — פרעג איך.

— ניין, אַ יוריסט — זאָגט זי — אין דייטשלאַנד איז ער געווען זייער באַרימט, האָט געהאַט אַ גרויסן נאָמען. אַצינד שרייבט ער מעמואַרן און פירט אַ קאַמף פאַר די רעכט פון די „אַרישע" פרויען, וואָס זיינען אַהער געקומען מיט זייערע יידישע מענער. איר דאַרפט וויסן, אַז אין מאָנטעווידעאָ זיינען סאַי ווי פאַראַן פיר יידישע בית-עולם׳ס: אַ ספרדישער, אַ פּויליש-רוסישער, אַ דייטשער און אַ קאָמור-ניסטישער. אָבער בנוגע די „אַרישע" ווייבער האָט מען שוין אָנגע-פרעגט ביי הונדערט מיט איינס רבנים און די היגע דייטשע געמיינדע האַלט זיך ביים שפּאַלטן צוליב דער פּלוגתא...

ווען מיר קומען צוריק, שטעלט מיך עדיט פאַר פאַר פרוי דאָק-טער באַיער:

— אַ ספרד׳ישער געלערנטער פון דער אוניווערזיטעט אין סעווילע — באַטיטלט זי מיך.

— וואָס בין איך דיר פלוצלונג פאַר אַ שפּאַנישער פּראָפעסאָר?

— פרעג איך זי אַ ווײַלע שפּעטער, ווען מיר בלײַבן אַליין.

— אַ ספרד׳ישער איז מער יחוס! — דערקלערט זי מיר — ראשית רעדן זיי שפּאַניש, ווי די אײַנגעבאָרענע, און צווייטנס האַלטן די יעקעס, אַז די ספרדים שטאַמען פון ייִדישן אַדל, זיי זײַנען, הייסט עס, כמעט יונקערס, כאָטש דאָ אין מאָנטעווידעאָ האָבן זיי מיט צוואַנציק יאָר צוריק אָנגעהויבן אַלס פּעדלער און אַצינד האַנדלען זיי מיט מוך און לײַוונט...

— וואו טרעפט מען דאָ ייִדן?

— ס׳ווענדט זיך וועלכע. אונדזערע ייִדן וואוינען אין „גאָעס״ און אין „צענטער״: זיי האָבן דאָרט זייערע געשעפטן, קולטור־קלובן, בתי־מדרשים, אפילו צײַטונגען. די דײַטשע ייִדן וואוינען אין פּאָסיטאָס, ביים ים. קענסט זיי טרעפן אין ביר־גאָרטן, טאַקע דאָ ניט ווייט.

אין אָוונט וואַנדער איך דורכן פּאָסיטאָס־קוואַרטאַל. די הײַזקעס זײַנען דאָ קליינע, ארומגערינגלטע מיט בליענדיקע גערטנדלעך. באַלד וואַקסט אויס פאַר די אויגן אַ גרויסער גאָרטן. וואו מענטשן זיצן בײַ טישלעך און טרינקען ביר. אינעווייניק זײַנען אַלע טישלעך באַזעצט, נאָר איינס איז ליידיק. ווען איך זעץ זיך דאָרט צו, קומט צולויפן דער קעלנער און בעט מיך איבער:

— ס׳איז אַ שטאַם־טיש! — זאָגט ער.

— ווער טרעפט זיך עס דאָ ביים שטאַם־טיש?

— לאַנדראַט דאָקטער אַלבערט באַיער, יוסטיץ־ראַט פּפעפער־מינץ, פּראָפעסאָר פרענקל און געהיים־ראַט דאָקטער פראַנקנשטיין — דערלאַנגט ער אַ זאָג אָפּ די נעמען, ווי די עשרת בני המן.

„דאָקטער פראַנקנשטיין?... ס׳איז זיכער אַ קאָנפערענץ וועגן קבורה-פּראָבלעם פון די „ארישע" פרויען!"

ביי אַ שכינות׳דיקן טישל זיצט איינע אַליין אַ העל-בלאָנדע פרוי מיט בלויע אויגן. עס פאַלט מיר איין, אַז זי וואַרט אויף די באַשלוסן פון „שטאַם־טיש". אָבער ווען איך גיי צו נענטער, זע איך, אַז זי איז פריש און געזונט, רויכערט אַ פּאַפּיראָס און טרינקט מיט גרויס הנאה פון אַ שוימיקן קופּל-ביר, וואָס דער קעלנער פּילט בסדר אָן.

— מיין ליבער גאָט, הילדע!... הילדע פּאָן האַזענביר!

— יאָ, טאַקע איך — זאָגט זי — וואָס מאַכט איר?

עס וואונדערט מיר לחלוטין ניט, וואָס איך טרעף פּלוצלונג הילדען אין אַ ביר-גאָרטן פון דייטשע יידן ביים ברעג פון לאַ-פּלאַטאַ. זי איז געווען זייער יונג, ווען זי איז אין די שטורמישע ווייִמאַר-יאָרן אַנטלאָפן פון איר עלטערן־הויף אין אָסט־פּרייסן און זיך אונטערגע־טונקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער באָהעמיע פון בערלין. זינט איך געדענק האָט זי געהאַט יידישע ליבהאָבער: אין מינכען האָב איך זי געטראָפן מיט אַ יידישן אַנטיקוואַר, אין פּאַריז — מיט אַ באַרימטן מאָלער און אין באַרצעלאָנע — מיט אַ יידישן אָפיציר פון די אינ-טערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. אין לאַנגער פון גירס האָט זי פאַרפירט אַ ליבע מיט איינעם אַ בחור, וואָס איז פון גרויס צרות פרום געוואָרן.

מיר טרינקען ביר און שמועסן וועגן די אַמאָליקע גוטע יאָרן. ווי עס ווייזט זיך באַלד אַרוים פירט הילדע אַ פאַרצווייגטע ראָמאַנטישע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ סך פון אירע אַמאָליקע פריינט און זי גיט מיר אָפּ גרוסן פון באַקאַנטע אין די די-פּי לאַגערן, אין אויסטראַליע און אפילו פון אַ קיבוץ אין גליל העליון.

— און וועמען האָסטו איצט? — פרעג איך.

— טאַקע דעם בחור פון גירס — זאָגט זי — סימאָן זאַלקינד

הייסט ער. שטאַמען שטאַמט ער פון גאַליציע און אין דייטשלאַנד האָט ער שטודירט געשיכטע, אין היידעלבערג טאָקע. מיר האָבן זיך באַקאַנט אין לאַנגעו.

— און וואָס טוט ער דאָ?

— ווי געזאָגט איז ער פון פאַך אַ היסטאָריקער אָבער אַ לעבן מאַכט ער פון פאַרקויפן זיידענע זאַכן און שלייקעס אויף אויסצאָלן. ער איז אַ „קלאַפּער" ביי יענעם און אין דער פרייער צייט שטודירט ער די געשיכטע פון די מאַראַנען.

— די מאַראַנען גאָר?

— אוודאי — זאָגט הילדע — אַ סברא, אַז די מייסטע פון דער היגער אַריסטאָקראַטיע שטאַמען פון די מאַראַנען. אַזוי זאָגט סימאָן. זייערע עלטער-זיידעס זיינען אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע קיין דרום-אַמעריקע.

בעת מיר פאַרטיפן זיך אין אונדזער היסטאָרישן שמועס, הויבן אָן אַריינקומען די געסט פון שטאַם-טיש. זיי פאַרנעמען זיך אַלע מיט רעספּעקט פאַר הילדען און איינער פון זיי, אַן עלטערער מאַן מיט רויטע בעקעלעך, קוקט אויף מיר מיט אויגן פול מיט שנאה.

— ווער איז ער?

— דאָס איז דאָקטער אַלבערטאָ באַיער! — אינפאָרמירט מיך הילדע און הויבט זיך אויף פון אָרט.

— דו געהערסט אויך צום שטאַם-טיש?

— יאָ, — שמייכלט זי — איך בין די שבת-גויטע.

* *

*

דערוויילע לויפן די טעג און אויף דער אַנדער זייט וואָסער קומט אַלץ קיין רעוואָלוציע ניט פאַר, ס'הייסט רעוואָלוציעס זיינען דאָרט פאַר דער צייט אויסגעבראָכן עטלעכע, אָבער אויך די נייע רעגירונגען ווילן מיין וויזע ניט אָנערקענען. איך דריי זיך אַרום צווישן אונדזערע יידן אין „צענטער" און אין „גאָעס", הער אָן אַ שיעור לעקציעס און רעפעראַטן וועגן דער יידישער קולטור, פּראַווע מיט יובילעאום'ס פאַר אָרטיקע כלל-טוער און טרעף אויך הילדען פון צייט צו צייט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז זי איז אַן אָפּטע איינגייערין ביי דאָקטער באַיער.

— ער איז פאַרליבט אין דיר? — פרעג איך זי.

— אַ פּלאַטאָנישע ליבע — זאָגט זי — הער דאָקטער האָט איינגעלייגט וועלטן ביז ער האָט דאָ אַנטדעקט אַן עכטע אַריערין.

— עס פעלן דען גוים אין מאָנטעווידעאָ?

— פאַראַן גענוג — דערקלערט זי מיר — אָבער דאָקטער באַיער פאַרשטייט ניט קיין שפּאַניש און דערצו זיינען די היגע גוים טונקעלע און זעען אויס כמעט ווי יידן. אָט באַלד איז ניי-יאָר, וועל איך דיך מיטנעמען צו אים אויף אַ שטיקל „פיעסטאַ".

— ניי-יאָר? ס'איז דאָך אין מיטן זומער!

—דאָ איז אַ פאַרקערטע וועלט! — זאָגט זי.

ווען איך גיי ניי-יאָר אָוונט צו די באַיער'ס, שמעקט עס אין דרויסן מיט אַ תמוז'דיקער היץ. נאַקעטע מענטשן ליגן נאָך אויף דער פּלאַזשע און די צעגרינטע גערנבער אָטעמען אָפּ נאָכן דושנעם טאָג.

פרוי דאָקטער עפנט די טיר. די ענגע וואוינונג איז אָנגעפּאַקט פון עק צו עק: מיט קופּערנע סטאַטועס, שווערע טישן, געשניצטע פאָטעלן און כינעזישע צייכענונגען.

— די מעבל פון אונדזער הויז אין מאַגדעבורג — זיפצט פרוי

דאָקטער — אַ דריי-שטאָקיק הויז, אין משך פון פופציק יאָר האָט זיך אָנגעזאַמלט...

ס'איז היים. אַ זומערדיקע ניי-יאָר-נאַכט. די דעמבענע קאָמאָדן און בראָנזענע פערד זעען אויס ווי געשפּענסטער פון אַ האַלב-פאַר-געסענעם קאָשמאַר. מיר שטופּן זיך פּאַמעלעך דורכן קאָרידאָר, פרוי דאָקטער גייט הינטער מיר און רעדט וועגן די קינדער:

— ראָבערטאָ וועט היינט ניט קומען — דערציילט זי מיר — און ס'איז בעסער אַזוי. ער וועט פייערן דעם יום-טוב מיט די סאַנטאַ-מאַרינאַ'ס. וואָס טוט מען ניט פאַר קינדער? ס'איז געזינטער, אַז איך זאָל ניט זען מיינע אייגענע אייניקלעך!... אָט נעמט אַ שטייגער, מיין מאַן: אַ געוועזענער לאַנד-ראַט פון מאַגדעבורג און קאָכט זיך דאָ אַרום דער געמיינדע, דער שול און דעם בית-עולם... ווער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אַז אין אורוגוואַי וועלן מיר טרעפן די דראַ-גאָנען-שטראַסע? כ'האָב געמיינט, אַז אורוגוואַי איז אַ דזשונגל...

אין עס-צימער וואַרטן שוין דער בעל-הבית און דאָקטער פראַנ-קענשטיין. צווישן די פיר ווענט הענגט אַ שווערע כמאַרע, ווי פאַר אַ שטורעם. דאָקטער באַיער שפּאַנט אַרום אַהין און אַהער ווי אַ לייב אין אַ קליעטקע. אין אַ זייטיקן צימער, אַ ווײַלע שפּעטער, דערקלערט מיר פרוי דאָקטער די סיבות פון דער אויפרעגונג:

— הילדע האָט אָנגעזאָגט דורכן טעלעפאָן, אַז זי קלייבט זיך חתונה צו האָבן. זי וועט קומען שפּעטער, צוזאַמען מיט איר חתן...

דערווײַלע ווערט שפּעט. לכבוד ניי-יאָר שיסט מען אין גאַס מיט פייער-ראַקעטן און מען גראַגערט מיט גראַגערס. ערשט אַ זייגער צוועלף דערשיינט הילדע:

— סימאָן האָט זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון די ביכער — אַנטשולדיקט זי זיך גלייך פון שוועל — ער האַלט ביים אויפדעקן

עפּעס גאָר וואַזשנע דאָקומענטן, זאָגט זי. מיר מוזן מער ניט וואַרטן. ער וועט קומען אַ ביסל שפּעטער.

די שיסערייַ אויף דער גאַס ווערט העפּטיקער. דורך די פענסטער זעט מען שיכּורים אין ווייסע אַנציגער, וואָס שאָקלען זיך איבער די טראָטואַרן. פרוי דאָקטער דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש. דאָקטער באַיער זיצט מיט פאַרביסענע ליפּן און גהיים-ראַט דאָקטער פראַנקענשטיין שיט אים זאַלץ אויף די וואונדן:

— איילט זיך ניט מיט דער הייראַט, פרייַלן הילדע! — עצהיט ער איר — דאָס „באַגרעבענים-פּראָבלעם" פון די אַרישע פרויען איז נאָך ניט געלייזט געוואָרן. מיר אַרבעטן גראָדע אויף אַ נייעם פּלאַן...

— ווער זאָגט אייך, הער דאָקטער, אַז איך קליב זיך ליגן מיט מיין מאַן אויפן בית-עולם? — ענטפערט אים הילדע מיט אַ פרעכן שמייכל.

ערשט האַלב נאָך עלף דערשיינט הילדע'ס אויסדערוויילטער, סימאָן זאַלקינד. אַ לאַנגער און דאַרער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און שוואַרצע אויגן טיף אין די לעכער, קומט ער אַריין אָנגעלאָדן מיט ביכער און צייטשריפטן. הילדע שטעלט אים פאָר. דאָקטער באַיער באַטראַכט דעם גאַסט פון דער זייט. פרוי דאָקטער דערלאַנגט אים עסן. ער זעצט זיך, קייט אַ ווייַלע מיט אַפּעטיט און קוקט בשעת מעשה אַריין אין זיינע ביכער: ער מישט אַ בלאַט דאָ און אַ בלעטל דאָרטן, ווי ער וואָלט קיינעם אַרום זיך ניט געזען, און צווישן הון און קאָמפּאָט דערלאַנגט ער אַ זיפץ און מורמלט צו זיך אַליין:

— יאָ, דורות-לאַנג האָבן זיי געלעבט ווי פרומע קאַטאָליקן און פונדעסטוועגן האָבן זיך ניט אַלע פאַרמישט מיט די גויים...

— ווער? — פרעגט געהיים-ראַט דאָקטער פראַנקנשטיין.

אָבער סימאָן זאַלקינד איז שוין ווידער פאַרטיפט אין זיינע ביכער

און ברָאשורן. ער הערט ניט און זעט קיינעם ניט. פרוי דאָקטער ברענגט אריין א נידעריק בענקעלע און שטעלט עס אוועק אין מיטן צימער:

— ס'איז א מנהג אזא ביי מיין מאַן — דערקלערט זי אונדז — צו שפרינגען פונקט צוועלף א זייגער ביינאַכט אין דאָס נייע יאָר אריין. צוליב זיין רעאומאַטיזם וועט ער היי-יאָר ניט קענען שפרינגען פון קיין הויכן שטול.

די ווייזערס דערנענטערן זיך צו צוועלף. הער דאָקטער באַיער קלעטערט אַרויף אויפן בענקל. אין דרויסן שטייגט דער טומל. מען טרומייטערט מיט טרומייטערס און מען שרייט מיט באַנומענע קולות. און מיטאַמאָל שפרינגט אויף סימאָן זאַלקינד און דערלאַנגט א געשריי:

— איך האָב עס! אויך די סאַנטאַ-מאַרינאַ'ס שטאַמען פון יידן!... כמעט אַלע „סאַנטאַ'ס" שטאַמען פון יידן. און וועגן די סאַנטאַ-מאַרינאַ'ס האָב איך א קלאָרן באַוויז...

אָבער ער באַווייזט ניט צו באַווייזן. הער דאָקטער באַיער ווערט בלאַס און וואַקלט זיך אויפן בענקל. ערגיץ־ווו קלינגט א זייגער צוועלף. א הילכיקע שיסעריי רייסט זיך אָפּ אין אַלע זייטן. הער דאָקטער שפרינגט פון בענקל אין נייעם יאָר אַריין און מיר אַלע שרייען:

— א גוט ניי-יאָר! א גליקלעך ניי-יאָר!

נאָר דאָקטער באַיער שרייט ניט. ער בלייבט ליגן אַן אויסגעצוויגענער אויפן דיל. אַלע בויגן זיך איבער אים. געהיים־ראַט פראַנקענשטיין טאַפּט זיין פולס:

— רופט א דאָקטער! — זאָגט ער שטיל.

פּראָפעסאָר פרענקל קאָנסטאַטירט א האַרץ-שלאַג. זאַלקינד איז ווייטער פאַרטיפט אין זיינע ביכער וועגן דעם אָפּשטאַם פון די מאַראַנען: „ זיי פלעגן צוגעבן דאָס וואָרט „סאַנטאַ", וואָס מיינט

„הייליקער‟, צו זייער נאָמען, כּדי עס זאָל קלינגען עכט-קאַטויליש...‟ — מורמלט ער פאַר זיך. הילדע לויפט צום טעלעפאָן:

— כ׳וועל אָפּרופן ראָבערטאָ׳ן! — זאָגט זי.

— ניין, ניין, שטערט ניט די קינדער! — כאַפּט זיך אויף פּרוי דאָקטער פון איר פאַרגליווערונג — ביי די סאַנטאַ-מאַרינאַ׳ס איז נראַדע פאַרזאַמלט די גאַנצע משפּחה.

— אפשר זאָל מען זאָגן „קדיש‟? — פרעג איך הילדע׳ן אין דער שטיל.

— געדענקסט אויף אויסוועניק? — פרעגט זי.

אויף צו להכעיס פאַרגעס איך דעם אָנהויב. הילדע נעמט מיך אָן ביי אַ האַנט:

— קום! — זאָגט זי. זי פירט מיך אין דאָקטער באַיער׳ס ביבליאָטעק. מיר איילן דורך אויסגעלאָשענע קאָרידאָרן. אויפן וועג שטויסן מיר זיך אָן אָן בראָנזענע פערד און צעשמעטערן כינעזישע פאַרצעליי-וואַזעס. אין איינעם פון די צימערן מאַכט זי ליכט.

לענגאויס די ווענט שטייען גלעזערנע שאַפעס און פּאָליצעס מיט ביכער, וואָס גרייכן ביז צו דער סטעליע: דיקע ענציקלאָפּעדיעס, געזאַמלטע שריפטן מיט גילדערנע אותיות אויף די רוקנס, קלאַסיקער אין לעדער-באַנדן, זעלטענע אויסגאַבעס.

— אָבער וואו נעמט מען אַ סידור?

אָט איז אַן אַלטע אויסגאַבע פון היינע! — דערלאַנגט מיר הילדע אַ בוך, געדרוקט אויף האָליץ־פּאַפּיר — ניטאָ דאָרט ביי אים ערגיץ־וואו דעם קדיש?

מיר גייען צוריק. הילדע מאַכט ליכט אין די קאָרידאָרן. די געמעלדער פון די ווענט קוקן אונדז אָן מיט דערשטוינענע אויגן. איך

ה. אַיאַלטי

בלעטער דאָס בוך און ווען איך קום צוריק אין זאַל, לייען איך אויפן קול, מיט אַ ניגון:

„מען וועט קיין קדיש ניט זאָגן

מען וועט קיין „מעסע" ניט לייענען — — — "

פרוי דאָקטער הויבט אויף פאַרוויינטע אויגן און רעדט צו הילדען:

— זייט אַזוי גוט, — זאָגט זי — און טעלעפאָנירט צו ראַ-בערמ׳ן!

— צו די סאַנטאַ-מאַרינאַ׳ס אין הויז? — קווענקלט זיך הילדע.

— יאָ — זאָגט פרוי דאָקטער — ווייבאַלד... ווייבאַלד אייער יונגערמאַן זאָגט, אַז זיי שטאַמען סאַי ווי פון יידן...

ניו-יאָרק 1947.

# דער באבעס „בעסטסעלער"

(געשריבן אין ניו־יאָרקער דיאַלעקט)

# דער באָבעס
# „בעסטסעלער"

נו, איז וואָס זאָגסטו, מאמע? — האָט געזאָגט רייטשעל.

— וואָס זאָל איך זאָגן? איך ווייס אַליין ניט...

זינט איר מאַן, רב שמואל גרינבערג, איז געשטאָרבן, האָט פּראַדל געלעבט איינע אַליין אין איר קליינעם אַפּאַרטאַמענט אין וויליאַמס-בורג. מיט אַ וואָכן אַכט צוריק איז ער געשטאָרבן, איר מאַן. די קינדער האָבן אָנגעהויבן צושטיין, אַז זי זאָל זיך אַריבערקלייבן צו איינעם פון זיי. (נו, יאָ, אַלע האָבן זיי געהאַט אין זינען רייטשעל'ן...)

— וואָס פאַר אַ תכלית איז עס פאַר אַן אַלטער מאַמען צו וווינען איינינקע אַליין? — האָבן זיי גע'טענה'ט.

זי האָט געהאַט גוטע קינדער, מיסעס פּראַדל. וואָרן פאַראַן אין אַמעריקע אויך קינדער, וואָס ווילן ניט וויסן פון אַן אַלטער מאַמען. ס'הייסט צושיקן אַ פּאָר טאָלער — יאָ, אָבער אַריינעמען אַן אַלטע מאַמע צו זיך — דאָס ניט! אָבער פּראַדל האָט געהאַט טייערע קינ-דער און די בעסטע פון זיי איז געווען רחל'ע, וואָס אויף אַמעריקאַניש רופט מען זי רייטשעל. זי האָט געוווינט אין „ברייטאָן-ביטש", רייטשעל, אין אַן אייגענער הייזקע טאַקע, און ווי נאָר עס זיינען

אַריבער די טעג פון טרויער האָט זי אַ רעד געטאָן מיט דער מאַמעס אָפענע רייז:

— וועסט אַריבערמופן צו מיר, מאַמע, גוט?

— אַזש קיין בריטאַן? אויף שטענדיק?

פּראַדלען איז געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן:

— דאָ בין איך מיר אין דער היים — האָט זי געגרעדט מיט אַ שטילן טרויער — איך האָב מיר מיין שול, וואו איך גיי דאַווענען, באַקאַנטע ווייבער... יידישע מענטשן...

און אין בריטאַן, מיינסטו, וואוינען גאָלע גויים? האָט רייטשעל פּראָטעסטירט — וואָסי, ניטאָ קיין שול אין בריטאַן? און קיין ווייבער פעלן דאָרט אויך ניט! אַז סע קומט דער זומער, ווערט דער ים פול מיט ווייבער, קיין עין הרע ניט. מער ווייבער ווי וואַסער!

די אַלטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ווי האָט יענער געזאָגט? יעדער האָן איז אַ בעל-הבית אויף זיין מיסט.

— און די לופט איז ביי אונדז אויך אַ בעסערע — האָט רייטשעל זיך דערמאָנט — דו וועסט שלאָפן אין דער רומקע מיטן פענסטער צום ים.

מיט אַ פענסטער צום ים?... די אַלטע פּראַדל האָט זיך דערמאָנט, ווי זי פלעגט מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק פאָרן מיט די קינדער צום ים, שעפּן פרישע לופט. די סאַבוועיס זיינען געווען געפּאַקט און היים איז געווען, דערשטיקט צו ווערן. דעם קלענסטן, דייוויד'קען, פלעגט זי האַלטן ביי דער האַנט. מינע'לע האָט זיך געהאַלטן ביי איר קלייד. אויף די גרעסערע האָט מען אויך געמוזט האַלטן אַן אויג, זיי זאָלן ניט פאַרפאַלן ווערן אין רעש. רייטשעל פלעגט טראָגן דעם קאָשיק מיט עסנוואַרג. זי איז שטענדיק געווען אַ טייער קינד, רייטשעל...

א טרער האָט א פינקל געטאָן אין פראדל'ס אויגן.

— נו, וויין ניט, מאמע!

— איך וויין דען?... איך וויין ניט! פארוואָס זאָל איך וויי־נען? — האָט ביי דער אַלטער זיך געבראָכן די שטימע — און סעם? וואָס זאָגט סעם?

— סעם זאָגט דאָס זעלבע, וואָס איך זאָג. און די קינדער פרעגן שוין יעדן טאָג: „ווהען איז גרען מא קאמינג?"

פראדל האָט זיך געלאָזט איבערעדן, צוליב די אייניקלעך טאָקע. זי האָט צוויי גילדערנע טייבעלעך, רייטשעל, און דער באָבען איז אויסגעגאנגען דאָס חיות נאָך די אייניקלעך. נו, איז גיי שלעפּ זיך יעדע וואָך אַזש קיין ברייטאָן! און אייניקלעך דארפן טאָקע האָבן א באָבען אויך. וואָרן וואָס ווייסן אַמעריקאנער מאמעס וועגן האָדעווען קינדער?

פונדעסטוועגן זיינען אריבער א היפּשע ביסל וואָכן ביז פראדל האָט זיך אַנטשלאָסן צו מופן. אַזוי לייכט נעמט מען עס און מען צעברעכט א באַלעבאַטישקייט? ס'איז איר געוועזן שווער אויפן הארצן, ווי זי וואָלט זיך ווידער אַמאָל געדארפט לאָזן מיט האַק און פּאַק איבערן ים.

א צען טעג פארן מופן איז געקומען רייטשעל, כדי צו דערלויי־דיקן וועגן די זאכן. מען האָט זיך געדונגען וועגן יעדן שטיקל מעבל:

— צו וואָס דארפסו מיטנעמען די אַלטע שאפע? — האָט גע'טענה'ט רייטשעל.

— וואָס הייסט צו וואָס?... די שאפע שטייט שוין ביי מיר אפשר פערציק יאָר!

— אָבער ביי מיר זיינען פאראן איינגעבויטע קלאָזעטס אין די

וועגט! און דעם אַלטן פּאַטעל איז אויך אַן עבירה צו שלעפּן! —
אין רייטשעל צוגעשטאַנען.

— וואָס הייסט מע'ט אַרויסוואַרפן דעם פּאַטעל?... אַזאַ פּאַטעל!

— ווער רעדט דען וועגן אַרויסוואַרפן? — האָט רייטשעל גערעדט מיט גוטן — מע'ט אים פאַרקויפן.

צום סוף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם שרענקל מיט די ביכער:

— און צו וואָס זאָלן מיר מיטנעמען די אַלע בוקס? — האָט זי געזאָגט — אַז ס'איז גאָר ניטאָ ביי מיר קיין פּלאַץ, וואו זיי צו שטעלן. און ווער וועט זיי דען לייענען?

— אָבער וואָס רעדסטו, טאַכטערשי? — האָט די אַלטע זיך אַ כאַפּ געטאָן — וועסט דאָך ניט נעמען און אַרויסוואַרפן דעם טאַטנס הייליקע ספרים?!

— ווער זאָגט דען אַרויסוואַרפן? מע'ט זיי אָוועקגעבן אין אַ טעמפּל... אַ סינאַגאָג... אַ שול... דאָרט קומען אַריין מענטשן, וועלן זיי לייענען... לערנען...

פּראַדל האָט נאָכגעגעבן מיט אַ ביטער האַרץ. נאָך ערגער איז געווען מיט די יידישע ביכער. טאָקע גלאַט ביכער, מעשיות צום לאַכן און צום וויינען, אָבער פּאָרט געדרוקט מיט יידישע אותיות. דער אַלטער, עליו השלום, האָט זיי גאָר שטאַרק ליב געהאַט. שכנה'טעס זיינען איר מקנא געווען:

„איי, איי, וויפל ביכער איר האָט, מיסעס פּראַדל!"

„מיין מאַן האָט זיי אַלע אויסגעלעזן" — פלעגט פּראַדל שטאָל-צירן — „פון טאָוול צו טאָוול!"

רייטשעל האָט געהאַט ניט נאָר אַ גאָלדן האַרץ נאָר אויך אַ טייערן קאָפּ:

— וואַרט, מאַמע, — האָט זי זיך דערמאָנט — דו געדענקסט, אַז איך בין אַמאָל געגאַנגען אין אַ יידישער שול? טאַקע פון פּלעין יידיש... ווי ט'עס געהייסן?... כ'על זיך אַריבערכאַפּן צום לערער. וועסט זען, אַז ער'ט נאָך אַליין קומען נעמען די ביכער.

פראַדל האָט אָפּגעקליבן אירע פּערזענלעכע ספרים: די מחזורים פאַר די ימים-טובים, דעם דיקן „קרבן מנחה"-סידור און אַן אַלטע „צאינה וראינה", וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון יענער זייט ים. ווען מען איז געקומען נעמען די אַנדערע ביכער, האָט זי דערפילט אַ ריס אין האַרצן, ווי זי וואָלט נאָך אַמאָל געגאַנגען אויף דער לוויה פון איר מאַן, עליו השלום. דערנאָך איז געקומען דער „דילער" פון אַלטע „פוירניטשער", האָט געדרייט מיט דער נאָז און האָט אָנגעבאָטן גראָשנס פאַר דאָס גאַנצע מעבל. פראַדלען איז געוואָרן אַזוי צו מוט, אַז זי איז שוין געווען צופרידן, ווען ס'איז געקומען דער טאָג פון מופן.

און אָט איז זי שוין אין ברייטאָן-ביטש. אַ ביסל האָט זיך געבענקט נאָך וויליאַמסבורג און אַ ביסל האָט זי זיך צוגעוווינט. ווי האָט יענער געזאָגט? זאָל מען ניט געפּרוווט ווערן צו וואָס מען קען אַלץ געוואוינט ווערן. און קיין אומזיסט ברויט עסט זי אויך ניט: זי העלפט אַרויס צו ביסלעך אין קיך, ביים אויפרוימען דאָס הויז, פירט אַרויס די קינדער צום ים. און אַז סעם מיט רייטשלען גייען אויס, איז זי די „בעיבי סיטערקע".

אָבער איר מאַנ'ס ספרים קען זי ניט פאַרגעסן. ווען זי שטויבט אַרום די פּאָליצעס מיט רייטשעל'ס „בעסטסעלערס", פאַרקלעמט עס איר יעדער מאָל ביים האַרצן:

— אַלץ ווענדט זיך אָן מזל! — דערלאַנגט זי אַ זיפץ — אפילו אַ מעשה-ביכל.

סוף ווינטער האָבן מוטער און טאָכטער זיך גענומען אויפרוימען

דאָס הויז לכבוד פּסח, רייטשעל האָט אַרומגעשטויבט אירע ביכער מיטן עלעקטרישן „וואַקוואום קלינער". פאַר איין וועג האָט זי שוין אָפּגעקליבן מער ווי אַ טוץ ביכער און זיי איינגעבונדן אין צוויי פּעקלעך.

— וואָס ווילסטו טאָן מיט זיי? — האָט פראַדל אַ פרעג געטאָן.

— די נייערע וועט סעם אַוועקפירן אין אַ בוק-סטאָר. אפשר וועט ער קריגן אַ פּאָר סענט פאַר זיי. די אָפּגעניצטע וועט מען אַרויסוואַרפן.

— אַרויסוואַרפן? — האָט די מאַמע זיך דערשראָקן — די בעסטסעלערס?

— יאָ... — האָט רייטשעל אַ שמייכל געטאָן.

זי האָט געוואוסט, אַז ביי דער מאַמען זיינען אַלע ענגלישע ביכער „בעסטסעלערס". פראַדל האָט זיי טאַקע קיין מאָל ניט געלייענט, אָבער דורך־אַרױס פאַר זיי האָט זי געהאַט. די קינדער האָבן זיי געשלונגען: צוערשט די „קאָמיקס" און דאַן די „בעסטסעלערס". אפילו אַ שידוך האָט רייטשעל געטאָן ניט דורך אַ שדכן נייערט דורך אַ בעסטסעלער.

פראַדל געדענקט נאָך — אַט ווי נעכטן וואָלט עס געווען — ווי סעם איז צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען מיט אַן אָפּיציעלן וויזיט צו רייטשלען. אַ יאָר זיבעצן איז זי דאַן אַלט געווען. הייַנטיקע קינדער — האָט מען זיי איבערגעלאָזט אַליין אין פּאַרלאָר. אַ מאַמע איז דאָך אָבער אַ מאַמע — האָט זי צוגעלייגט אַן אויער פון דער אַנדער זייט טיר. איז וועגן וואָס, מיינט איר, האָבן זיי אַ שטייגער גערעדט? — וועגן אַ בעסטסעלער! עפּעס אַ בוך, אַזוינס און אַזעלכעס, מען האָט פאַרקויפט דערפון אַ מיליאָן קאָפּיעס, מען האָט דערפון געמאַכט אַ מואַווי אין האָליוואָוד, מע גייט עס שטעלן אויף „בראָדוועי", מען האָט... מען וועט...

זיי האָבן אַזוי אָפּגעבעסטסעלער'ט ביז האַלבער נאַכט און אין צוויי יאָר אַרום האָבן זיי מיט מזל חתונה געהאַט.

— וואָס איז געוואָרן פון יענעם בעסטסעלער, וואָס דו האָסט וועגן אים גערעדט אַ גאַנצע נאַכט מיט סעמ׳ען ? — האָט זי אַ פרעג געטאָן רייטשעל׳ן, וועלכע האָט דערווייל אַראָפּגענומען נאָך אַ פּאָר ביכער פון דער פּאָליצע, זיך אַ ווײַלע געקווענקלט און זיי סוף-כל־סוף צוגעלייגט צום פּאַק.

— ווען ? — האָט די טאָכטער זי דערשטוינט אָנגעקוקט.

— ווען איר זענט נאָך געווען חתן-כלה... אַרום צוויי יאָר פאַר דער חתונה — האָט די אַלטע געלאַסן אויסגע׳חשבונ׳ט — ס׳הייסט מיט אַ יאָר פופצן צוריק.

— פופצן יאָר ?... אַ שמאַטע אוודאי ! — האָט רייטשעל אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — שוין פון לאַנג אַרויסגעוואָרפן !

— אַ שמאַטע ? — האָט די אַלטע ניט געוואָלט גלויבן אירע אייגענע אויערן.

— אַלע בעסטסעלער׳ס פון פופצן יאָר צוריק זײַנען געווען שמאַטעס ! — האָט די טאָכטער אומבאַ׳רחמנות׳דיק גע׳פסק׳נט.

פראַדלס פאַרדרוס קעגן די בעסטסעלערס איז מיטאַמאָל פאַר־שוואונדן. זי האָט גאָר רחמנות געקראָגן אויף זיי. הערסט אַ מעשה ? נעכטן איז ער דיר ווערט געווען אַ מיליאָן, געווען אַ יחסן, אַז הימל עפן זיך, האָט געקירעוועט וועלטן, און היינט — גאָרניט, אַ שמאַ-טע !... אַרויסגעוואָרפן אויף צוויי שפּענדלעך...

רייטשעל האָט צוגעלייגט נאָך אַ ביכל צום פּאַק, אַ שפּאָגל-נײַ בוך, כמעט. ווען זי איז אַ ווײַלע שפּעטער אַרויס אײַנקויפן, האָט פראַדל זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צו זיך אין צימער. מיט אַ קלאַפּנ-דיקן האַרץ האָט זי זיך גענומען איבערקוקן אירע אייגענע ספרים. זיי זײַנען אַלע געשטאַנען אויף זייער אָרט : די מחזורים, דער דיקער „קרבן־מנחה"-סידור און די „צאינה וראינה", וואָס אַזאַ קריגט מען

גאַרניט אין אַמעריקע. די אַלטע האָט פּרייער אָפּגעאָטעמט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטול.

„און נאָך מיין טויט? וועט מען זיי אַרויסוואַרפן?" — האָט אַ טונקעלער געדאַנק פאַרוואָלקנט איר זיכערקייט.

זי האָט אים פאַרטריבן, ווי מען פאַרטרייבט אַ געדאַנק וועגן טויט. פּאַמעלעך האָט זי זיך געלאָזט גיין אין באָד־צימער און האָט געוואַשן די הענט. קומענדיק צוריק, האָט זי איינגענעצט אַ פינגער אָן שפּיץ צונג און אויפגעמישט אַ בלעטל אין דער „צאינה וראינה".

אירע ליפּן האָבן זיך שטיל באַוועגט. אַ רואיקייט האָט אַראָפּגענידערט אויף איר:

„אָט דאָס הייסט אַ בעסטסעלער!" — האָט זי אַ קלער געטאָן, קייענדיק פּאַמעלעך די שווער פאַרשטענדלעכע ווערטער וועגן גאָט, וועלט און אייביקייט.

ניו־יאָרק, 1950.

## די פאָלגנדיקע דערציילונגען זיינען פריער געווען געדרוקט:

שכינתא בגלותא — אין „די צוקונפט" (ניו־יאָרק), „אונדזער וואָרט" (פאַריז), „יאָר־בוך" (אַרגענטינע), „קאָמענטערי" (ענגליש, ניו יאָרק).

א באַנקעט אין מעקסיקאָ-סיטי — „יידישער קעמפער" (ניו יאָרק), „פאָלקסבלאַט", (מאָנטעווידעאָ).

דער טשעק און די „אייביקע קוואַלן" — „קאָמענטערי" (ענגליש, ניו-יאָרק).

משיח'ס אייזל — „יידישער קעמפער" (ניו-יאָרק), „אונדזער וואָרט" (בוענאָס איירעס).

דער מעמאָראַנדום פון די ל"ו — „ביאַליסטאָקער שטימע (ניו־יאָרק), „יידיש" (פאַריז), „פרעסע" (בוענאָס איירעס), „קאָמענטערי" (ענגליש, ניו-יאָרק).

די אנטדעקונג פון טראַטאַגוואַי — „יידישער קעמפער" (ניו-יאָרק), „יידיש" (פאַריז), „אויפבוי" (אויסטראַליע), „דזשויש פראָנטיר" (ענגליש, ניו-יאָרק).

צו א ברעג — „יידישער קעמפער" (ניו־יאָרק), „פרעסע" (בוענאָס איירעס), „אויפבוי" (אויסטראַליע), „דזשויש ספעקטעיטאָר" (ענגליש, ניו־יאָרק) „יידישע רונדשאַו" (דייטש, מינכען).

פון ווייטן וועסטן זען דאָס לאַנד — זאַמלביכער ד, רעד. י. אָפּאַטאָשו — ה. לייוויק, (ניו־יאָרק).

דער באָבעס „בעסטסעלער" — „פאָרווערטס" (ניו יאָרק).

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de Noviembre de 1950, en los Talleres Gráficos "Universal" Maldonado 811 Teléf. 8 61 13 — Montevideo - Uruguay